STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07112

MAYN HOREVE HEYM

Jose Horn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[illegible]
צום רעצענזירן
מיט דאנק אלזן
פֿריינט שאַפֿ-
[illegible] מחבר
[illegible]

מיין חרובע היים

י. הארן

מיין חרובע היים

א אידיש שטעטל אין פוילן צווישן ביידע
וועלט־מלחמות

●

בוענאס איירעס

1946

IMPRESO EN LA ARGENTINA

PRINTED IN ARGENTINE

I. HORN

MAIN JOREVE HAIM

"UN HOGAR EN RUINAS"

(Historia de un pueblito judío de Polonia, entre las dos guerras mundiales)

●

BUENOS AIRES - 1946

Tall. Gráf. CULTURA, Sarmiento 2157 - Buenos Aires

אַ פּאָר ווערטער

דאָס אידישע געמיט איז פאַרגאָסן מיט בלוט. און טרעבלינקע, מיידאַנעק, אָשוויענטשים און די נעמען פון אַנדערע מאָרד־לאַגערן, זיינען אריין אין זכרון פון אונזער פאָלק. אין די מאָרד־לאַגערן, איז געהערט געוואָרן דער לעצטער ווייגעשריי, די לעצטע קללה, וואָס מיליאָנען אידן האָבן געגעבן די נאַציס; און דאָרט ביי די גאַז־אויוונס ליגט דאָס אַש פון אונזערע טאַטעס, מאַמעס, ברידער, שוועסטער און קינדער.

יעדער פוילישער איד, איז היינט אַ פילפאַכער אבל, אַ לעצטער צווייג פון אַ פאַמיליע, וואָס האָט הונדערטער יאָרן געלעבט אין פוילן.

ביי די טייכן פון פוילן, זיינען מיר געזעסן און דאָרטן אויסגעזונגען אונזער אייגן ליד, אָן מורא פאַר המשך און אָן ציטער פאַר נאַציאָנאַלן קיום. דער שענסטער, דער אייגנהייטלעכסטער, דער שעפערישסטער אידישער צענטער אין דער וועלט, איז געווען פוילן. ביי די פייערן פון אידישן פוילן, האָבן זיך געוואָרעמט די נייע אידישע היימען אין דער גאַנצער וועלט, און אַלע אונזערע באַוועגונגען האָבן געטרונקען פון די אידישע קוואַלן אין פוילן.

ד אָ ס א י ד י ש ע ש ט ע ט ל א י ן פ ו י ל ן.

ווי עכט און ווי אייגן מיר אידן, האָבן דאָרט געלעבט. דער בעסטער עדות איז די אידישע ליטעראַטור און גאַנץ באַזונדער די אידישע פּרעסע.

היינט איז אין פוילן — פון דריי און אַ האַלב מיליאָן אידן — געבליבן אַ באַרג אַש. און די גאָר קליינע צאָל לעבנגעבליבענע, גייען אַנגעטון אין שמאַטעס, ליידן הונגער און זיי פאַרלאַנגען ביי אונז אידישע ביכער און ספרים.

ביז איצט, האָבן נאָך די לעבנגעבליבענע אידן אין פוילן, זייערע בערעכטיגטע טענות צו אונז אידן אין די אַמעריקעס ניט אַרויסגעבראַכט. אויך דער חשבון מיט די פּאָליאַקן, מיט וועמען מיר אידן, זיינען קרוב טויזנט יאָר געזעסן טיר־ביי־טיר, איז נאָך ניט אונטערגעצויגן און דאָס וואָרט, וואָס זאָל איבערגעבן אונזער פאָלקס־בראָך און יחידישן צער, איז נאָך אויך נישטאָ.

אידישער אויפשטאנד קעגן די רוצחים, העראָישער ווידער־שטאנד אין געטאָ, ווידער־אויפבוי פון אידיש לעבן אין פוילן — דאָס אלץ געהער זיי און בלויז זיי — די אידן אין פוילן.

מיר אידן אין די אנדערע לענדער, קאָנען בלויז טרויערן, פאַרצייכענען און פאראייביקן טיילן פון אונזער פארשניטן לעבן.

געוועזן אין פוילן, אויף דער ליניע ווארשע־בריסק, א קליין אידיש ארבעטס־שטעטל מיטן נאָמען: מעזריטש, האָבן עס די נאַציס חרוב גע־מאַכט. פון קרוב פערצן טויזנט אידן, זיינען אין שטעטל געבליבן איין און זיבעציק. האָב איך זיך באמיט צו פארצייכענען שטיקער פון אידישן לעבן אין מיין שטעטל, ארומנעמענדיק הויפטזעכלעך דעם פעריאָד פון צווישןביידע וועלט־מלחמות: 18-1914 און 1939 און ווייטער.

איך ווייס וויפל פלאץ, דאָס אידישע שטעטל פארנעמט אין אונזער ליטעראטור און זשורנאליסטיק. אויב איך וועל אין „מיין חרובע היים" האָבן ארויסגעבראכט, ניט מער, ווי א טייל פון דער אייגנארטיקייט פונעם אידישן לעבן אין פוילישן שטעטל, און אין א געוויסער מאָס, געבראכט צום אויסדרוק: די נאַציאָנאלע און סאָציאלע בענקשאַפטן, קאמפן, שטרע־בונגען און פארמעסטן פון מיין דור, דעם דור פון צווישן ביידע וועלט־מלחמות, וועל איך האָבן, כאָטש עפעס דערגרייכט.

אָט וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן, בעת איך גיב איבער „מיין חרובע היים" אין רשות פון לייענער.

ב. איירעס, יוני 1946

י. ה.

מיר וואָס זיינען ניט געקומען צו קבר ישראל,
לאָמיר זיין אין דיר באַגראָבן.
זאָל דיין האַרץ ווערן אונזער ברידער־קבר,
און דיינע אויגן שפּיגלען פון אונזערע יסורים.

יעקב גלאַטשטיין

דורות אידיש לעבן

פוילן.

אויף דער ליניע וואַרשע־בריסק, ביים ברעג פון טייך „קושנאַ" ליגט אַ שטאָט מיטן נאָמען: מעזריטש.

אַרומגענומען איז די שטאָט מיט אַלטע און געדיכטע וועלדער און פון דריי זייטן שווענקט זי זיך אין קליינע, שטילע וואַסערן. ביז 1731 האָבן זיך די פּריצים אין מעזריטש געהאַלטן אין איין בייטן. פון יאָר 1731 גייט איבער די שטאָט, מיט די פעלדער און וועלדער, צוזאַמען מיטן גרויסן „הויפישן סאַד" צו די באַרימטע פּריצים: די טשאַרטאָריס־קיס, און פון יאָר 1844 צו די פּאָטאָצקיס.

ערב דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן די שטאָטישע גיטער געהערט צום יונגן גראַף: יאַן פּאָטאָצקי, וואָס האָט פאַרלוירן אַלע זיינע ירושה־פאַרמעגנס און ער מיט זיין הינקעדיקן ברו־דער, ביי וועמען דאָס פּנים איז צעשניטן געוואָרן ביי אַ דועל, זיינען גע־בליבן וואוינען אין אַלטן שלאָס, פון וואַנען ס'האָט זיך געצויגן „אַ שמאַל וועגל" צום לובלינער שאָסיי.

אין 1939, האָט די שטאָט געציילט ביי די 14.000 אידן, וואָס האָט באַטראָפן אַרום 84 פּראָצ. פון דער באַפעלקערונג, שוין אַריינגערעכנט די פּאַליאַקן פון די אַרומיקע 6 דערפער, וואָס דער וואָיעוואָדע פון לוב־לין האָט צוגעטיילט צו דער שטאָט, כדי גרעסער צו מאַכן די צאָל פּוי־לישע ראַטמענער אין שטאָט־ראָט. קיין שטער פאַר דעם אייגנאַרטיקן אידישן לעבן, וואָס האָט זיך געצויגן שוין זייט הונדערטער יאָרן, איז דאָס אָבער פאַרט נישט געווען.

וויַ אַלט איז די שטאָט?

לויט אַ לעגענדע, איז די נייע שיל געבויט געוואָרן מיט העכער 400 יאָר צוריק. פאַר וועלכע דער גאָר אַלטער פּאָטאָצקי, האָט געשאָנקען דעם פּלאַץ און אויך די גויטיקע בוי־מאַטעריאַלן.

פון אַ דאָקומענט, וואָס איז געפונען געוואָרן אין שטאָטישן „היפּאָ־טעק", האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָך דעם, ווי מ'האָט אין יאָר 1760, פאַרענדיקט דאָס בויען דעם בית־המרחץ, האָט אידיש קהל, אַרויסבאַקר־מען ביים בישאָף פון לוצק, וואָס האָט דאַן געהערשט איבער דער מעז־ריטשער פאַראַפיע, די פּריווילעגיע צו בויען די נייע שיל און דאָס איז געווען אין 1761־טן יאָר.

אין אַלטן שטאָטישן אידישן פּנקס, וואו ס'איז געווען פאַרצייכנט אַן אָפּמאַך צווישן קהל מיט אַ נייעם רב, איז אויך געווען צוגעשפּילעט אַ דאָקומענט וועגן עפּעס אַ שבועה, וואָס דער שמש האָט צוגעשריבן אין אידיש:

„פר מיר איז גישעהן דז שלמה און זיין ווייב האָבן זיך גיחתמית מיט אירה הענט אירה חתימות". אונטער די דאָזיקע אידישע ווערטער, איז געצייכנט דאָס יאָר 1671.

:: :: ::

די געשיכטע פון מעזריטש הויבט זיך אייגנטלעך אָן פון 14־טן יאָרהונדערט. וואָרום, אין אַ ווינקל פון „קאַשטשאַל" איז געווען אויסגע־קריצט דאָס יאָר 1446. און ווי דער „בלינדער גלח" פלעגט זאָגן, מיט שטאָלץ, האָט זיך די שטאָט אָנגעהויבן בויען אַ סך, אַ סך, פריער.

ווער ווייסט דאָס — פלעגט דער גלח זיך האַלטן ביי זיינס — בויען אַ „קאַשטשאַל" אין מיטן פעלד.

אידישע סטודענטן מיט חוש פאַר געשיכטע, פלעגן מאַכן אַלע אָנ־שטרענגונגען, זיך צו דערשלאָגן צום ארכיוו פון „קאַשטשאַל", וואָס דער יונגער גלח, דער „קאַנאָניק" װלאַדיסלאַוו, האָט געהאַט אין זיין רשות.

צום אייזערנעם קעסטעלע, וואו ס'איז געלעגן אַ רשימה פון די ערשטע איינוואוינער און צווישן זיי די נעמען פון אַכט אידן, האָט זיך אָבער קיינער ניט געקאָנט דערשלאָגן.

אין די פּרייטיקס, ווען חיה דעם פישערס פלעגט דעם „בלינדן גלח" אָפּקאָכן אַ גוט ביסל פיש־יויך, פלעגט דער גלח, פון באַגייסטע־רונג זאָגן אַ פּאָר העברעאישע ווערטער און דערביי ריידן וועגן די אַכט ערשטע אידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין שטאָט, בשעת זי איז נאָך גע־ווען וויסט און פּוסט.

אין גלחס קעסטעלע זיינען געווען אַכט אידן, אָבער אין שטאָט, האָט געברויזט מיט אידיש לעבן. דער רעש איז אַפילו דערגאַנגען צום גלחס פענצטער. אידן פלעגן דאָרט באַטאַפּן די פּירלעך, וואָס זיינען געקומען פון די באַגענטע דערפער און האָרט ביים „קאַשטשאָל", איז געגאַנגען אַ האַנדל.

אידן, אידענעס און קינדער זיינען אויך צענדליקער יאָרן געלאָפן מיט קעסלען, בינקעס און טשייניקס און געשעפּט קאַלטע וואַסער פון גלחס ברונעם. מיט דער „זילבערנער וואַסער" פון „הינטערן קאַנאַניק", האָבן אידישע ווייבער אין אַלע עקן שטאָט, געקאָכט „פּערל־קאַשעס" און „שיטערע קאַשע מיט קאַרטאָפליעס", וואָס איז אַריין אין אַלע אברים. און דאָך פלעגט באַפאַלן אַ מורא, ווען מ'איז פאַרבייגעגאַנגען דעם קלויס־טער. פון איבער די הויכע ווענט האָט געיאָגט מיט שרעק און די דאָזיקע שרעק, האָט באַגלייט יעדן דור.

אין שטאָטישן זכרון זיינען געלעגן טיף פאַרבאַהאַלטן אַ סך, אַ סך בלוטיקע מאָמענטן, וואָס אידן האָבן געהאָט אויסצושטיין. יעדער נייער פּאָליטישער גילגול, האָט געבראַכט אַנדערע צרות. אָט, הערשן די פּאָ־ליאַקן און אָט איז די שטאָט אונטער דער עסטרייכישער אָקופּאַציע. שפּעטער, ווידער פּוילישע הערשאַפט, דערנאָך קומט דער רוסישער „זאַ־באָר"; דערנאָך קומען ווידער פּאָליאַקן, די דייטשן, די רויטע אַרמיי, די היטלעריסטן, די סאָוועטן און לסוף, איז די שטאָט ווידער אונטער דער פּוילישער הערשאַפט.

די אַלע עפּאָכעס האָבן געלאָזט טיפע צייכנס אויף דער באַפעלקערונג.

אין אייניקע גמרות אינעם „גרויסן בית המדרש", האָט אַן אומבאַקאַנטער מחבר פאַרשריבן לדורות, אַז גויאים האָבן זיך מיט ווידלעס און העק אַ לאָז געטון ערב פסח אין די אידישע גאַסן אַריין. אויף אַ צווייט פּלאַץ איז מיט דער זעלבער האַנטשריפט געווען פאַרשריבן, אַז ביי דער „גרויסער שריפה", ווען די מלבושים אויף די לייבער האָבן געברענט, האָבן גויאים געכאַפּט אידיש פאַרמעגן. ווייטער ווערט דערציילט, וועגן אַ גרויס געשלעג צווישן פּאָליאַקן מיט אידן, ווען די אידן האָבן זיך ניט געלאָזט צונעמען זייערע חלקים וואַלד וואָס האָט צו זיי געהערט, ווי אַ צוגאָב צו זייערע הייזער אין שטאָט.

אַלע פּרייטיק באַגינען, פלעגן אידן מיט פערד און וועגעלעך זיך לאָזן אין „קאָנקעלעוויצער וואַלד" אריין נאָך צווייגן, און זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים. שפּעטער, זיינען איבער די חלקים וואַלד, געפירט געוואָרן פּראָצעסן אין די גרויסע רוסישע געריכטן און... אידן האָבן זייערע „סערוויטוט"-קוויטן געהיט, ווי אַ טייערן אוצר. ערשט אין 1930, האָט דאָס פּוילישע אַגראַר מיניסטעריום ליקווידירט די סערוויטוטן.

אידן אין שטעטל.

אַלע גאַסן און געסלעך אין שטעטל זיינען פול געווען מיט אידן, חוץ אין אַ ווינקל, אויף „פּישטשאַנקע" און אויפן וועג צום באַן, וואו ס'זיינען „געזעסן" פּאָליאַקן. אין די הונדערטער געוועלבן און געוועלבלעך, אויף די שפּאַצירן, פאַר די הייזער, אין די פאַבריקן, וואַרשטאַטן, אין געריכט, אין מאַגיסטראַט, אומעטום האָט מען געזען נאָר אידן.

.. די ערשטע מאַי-דעמאָנסטראַציעס זיינען געווען אידישע, די פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן-פאַראיינען זיינען געווען בלויז אידישע, די פייערלעשער קאָמאַנדע האָט נישט געהאַט מער ווי צוויי פּאָליאַקן. די זיידעס און די טאַטעס האָבן געלערנט און געהאַנדלט אויף אידיש, די מאַמעס האָבן דערצויגן די קינדער, זיי געגעבן „די ברוסט", אַנטשלייפט און

געזונגען און געשאָלטן אויף אידיש. די שוועסטער און ברידער האָבן גע־לערנט, געפּירט ליבעס און אַלץ אויף אידיש. פּיל קינדער האָבן קיין פּויליש וואָרט ניט געקענט אויסריידן. זומער אין טייך און ווינטער אויפן גליטש, אַלע שטיפעריייען — דאָס גאַנצע לעבן איז געפירט געוואָרן אין אידיש. דער פּאָסט־טרעגער איז געווען אַ איד, די גנבים זיינען געווען אידן. אפילו דער סטרוזש פון באַד פראַנעק, האָט מיט זיין ווייב און קינ־דער אויך גערעדט אידיש. דערביי פלעגט ער, צוזאַמען מיט די אַנדערע פּאַליאַקן, וואָס זיינען קוים געווען פּאַר אַ רפואה, מקנא זיין די אידן מיט זייער שיין לעבן און דער עיקר: מיט די יום־טובים.

אין די שבתים און יום־טובים פלעגן פון די בתי־מדרשים גיין גאַנ־צע מחנות: אידן, אידענעס און קינדער.

אַ חוץ די שיל און דער „גרויסער בית־המדרש", איז אין שטעטל געווען: דער „בריקן בית־המדרש", דער „בערשטער בית־המדרש", דער „שמולעוויזנער בית־המדרש", דער „באַלעגאַלישער בית־המדרש", „ר' סנדרס בית־המדרש" און „פּישטשאַנקער בית־המדרש". דאָס „ביאַלער שטיבל", „קאָצקער שטיבל", „ראַדזינער שטיבל", דאָס „שניידער־שטיבל", דאָס „שוסטער־שטיבל". און אויסער זיי זיינען געווען צענד־ליקער „מנינים", וואו אידן האָבן געדאַוונט. די לעצטע יאָרן איז נאָך אויך צוגעקומען די ישיבה אויפן נאָמען פון ר' יוזל, וואו מער ווי הונ־דערט בחורים, געקומענע פון רוסלאַנד, האָבן געלערנט.

דאָנערשטיק ביינאַכט און פרייטיק אַ האַלבן טאָג, פלעגן הונדער־טער באַלעבאָסטעס באַקן „פלעצל פאַרן פלאָם", צוגרייטן די גרויסע זי־סע קוגנס צוצובייסן שבת נאָכן דאַווענען, צו דער קאַווע מיט מילך. צו דעם האָט מען נאָך געבאַקן די שיינע געפלאָכטענע חלות און „מאַנדל־ברויט", געשמירט מיט געלעכלעך פון אייער, צו עסן שבת בייטאָג נאָכן שלאָף.

פרייטיק אַ האַלבן טאָג, האָט אין שטעטל גערוישט, ווי אין אַ בינ־שטאָק. דאָס האַקן די פיש, האָט זיך געלאָזט הערן אין אַלע עקן

שטאָט. מיידלעך האָבן געקליבן אַרבעס, געוואַשן די רייז צו די קוגלען און באַלעבאָסטעס האָבן אין ערדענע טעפּ געזאָטן „שוואַרצן באָב". די קופּערנע פאַנען פלעגן זיך גליען ביי שטילע פייערן און „דאָס עוף" פלעגט אַרויסשטעקן פון טאָפּ דעם פעטן הינטער־חלק. און אַז דער שבת פלעגט „אַריינקומען", איז דאָס שטעטל שוין געווען צוגעגרייט אים אויפצונעמען. די שטובן זיינען שוין געווען אויסגעפּוצט, פאַרן פענצטער איז שוין געווען צוגעקערט און אידן האָבן געוואַרט מיט פרייד אין האַרצן.

אין שטעטל איז געווען שטיל, ווי אין אַן אויער. אַלע געוועלבן זיינען געווען פאַרמאַכט, פאַרקלאַפּט, פונקט ווי אידן וואָלטן גאָר קיינמאָל ניט געאַרבעט און נישט געהאַנדלט. ווי אַ שוואַרצער פלעק האָט בלויז אויסגעזען דעם חזירניקס געוועלב, וואו די געדרייטע „קאָלבאַסן" האָבן געהאַנגען אויף די ווענט. פון בלויז כאַפּן אַ בליק אויף די חזיר־פליישן, פלעגן אידענעס שיעור ניט ברעכן.

אין די פרייטיק־צונאַכטסן האָבן אידן געזונגען זמירות, אַז ס'פלעגט פאַרקלונגען די גאַסן. שפּעטער, האָבן זיך צו די טישן אַריינגעריסן נייע לידער. די קינדער האָבן געפירט דיסקוסיעס — ביים טיש האָט אָבער אַלץ דאָמינירט דער טאַטע.

אַזוי איז אויך געווען אין די יום־טוב־טעג. דאָס שטעטל האָט געיום־טובט פון עק ביז עק און ס'האָט גאָר קיינעם ניט געקענט איינפאַלן, אַז ס'קאָן זיין אַנדערש.

אידן האָבן געלעבט, געלערנט, געהאַנדלט און געאַרבעט, אָן שרעק פאַרן מאָרגן, אָן מורא, אַז זיי וועלן בלייבן אָן המשך.

די נשמה פון דער שטאָט איז אָבער געווען: אַרבעט. די חושים זיינען געווען אָנגעשפּיזט צום טאָג, כדי פאַרטיק צו מאַכן וואָס מער סחורה און דער עיקר: וואָס עס הערט זיך אויף די וועלט־ירידים, ווי עס האַלטן די פרייזן פון חזיר־האָר, פעלן און ווייך לעדער. און דאָך האָט די פאַר־אַרבעטע שטאָט, געהאַט אירע לעגענדעס.

אַ טייל לעגענדעס זיינען געקומען פון אַלטן בית־עולם, און אַ טייל האָבן זיך אויספאַרמירט אין פאַליש פון דער שיל, דאָרט, וואו ס'פלעגן

ליגן פולע קאסטנס מיט שמות. און טייל לעגענדעס, זיינען געבוירן געד וואָרן צווישן דער שיל און דעם גרויסן בית־המדרש.

הינטערן גרויסן בית־המדרש, זיינען געווען קעלערן, וואו אידן האָבן געהאַלטן פעסער נאַפט און אַ גאַנצן טאָג געהאַנדלט. די פענצטער פון שיל האָבן ממש אַנגעדירט די יאַטקעס. אַ ביסל ווייטער איז געווען די אַלטע באַד, די שטאָטישע אַפּטריטן און דאָך האָט עס ניט געשטערט, אַז אין אָט דעם טומל, זאָלן זיך אויפהויבן לעגענדעס.

קינד און קייט פלעגן מיט מורא איבערחזרן די מעשה וועגן פּאַרל, וואָס איז איינגעזונקען געוואָרן שטייענדיק אונטער דער חופה. און געד שען איז דאָס נעבן דער טיר פון דער גרויסער שיל. חדר־אינגלעך פלעגן גיין צום טייכל אויפן ביאַלער וועג און אויפן אָפּגעבראָכענעם בוים זוכן די נעמען פון אידישן פּאַר־פּאַלק, וואָס דאָס טייכל האָט אַריינגעכאַפּט...

אברהמעלע דער „פּאַד־שמש" פון דער שיל, וואָס פלעגט פּרייטיק אַרומגיין נאָך „קוויטלעך", האַלבע גראָשנס אַזעלכע, אייגן אידיש געלט, וואָס דאָס בית־דין־שטיבל פלעגט אַרויסגעבן, האָט אין אַלע שטובן דער־ציילט גרויל־געשיכטעס וועגן טויטע, וואָס גייען אַרום אין שיל נאָך האַלבער נאַכט און זיי ריידן, ווי לעבעדיקע מענטשן. און צו דעם האָט אברהמעלע אויך דערציילט פון זיין פעטער דעם באַגרעבער, וואָס ער זעט אַלץ אין די ווינטער־נעכט אויפן אַלטן בית־עולם.

משה בנימין, דער פעלדשער מיט דער ווייסער באָרד, וואָס פלעגט שבת שטעלן באַנקעס אָן פּייער, האָט דערציילט, אַז איינמאָל דורכגייענ־דיק שפּעט ביינאַכט צווישן דער שיל און גרויסן בית־המדרש, האָט ער געהערט, ווי מ'האָט אים אויפגערופן צו דער תורה. איז ער אַוועק צום רב ר' ישראל איסר און געפרעגט וואָס ער זאָל טון. האָט אים דער רב געזאָגט: גיי! האָט ער, ר' משה בנימין זיך אָנגעטון דעם טלית און איז אַריין אין שיל, גלייך אַרויף אויפן באַלעמער און געמאַכט די ברכה. אַ פאַרשטיקט קול האָט אָנגעהויבן לייענען אין ספר; נאָך דעם האָט אַ מנין אידן אים אַרויסגעפירט פון שיל.

אַ מעשה מיט אַ אידיש קינד, וואָס האָט זיך צעוויינט אויף אַ חתונה

און איז שוין געווען בלא, ווי א מילך, נאר צום אויסגיין, איז דערציילט געווארן פון א פאר דורות, און תמיד מיט גרויס פיעטעט.

ערב פסח האבן גואים געמאכט א בלוט־בילבול און ס'האט געדראט, אז אלע אידן פון שטאט זאלן אומקומען, האט איינער א ר' אייזיק גע־נומען אויף זיך די שולד פון טויטן דאס קריסטלעכע מיידעלע. ווערט דערציילט, אז בשעת מ'האט ר' אייזיקן אויפגעשניטן דעם בויך, האט ער אנגעזאגט, אז קיינער פון זיינע אייגענע, ביזן צענטן דור, זאלן ניט קומען אין דעם „געסל אריין", וואו מ'האט אים געטויט.

דאס קינד, וואס האט זיך צעוויינט, שיעור ניט אויסצוגיין, איז געווען פון ר' אייזיקס אפשטאם. און ווען עס באווייזט זיך ניט אין טיר אן אלטיטשקע אידענע, וואס האט דערמאנט די צוואה, וואס ר' אייזיק האט איבערגעלאזט, וואלט דאס קינד געווען אויסגעגאנגען. די דאזיקע לעגענדע איז אפילו אריין אין דער אידישער ליטעראטור, באארבעט פר־נעם שריפטשטעלער אלטער קאציזנע אין זיין באלאדע „א אידישע חתונה".

לעגענדעס זיינען ניט בלויז געבוירן געווארן מיט יארהונדערטער צוריק, נאר אידן האבן דערציילט מעשיות, וואס ס'האט מיט זיי אליין „פאסירט", וואס קלינגען, ווי עכטע לעגענדעס. גאר „לעצטנס" איז פלוך צים א שטאטישער וואסערטרעגער, געווארן „ר' הערשל נביאלע".

אזוי צים זיך א קייט פון דורות אידיש לעבן איינגעהילט אין לע־גענדעס, קאמפן, מחלוקת צווישן לומדים, צווישן חסידים און מתנגדים, מיט וויסטע געשלעגן אין „חרם געסל".

נעבן אט דעם „חרם געסל" דורך וואנען טויזנטער אידן און אידע־נעס פלעגן גיין שנעל און מיט ציטער אין שיל און אין גרויסן בית־המדרש אריין, פלעגט צענדליקער יארן ערב כל נדרי, דארט זיצן לייזער פארך, לייזער דער ממזר און שרייען מיט א מוראדיק יאמערלעך קול: מאמע! מאמע!

דאָס ליד פון בערשטער

מייִנע הענט און יאָרן,
זייִנען פאַרקויפט:
צו שטעבעדיקע
חזיר־האָר
דאָרט —
וואו טאָטע, זיידע —
און נאָך יונגען
באַרשטן אין די האָר אַרייִן
פון האַרץ די פּיין
און שפּייען אויס די לונגען.
און פון שפּיגלען זיך
און זוכן ברויט,
אין הייסע באַליעס וואַסער
שיילן זיך ביי די מאַמעס
פון פינגער —
פון בלוט אַפ די הויט,
און פנימער ווערן בלאַסער.

און שוועסטער
קלויבט:
ווייס, שוואַרץ,
שטויבט:
און פרעסט דאָס האַרץ.
וואַרף איך מייִנע פינגער
אויף שפּיציקע קאַמען,
ווערן זיי:
צעלעכערט צעבלוטיקט,
אַזוי ווי ביי מאַמען
דעמאָלט זעט אויס:
מייִן קאַם די שאַרפע,
פונקט
ווי אַ האַרפע
העלפט זי מיר מיט
אויסשפּילן:
מייִן שטעביקן ליד.

מ. שאַפּירא (מעזריטש)

— 2 —

פון וואָס האָבן אידן געלעבט?

פון וואַרשע ביז ביאַליסטאָק, פון ביאַליסטאָק ביז ווילנע (חוץ אין טרעסטינע), איז מעזריטש געווען דאָס אייִנציקע אָרט אין פּוילן, וואו אידן האָבן זיך באַשעפטיקט ביי חזיר־האָר און געצויגן פרנסה פון בערשטעריי, זייט הונדערטער יאָרן.

די שטעטלעך, וואָס זייִנען געלעגן נעבן מעזריטש: ראַדזין, ביאַלע, לוקאָוו, לאָשיץ, פלעגן קוקן אויף מעזריטש, ווי אויף „קליין אַמעריקע"

און דערציילן געשיכטעס פון דעם „גאָלדענעם פאָך", אָבער קיינמאָל איז בערשטעריי צו זיי ניט „פאַרשלעפּט" געוואָרן.

מעזריטש האָט געהאַט אַ פּאָר צענדליק מענער שניידער, פיר דאַמסקע שניידער, שניידערנס, וועש־נייטערקעס, אַ פּאָר און זעכציק קושניר־אַרבעטער, פּעלצן־מאַכער, אַ פופציק גאַרבער אַרבעטער, אַ פּאָר און דריי־סיק שפּילקאָווע און „געגריוועטע" שוסטער, 15 קאַמאַשן־שטעפּער, 12 היטל־מאַכערס, צען בלעכערס, דריי בעדנער, 5 סטעלמאַכער, אַ פּאָר קאָמעד־מאַכער, שייטל־מאַכערנס און איין קעמל־מאַכער.

די חיונה האָבן אָבער אידן אין מעזריטש געצויגן פון חזיר־האָר. צוויי טויזנט פערזאָן, זיינען געווען דירעקט באַשעפטיקט ביי חזיר־האָר. קינדער, פרויען, מענער; יונג און אַלט, אַלע, אַלע, האָבן זיך באַשעפטיקט מיט בערשטעריי. ביים אויסברוך פון דער מלחמה אין 1914, האָט אַרבעטס־געלט וואָס מ'האָט אין מעזריטש אויסגעצאָלט פון אַ האַלבן ביז 12 רובל אַ וואָך נאָר ביי בערשטעריי, באַטראָפן 10 טויזנט רובל.

ווען בערשטער האָבן געאַרבעט, האָט די שטאָט געלעבט. שניידער, שוסטער, שניט־סוחרים, קרעמער, אַלע האָבן געהאַט פּרנסה. אפילו די אונטער־שענקען זיינען רייך געוואָרן. איז ביי חזיר־האָר געוואָרן שלעכט, האָט די שטאָט געצאַנקט, ווי אַ ליכט.

דאָס אַרומגיין ליידיק פון די קרוב טויזנט בערשטער אַרבעטער, האָט טרויעריק געמאַכט די גאַנצע שטאָט. באַזונדערס פלעגן זיך קלאָגן קצבים, אַז זיי לייזן פּאָר פליש קוים אַ פערטל, וואָס זיי דאַרפן לייזן. ניט נאָר קצבים האָבן געלייזט ווייניקער. אין קריזיס־צייט, האָט יעדע אַרבעטער־פאַמיליע איינגעצויגן איר בודזשעט ביז אַ מינימום און געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז מ'וועט זיך צוריקשטעלן אַרבעטן, וועט מען זיך שוין וויסן צו צוגרייטן צו אַ קריזיס־צייט. ווען די אַרבעט ביי בערשטעריי האָט זיך אין צייטן אַרום ווידער אָפּגעשטעלט, איז די אַרבעטער פאַמיליע ווידער געווען אין זעלבן צושטאַנד, ווייל די לוינען האָבן קיין גליקן ניט געבראַכט.

בערשטער אַרבעטער האָבן געמוזט גוט עסן און דער עיקר: טרינקען אַ סך מילך, עסן אַ סך פעט פליש און זיסקייטן, כדי צו פאַרגיסן דאָס

אַלץ, וואָס דער שטויב פון חזיר־האָר ברענגט: בלוט־אָרעמקייט און שווינדזוכט. צווייטנס, האָט יעדער בערשטער אַרבעטער געטרוימט פון אַן אייגן שטיבל, כדי צו האָבן וואו דעם קאָפּ אָוועקצולייגן. אָוועקגיין פון בערשטעריי האָט אָבער קיינער נישט געקענט. דאָס פאַך, די קאָמען, אַלץ איז איבערגעגאַנגען בירושה, פון דור צו דור.

גאַנצע שטאָט־געגנטן זיינען פול געווען מיט חזיר־האָר. אין דער „צעבראָכענער גאַס", וואו אין סאַמע מיט איז געווען דער „אַלטער הקדש", זיינען געווען גרויסע בערשטעריי־פאַבריקן, וואו די חזיר־האָר איז געוואָרן: געשאָבן, געוואָשן, געקליבן, געמישט און געבונדן. ביי לאַנגע טישן, זיינען געשטאַנען בערשטער און אויף הויכע שפּיציקע אייזערנע קאָמען, האָבן זיי פּאַרטיק געמאַכט צענדליקער טויזנטער פונט: חתונה־באַרשטן, געמישטע, לעק, ליאַלקעס, וואָס מ'האָט אין הונדערטער גרויסע פעסער אָפּגעשיקט קיין אויסלאַנד. אויף דער „צעבראָכענער גאַס" וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביים „ביאַלער וועג" און געענדיקט ביי דער „פלוימען גאַס" זיינען געווען די גרויסע בערשטעריי־פאַבריקן. און אין אָרעמען שטאָט־טייל: אויף „שמולעוויזנע", דאָרט האָבן געוואוינט די „קליינע אידלעך", וואָס פלעגן אַרבעטן מיט ווייב און קינדער, פון דער פרי ביז שפּעט ביינאַכט. אין קיך, אויפן טיש, וואו מ'עסט, אין די בעטן, אומעטום איז געשטאַנען אַביסל חזיר־האָר.

דער שטויב פון חזיר־האָר, פלעגט יונגערהייט לעכערן די לונגען, אַלעמען האָט אָבער געצויגן אַריינצובאַקומען זיך אין דער „בערשטער מלוכה".

מיט בעלי־מלאכות אַ חוץ בערשטער האָט זיך די שטאָט כמעט, ווי נישט גערעכנט. און אַז אַ בחור, וואָס איז נישט געווען קיין בערשטער, האָט געדאַרפט אין מעזריטש טון אַ שידוך, איז אים אָנגעקומען מיט גרינגע ווערים. וואָרום, אַ שטאָטיש מיידל, איז ניט געפאַלן אַזוי נידעריק, אַז זי זאָל ניט קריגן קיין בערשטער.

אַ בערשטער האָט גוט געגעסן, געגאַנגען שיין אָנגעטון און אַפילו געשלאָפן אויף „געפּוצטע קישנס". פון אַ בערשטער האָט יעדער דערוואַרט, אַז ער וועט זיך אַרויפאַרבעטן און רייך ווערן. אָבער, וואָס

„מ'שטיינס געזאגט" קאן א שניידער אדער, א קאמאשן־שטעפער דער־וואַרטן?

אידן, גרויסע חזיר־האר סוחרים, פלעגן זייערע זין, הארט פארן ענדיקן אויף דאקטאר, אדער אינזשעניער אריינפירן אין פאבריק אריין.

— וואס דארף איך — האט א חזיר־האר סוחר געטענהט — אז מיין זון זאל פארלייזיקט ווערן ביי די קראנקע אין די ארימע בעטן, און נעמען א פאר זלאטעס פאר א וויזיט, אז ביים האנדל מיט חזיר־האר, קאן ער פארדינען טויזנטערס.

אט, אזוי האט מעזריטש געלעבט, געארבעט, געהאנדלט און גע־טרוימט.

דער בייגל־בעקער, די פישער, די שניט־קרעמער, די גאלאנטעריי־סוחרים, די באקאליי־געוועלבניקעס, אלערליי בעלי־מלאכות און אפילו דער בדחן: „שייע דער טויטער", אלע האבן געוואוסט, ווי ס'האט גע־האלטן מיט חזיר־האר. און זיין פארבונדן מיט חזיר־האר האט געהייסן: זיין פארבונדן מיט דער גרויסער וועלט, האלטן דעם טערמאמעטער פון די פרייזן אויף די וועלט־ירידים.

רויע חזיר־האר האבן די אידישע סוחרים געבראכט פון די רוּ־סישע געגנטן און דאס פארטיקע פלעגט אפגעשיקט ווערן קיין לייפציג און לאנדאן און שפעטער, אויך קיין ניו־יארק. האט לאנדאן אדער לייפ־ציג נאכגעלאזט פון פרייז, האט עס באלד מעזריטש דערפילט און אין שטאט האט זיך דערהערט א קרעכצעריי. דער פיש־מארק, איז שוין יענעם דאנערשטיק פארנאכט געווען ליידיק און דער דירעקטאר פון באנק, הערש חיימל ראזנצווייג, פלעגט שוין מאכן חשבונות וועמען פון די „קליינע אידלעך" די באנק קאן ארויסגעבן א קרעדיט און וועמען ניט. די „אב־טשיסטוועס", די גרופעס בערשטער, וואס האבן געארבעט שוטפות פלעגן אין אזעלכע טעג ארומגיין און באקלאגן זייער „פגר". (אזוי פלעגט מען רופן פארטיק חזיר־האר, בעת קיינער האט עס ניט געוואלט קויפן).

פון איין קריזיס ביזן צווייטן, האט אבער די שטאט דערווייל זיך אויסגעברייטערט און חזיר־האר סוחרים האבן אויפגעשטעלט גרויסע

מאָדערנע הייזער. אַנדערע האָבן גאָר פאַרשאָטן אַ ברעג פון טייך און דאָרט אויפגעשטעלט די מאָדערנסטע בנינים, וואָס האָבן זיך געריסן צו די הימלען.

חזיר־האַר סוחרים האָבן געגעבן זייערע טעכטער פיינע נדנען און שיין מעבל. אידן סוחרים האָבן געלעבט ברייט און זייערע ווייבער און טעכטער, זיינען אַרומגעגאַנגען מיט זיידענע „פעניוארן" איבער די סאַ־לעס און געזונגען פאַר פרייד. ביים אויסמאָלן די ווענט און די סופיטן פון די „סאַלעס" פלעגט אַרבעטן דער מאָלער הערש ליבער פּאַדאַליאַק, מיט זיינע זין. וואַסערן, פייגל, קעפּ פון באַרימטע פערזענלעכקייטן, האַר־פעס, פידלען און אַלערליי פרוכטן, דאָס אַלץ פלעגט ער אויסמאָלן אויף די ווענט אין די גבירישע „סאַלעס".

נעבן אַט די אַלע הייזער און פאַבריקן, האָבן זיך אידן געפּילט פעסט און איינגעוואָרצלט. אויף דעם שטאָטישן שפּאַציר, פון יאָסל טישס „קאַמעניצע" אָן, ביז ר' „אַרקעס פּלאַץ", האָבן אין די אָוונטן שפּאַצירט הונדערטער אידישע פּאָרלעך, אַהין און צוריק און זיך אַלעס אויסדער־ציילט. פון די ווײַס, ווייטסטע גאַסן און געסלעך, איז מען געקומען אויפן שטאָטישן שפּאַציר, אויף „די בריקן". עס האָבן שפּאַצירט אַרבע־טער, אַרבעטערנס, די גבירישע קינדער און די רייכע דאַמעס פון שטעטל, וואָס פלעגן זיך ווינטער אָנטון אין מאַלפּענע, פּאַקענע און קאַראַקולענע מאַנטלען.

.. אין אייניקע ווינקלען פונעם הויפּט־שפּאַציר, פלעגן זיך פאַרוויילן שטאָטישע יונגעלייט און ווער ס'איז דורכגעגאַנגען האָט מען דערוויל דערציילט זיין יחוס...

אָט די צוזאַמענקונפטן פלעגן אייגנטלעך אויך זיין, די אַזוי גערוי־פענע גערעדטע אידישע „טאָג־צייטונגען" פון שטעטל.

דאָס לעבן אין שטעטל איז אָבער ניט געווען אַזוי אידיליש. אין די בערשטער פאַבריקן זיינען פאָרגעקומען גרויסע שטרייקן, די שטאָט האָט דורכגעמאַכט גרויסע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קאַמפן, טייל מאָל האָט די שטאָט ממש געברענט פון צעפלאַמטן קלאַסן־קאַמף. אַלץ האָט זיך אָבער אָפּגעשפּילט אין דער אידישער גאַס.

קיין איין גוי איז אין מעזריטש ניט געווען באַשעפּטיקט ביי בעד־שטעריי. די סוחרים זיינען געווען אידן, די אַרבעטער, די קלויבערנס, די וועשנס, די מאַכערס, די איינפּאַקערס פון חזיר־האָר אידן, די „וואַזשע־וואַדעס" (די פּורמאַנעס) אידן און די טרעגערס אויך אידן.

אַ חוץ חזיר־האָר איז אַ גרויסער אידישער פּרנסה־קוואַל אין מעז־ריטש, אויך געווען: דער האַנדל מיט רויכוואַרג, דאָס אויסאַרבעטן פעלצן און ווייך־לעדער. פאַר דער מלחמה 1914, האָט גאַרבעריי פאַרנומען אין שטאָט אַ גאַר אַנגעזעען אָרט, דאָס זעלבע די פעלצן־מאַכער. חיים שלמה גאַרבער, חיים גורמאַן און אַנד. פלעגן אויסאַרבעטן ווייך־לעדער און עס שיקן קיין טיף־רוסלאַנד, פאַר פויערישע שטיוול און „הערשקע גאמלס" פלעגט פירן וואַגאַנעס פעלצן קיין כאַרקאָוו.

די מלחמה פון 1914 האָט פון דיביידע פאַכן אַ תל געמאַכט. די גאַרבאַרניעס זיינען געבליבן פוסט, די „קאַטקעס", וואו מ'האָט געווייקט די פעלן, זיינען געבליבן טרוקן און די גרויסע בלעכענע טישן, וואו מען האָט געפּאַלצעוועט די „יוכטן", זיינען געשטאַנען, ווי מיטות נאָך אַ לוויה.

ביי די שפּייכלערס פון פעלצן, פלעגן נאָך ליגן די הינט, איינעוויי־ניק אין די שפּייכלערס, איז אָבער שוין גאָרניט געווען. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, און אויך גאַרבעריי, האָט אין שטאָט אָנגעהויבן אונטערגיין. פון קרוב הונדערט אַרבעטער, וואָס זיינען אין דעם פאַך געווען באַשעפּ־טיקט, זיינען געבליבן קוים עטלעכע צענדליק, וואָס האָבן געאַרבעט צו צוויי טעג אין וואָך און אַמאָל דאָס אויך ניט.

דערפאַר האָט אָבער די רויכוואַרג בראַנזשע אָנגעהויבן וואַקסן.

ביי אָט דער בראַנזשע, איז פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, גע־ווען באַשעפּטיקט אַ פאַר הונדערט אידן, וואָס פלעגן אַרומפאָרן אויף די „קרעסן" און אויפקויפן פאַרשידענע מינים פעלעכלעך, אָנהויבנדיק פון אַזעלכע, וואָס האָבן געקאָסט אַ 30 סענט, ביז אַזעלכע, וואָס האָבן גע־קאָסט אין די צענדליקער דאָלאַר אַ שטיק. דער דאָזיקער מסחר האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט, און מעזריטש איז מיט דער צייט געוואָרן אַ צענטער

פון רויכוואַרג. די פעלעכלעך, וואָס פלעגן אויפגעקויפט ווערן אין פּאָלעסיע, ווילנער געגנט, וואָלין און גאַליציע, פלעגט פון מעזריטש געשיקט ווערן קיין פראַנקרייך און ב. אַמעריקע.

מעזריטש האָט געהאַט אַ פּאָר הונדערט אידישע געוועלבן און אָרימע קלייטלעך, וואָס האָבן געלעבט אויסשליסלעך פון דער אידישער באַפעלקערונג אין שטאָט. אין סאַמע מיטן שטאָט, אין מאַרק, וואו פון איין זייט איז געווען דער מאַגיסטראַט, דער דענקמאָל לכבוד די פוילישע העלדן, וואָס די דייטשן האָבן דערשאָסן אין 1917־טן יאָר, און פון דער צווייטער זייט די אידישע בעקער מיט זייערע „בודקעס״ איז געווען: אַ „ראָד״ מיט 88 אידישע געוועלבן, וואָס זיינען שוין אַלט געווען אַריבער 150 יאָר.

דער דאָזיקער „ראָד״ האָט יאָרנלאַנג געשפּייזט מעזריטשער אומגעגנט, פאַרמיטלענדיק צווישן פּראָדוצענט און קאָנסומענט. פון וויטן קאַווקאַז האָבן זיך געצויגן ציסטערנעס באָפּט און פאַרשידענע קאָלאָניאַלאַרטיקלען פון דער רייכער אוקראַינע; שפּיציקע „היטלען״ צוקער, וואַגאָנעסווייז פלעגן אָנקומען נעפּסקיס ליכט און וויסאַצקיס טיי און דער אידישער קרעמער פלעגט דאָס אַלץ איבערגעבן צו די אָרומיקע שטעטלעך און דערפער.

די פוילישע רעגירונג מיט אירע אַלערליי צוגעטראַכטע שטייערן, האָט אָבער ביי אַלע קליינע געוועלבלעך ממש אָרויסגעריסן דעם ביסן פון מויל אַרויס. די טיפּישסטע אָרימע אידישע קרעמערקע „עלקע־ברײנע״, האָט אין 1936 שוין מער ניט פאַרמאָגט אין איר קראָם, ווי 20 בילקעס קאַלך, 3 אייזערנע טעפּ און אַ האַלב זעקל זאַלץ, און די צווייטע קראָם פון חיים דעם „קרומען קאָפּ״, וואָס די פּאָליצעס פלעגן זיך בויגן פון שוכוואַרג און צעלניק־אַרטיקלען, זיינען געשטאַנען 6 קרומע שפּיגעלעך, 3 פּושקעס שוואַוואַקס און 10 פּאָר שנורעוואַדלעס.

פון דעם האָט „עלקע ברײנע״ מיט אירס גלייכן געדאַרפט אויסהאַלטן אַ פאַמיליע, חתונה־מאַכן קינדער, צאָלן פּאַטענט־געלט, אומזאַץ־שטייערן, וועג־שטייער פאַרן פּאָוויאַט, שטייערן דעם מאַגיסטראַט, אַ

שטייער פאַרן טרעפּל, פאַרן שילד, וואוינונג־שטייער, היילן קראַנקע, די־רה־געלט און עטאַט דער אידישער קהילה.

מ'האָט ממש געזען, ווי די געוועלבלעך און קלייטלעך, די ירושה פון באבע־זיידע פאַלן איין און דער וועג פירט צו ארבעט. דער איבער־גאַנג איז אָבער ניט פאָרגעקומען אַזוי לייכט. די זין פון אָט די קרעמער זיינען פון לאַנג שוין אַריין אין די בערשטעטער פאַבריקן, אָבער די מייד־לעך זיינען נאָך אַלץ געווען די „באַלעבאַטישע קינדער". וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן... ניט איינמאָל זיינען זיי דעריבער ניט גע־גאַנגען אויפן שפּאַציר, ווייל עס האָט געפעלט אַ פּאָר זאָקן. די נשמה פון מעזריטש איז אָבער געווען אַרבעט און דער קוואַל פון פּרנסה בער־שטעריי.

קרוב 14 טויזנט אידן האָבן געלעבט אַן אייגן אידיש לעבן און די גרעסטע טייל, האָט ניט מורא געהאַט פאַר קיין שום אַנטיסעמיטיזם.

די גאַסן און געסלעך זיינען פול געווען מיט אידן, די פאַבריקן פול מיט אידן און דער עיקר: חזיר־האָר איז ניט געווען אָפּהענגיק ניט פון פויער אין פּוילישן דאָרף און ניט פון שטאַטישן איינוואוינער און אַפילו אויך ניט פון דער פּוילישער רעגירונג.

די רעגירונג האָט טאַקע אַרויפגעלייגט גרויסע שטייערן, אָבער דעם וועג קיין לאָנדאָן, האָט אַפילו די ערגסטע פּוילישע רעגירונג, ניט גע־קאָנט פאַרשטעלן.

אָפט מאָל האָט זיך די אידישע באַפעלקערונג שווער און ביטער געראַנגלט, זי האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו זינגען איר אייגן אידיש ליד. און דעם הויפּט טאָן אין דעם אידישן ליד אין מעזריטש, האָבן אין די לעצטע פופציק יאָר געגעבן די מעזריטשער בערשטעטער אַרבעטער.

דאָס רעוואָלוציאָנערע מעזריטש

מיט אַ האַלב יאָרהונדערט צוריק, פלעגן די בערשטער אַרבעטער אין מעזריטש זיין געצוואונגען צו אַרבעטן 17 שעה אַ טאָג. דאַנערשטיק פלעגן די בערשטער אַרבעטן אַ גאַנצע נאַכט און פרייטיק ביז ס'איז געוואָרן טונקל. און ווי אונזערע טאַטעס פלעגן דערציילן, האָבן זיי אויך „שאַבייסצונאַכטס” געמוזט גיין צו דער אַרבעט.

ווען זיי פלעגן שבת-ביינאַכט צוריקקומען פון די וואַרשטאַטן, איז דאָס ווייב מיט די קינדער שוין לאַנג געשלאָפן. אויף דער קיך האָט אָבער נאָך געברענט אַ קליין נאַפט-לעמפל ביי וועלכן די טאַטעס פלעגן אָפעסן די פאַרקילטע „שיטערע קאַשע מיט קאַרטאָפליעס”.

פאַר דער דאָזיקער קאַטאָרזשנער אַרבעט, פלעגן די קוואַליפיצירטסטע אַרבעטער פאַרדינען 3-4 רובל אַ וואָך. אַ שווער פאַרמאַטערט לעבן האָבן די אַרבעטער געפירט און די פרייע צייט קוים כוח געהאַט צו גיין אין בית-המדרש אַריין און הערן לערנען.

פון צייט צו צייט פלעגט אין די וואַרשטאַטן פאָרקומען קריגערייען, אינצידענטן, צווישן אַרבעטער און פאַבריקאַנטן. די עקאָנאָמישע נויט און פאַרשקלאַפונג, האָט געזוכט אַ פלאַץ דורך וואַנען אויסצוברעכן, ביז פון זיך אַליין איז אויסגעשמידט געוואָרן אַ כוח צו פאַרלאַנגען: גרעסערע לוינען, וויניקער אַרבעט-שעהן און דער עיקר: ניט אַרבעטן מער אויפן פוד. צו ערשט האָט זיך דאָס רעוואָלוציאָנערע פייער באַוויזן אין איינצעלנע פאַבריקן, שפעטער האָט שוין געפלאַמט די גאַנצע שטאָט.

קרוב 12 הונדערט אַרבעטער, זיינען מיט שטורעם אַרויס אויף די מעזריטשער גאַסן און אָנגעהויבן אַ גרויסן סאָציאַלן קאַמף, וואָס איז

אַריבער די גרענעצן פון שטעטל און איז אַוועק איבער גאַנץ רוסלאַנד. די שטרייקן און קאַמפן פון די אידישע בערשטער אַרבעטער, האָבן אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט אויך אין אויסלאַנד, ווייל די בערשטער אַרבעטער, האָבן אָנגעהויבן לייגן דעם גרונטשטיין, פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלער קלאַסן־באַוועגונג אין אידישן לעבן אין רוסלאַנד, וואָס האָט געקעמפט ניט בלויז פאַר עקאָנאָמישע פאָדערונגען, נאָר האָט געאָטעמט מיט רעוואָלוציאָנערן פּאָליטישן קאַמף.

יאַנקל „שמעגדע" האָט דערציילט, ווי אַזוי ער און נאָך בערשטער, זיינען אין 1897, אַוועק אין שטאָטישן בית־המדרש און ביים אָפענעם ארון־קודש געשוואוירן צו גרינדן „די אָרגאַניזאַציע". דאָן האָבן זיך די מעזריטשער בערשטער, פונקט ווי די אידישע בערשטער אָרגאַניזאַציעס אין ווילנע, באַקערט צום „אַלגעמיינעם אידישן אַרבעטער בונד" און פון דעמאָלט אָן, איז די באַוועגונג געוואַקסן.

אין די פאַבריקן איז אויפגעגאַנגען אַ מעכטיקער אַרבעטער כוח. די פאַבריקאַנטן האָבן אָבער דעם כוח ניט געוואָלט אָנערקענען.

פיל מאָל האָבן די פאַבריקאַנטן דערקלערט לאָקאַוטן די אַרבעטער; לאָקאַוטן, וואָס האָבן זיך געצויגן 17 און 24 וואָכן. די אַרבעטער מיט זייערע פאַמיליעס, האָבן שרעקלעך געליטן, זייער קאַמפס־גייסט איז אָבער ניט געבראָכן געוואָרן.

די בערשטער אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן ליידן פון שאַרפע פּאָליטישע רעפּרעסיעס און יעדער אַרבעטער, איז געווען אַ קאַנדידאַט צו באַקומען „אַ ווייסלקע", פאַרשיקט צו ווערן קיין טיף רוסלאַנד.

אין די ווינטערדיקע פאַרנאַכטן פלעגן די „בלויע" רוסישע זשאַנדאַרן, די מיט די לאַנגע גרויע שינעלן, אַרומגיין אַרום די בערשטער פאַבריקן און וואַרטן אויף אַ „גינסטיקן מאָמענט" אַלעמען צו קאָנען אַרעסטירן. „מיקולקע" דער סטאַרשי פון שטאָט, האָט זיי די „בלויע" זשאַנדאַרן אַ סך מאָל געוואָרנט:

— אין די וואַרשטאַטן ברענט אַ פייער, די אַרבעטער זיינען באַוואָפנט — יעדער איבערפאַל שמעקט דעריבער מיט טויט...

ווען די מעזריטשער בערשטער אַרבעטער האָבן אין 1905, געוואונען דעם אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, האָט די באַפּעלקערונג געטאַנצט אין די גאַסן פאַר פרייד און די אַרבעטער האָבן ניט אויפגעהערט צו זינגען ועגן אַ „נייעם משיח, וואָס קומט אָן".

ווען אַלע בעלי־מלאכות האָבן זיך ערשט רעכט גענומען צו דער אַרבעט, זיינען שוין די בערשטער אַרבעטער געווען אין דער היים. זומער 5 אַזייגער פאַרנאַכט, די זון האָט נאָך גאָר העל געשיינט, זיינען די בער־שטער־פאַבריקן שוין געוואָרן טויט און אויף די טירן זיינען שוין געלעגן די אייזערנע פרענטן און שלעסער.

— ניט אַנדערש — פלעגט האַלטן אין איין זאָגן דער חזיר־האָר סוחר וואָווע פאַקער — ווי די פאַבריקן ווערן „זייערע".

— עס וועט אוועקגיין נאָך אַ שטיקל צייט — ווערן די אַרבעטער — האָט געטענהט מוישקע ווישניע, מיט פאַרביטערונג — באַשליסן צי מיר מעגן אַריינקומען אין אונזערע פאַבריקן, אָדער נישט.

אין שטעטל האָט מען געוואוסט, אַז ביי גאָלדעלע שטיין אין וואַר־שטאַט „שווערן" יעדן טאָג די בערשטער אַרבעטער „צו קעמפן פאַר פרייהייט און רעכט" און אַראָפּצוואַרפן דעם קיסר. און ביי מאיר שמחהן אין פאַבריק, ביים לאַנגן טיש, וואו עס שטייען די „מישערס" צוזאַמען מיטן בעל־מלאכה, איז איין קאָם אַרומגענומען מיט אַ זיידענע רויטע שלייף און אין אַ ווינקל איז אויסגעמאָלן דער רוסישער קיסר. און ווי נאָר דער זייגער קלינגט פינף, לויפט צו „בעריש קאַבעלע" מיטן אויס־געשריי „דאלוי סאַמאָדערזשאַוויע" און שטעכט אַריין אַ מעסער אין קיסרס פנים אַריין.

דער פאַרמעסט קעגן רוסישן קיסר, איז ניט בלויז געבליבן אין די וואַרשטאַטן. יעדער שטוב איז פול געווען מיט „ברודער" — די גאַנצע שטאָט האָט געאָטעמט מיט רעוואָלוציע.

געהיימע פאַרזאַמלונגען אין די וועלדער דאָס איז געווען „אַ נאָר־מאַלע" זאַך. די „ברודער" האָבן דורכגעפירט גרויסע דעמאָנסטראַציעס

איבער די גאַסן אין מיטן העלן טאָג, און אויך געטראָגן רויטע פענער און פאַר קיינעם קיין מורא ניט געהאַט.

פאַליציי האָט געשאָסן און פאַרוואונדעט און קיינער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. אין זעלבן טאָג איז די „בירזשע" ביים בריקן־בית־המדרש פול געווען מיט מאַסן און אַרבעטער, ווי אויך אַ פּאָר גבירישע זינדלעך, האָבן געהאַלטן רעדעס.

דער „בונד" האָט געהייסן פאַרמאַכן די געוועלבן און פאַליציאַנטן האָבן געהייסן עפענען און אויסגעפירט האָבן די „ברודער". פון צייט צו צייט איז אַראָפּגעקומען מיליטער, וואָס האָט באַלאַגערט די שטאָט און אָוועקגעפירט צענדליקער יונגעלייט קיין שעדלעץ, עס האָט אָבער גאָר־ניט אָפּגעשראָקן. די „אָרגאַניזאַציע" איז געווען אַ הייליקע זאַך, פאַר וועמען די „ברודער" זיינען גרייט געווען צו ליידן און אַפילו אומקומען.

— וואָס פאַר אַ ווערט האָט דען אַזאַ „ארימעס, רעכטלאָזעס, פינצ־טערעס לעבן" — האָט „בערישל לאַכטשעס" געטענהט צו די אַרבעטער, און חיים „קעצעלע" דער בערשטער, האָט אָוועקגעגעבן 9 רובל, זיין גאַנ־צע וואָך לוין, אז מ'זאָל אים לאָזן אָנרירן די פאָן פון דער „אָרגאַניזאַציע".

וואָס פאַר אַ ווערט האָט דען געהאַט געלט, אַז די „ברודער" זיינען גרייט געווען, פאַר דער רעוואָלוציע אָוועקצוגעבן דאָס אייגענע לעבן.

אין שטאָט אַריין איז אַמאָל געקומען צו גאַסט אַ פערד־הענדלער פון וואַרשע מיטן נאָמען: „איטשקע". אָט דער איטשקע איז געווען ביי דער „אָרגאַניזאַציע" אין וואַרשע פאַרצייכנט אַלס אַן אַגענט. האָט די אָרגאַניזאַציע פון וואַרשע געזוכט אַ געלעגנהייט דעם איטשקען אומשעד־לעך צו מאַכן, ווייל ער איז געווען פאַרוויקלט אין אַ גרויסן פּראָצעס, וואו צענדליקער האָבן באַצאָלט מיט זייער פרייהייט. דער „גורל" איז געפאַלן אויף מעזריטש.

די מעזריטשער „ברודער" האָבן די זאַך זיך אונטערגענומען און אַלץ אויסגעפירט ביזן סוף. ווען איטשקע דער אַגענט איז געזעסן ביי משה קאַניאַך אין שטוב און געגעסן נאַכט־עסן, זיינען אַריין צוויי יונגע־לייט און געפרעגט צי ער איז „איטשקע", האָט ער געענטפערט, אַז יאָ.

און אין מאָמענט ווען איטשקע האָט געוואָלט אַפּירגיין פון הינטערן טיש, האָבן אים די צוויי יונגעלייט דערשטאָכן. דער באַלעבאָס מיט זיין ווייב די „הויכע הינדע", זיינען שיעור ניט אויסגעגאַנגען פאַר שרעק און אָנ־געהויבן שרייען, האָט זיך איינער פון די צוויי יונגעלייט צוריקגעקערט און געזאָגט:

— ר' משה איר האָט גאָרניט געזען!

איין יונגערמאַן איז גלייך אַנטלאָפן פון שטאָט און דער צווייטער, צוזאַמען מיט הונדערטער מענטשן האָבן געזען, ווי פּאָליציי האָט „איטש־קע שפּיאָן" אַרויסגעפירט אַ טויטן פון מעזריטש.

שרעק.

ווער פון די רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך געשראָקן?

— וואָס איז זיך דאָ צו שרעקן, — פלעגט זאָגן דער „הויכער קי־ווע", אַז „פאַרלירן קאָן דער אַרבעטער די קייטן און געווינען קאָן ער די גאַנצע וועלט".

די אַרבעטער יוגנט אין שטעטל האָט געחלומט פון נייע וועלטן און אַז די היימען וועלן זיין שענער, דאָס פאַמיליע־לעבן ריינער, די ליבע דערהויבענער און דער עיקר: דער מענטש וועט ווערן געליטערט. עס וועלן קומען נייע מענטשן, וואָס וועלן אויספּלאַסטערן דעם וועג פאַר אַ נייער מענטשהייט.

.. אין דער צייט, האָט דערווייל ר' לייזער בייניש געהאַלטן רעדעס אין די בתי־מדרשים וועגן ארץ ישראל און דערביי דערציילט, וואָס ער האָט אַזוינס געהערט אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן. אין ר' סנדרס בית־המדרש האָט די „עס־עס" געפירט גרויסע דיסקוסיעס און עקיבא ריינווין, חיים שלמה גאַרבערס זון, האָט גערופן די מעזריטשער בערשטער זיך איינצושליסן אין די עס־עסישע רייען. און אין גרויסן בית־המדרש, איז ביים אָרון־קודש געשטאַנען אַ איד מיט אַ שוואַרצער באָרד, דער באַרימטער מגיד שמחה כהנה, וואָס האָט געשמט אין רוסלאַנד מיט זיין שיין רײדן און געהאַלטן אַ דרשה.

די בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט געדופן אין גרויסן בית־מדרש אַריין. איז דער בית־המדרש יענעם אָוונט פול געווען מיט אידן. שטייט אַזוי דער מגיד און זינגט זיך אויס זיין רעדע און ער פאַרגלייכט דערוויל יעקב אבינו אַלס דעם סימבאָל פונעם אידישן פאָלק, פאַררופנדיק זיך אויף אַ מדרש: „יעקב אבינו לא מת".

פלוצים דערהערט זיך אַ שטימע פונעם בעלעמער אַראָפּ:

— ניין, ר' מגיד, יעקב אבינו איז געשטאָרבן!

דער עולם ווערט ווי עלעקטריזירט פון דער ערשטער פראַזע און באַלד האָט זיך באַוויזן אַ יונג, ערנסט פנים, וואָס רעדט און אָפּאָנירט דעם מגיד.

גערעדט האָט דאָן דער בונדיסט ב. וולאַדעק וועגן סאָציאַליזם, מיט אַזאַ איבערצייגונג, אַז דער מגיד האָט ניט געפונען קיין אַנדער מיטל אָפּצוענטפערן, האָט ער זיך אויפגעריסן דאָס העמד און אַרויסגעשטעלט די נאַקעטע ברוסט זיינע, אַ געשריי טוענדיק: נאַ שיס מיך איך וועל פון מיין גאָט ניט אָוועקגיין"!

דער עולם איז דערציטערט געוואָרן און געשטאַנען און אויסגע־הערט וולאַדעקס רעדע וועגן סאָציאַליזם.

אין מעזריטש איז וולאַדעקס דיספוט מיטן מגיד כהנה, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1905 אין גרויסן בית־המדרש פאַרבליבן, ווי אַן אָנדענק פון אַ שיינער סימפאָניע.

:: :: ::

אויב אין געוויסע צייטן האָבן מאַמעס זיך געשעמט, וואָס זייערע קינדער זיינען פאַרמישט מיט די „ברודער" און זיי האָבן מורא געהאָט, אַז צו זייערע מיידלעך זאָלן ניט דערגיין די רייד פונעם „בייעם פאַ־מיליען־לעבן", האָבן זיי אין די יאָרן פון רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג זיך געפילט שטאָלץ, וואָס זייערע קינדער, זיינען אויך ניט אַבי ווער.

„קיוועלע דער קליינער", „קיווע דער הויכער", „דער קרול", „סאָ־נע מאָרעס", יאַנקל „שמעגדע", „חיה שאָלס", מאַליע ר' מאָטלס, באַשע

לאה „סרולקעלע פלייטס״ און נאָך און נאָך צענדליקער פאַר און נאָך זיי, זיינען געוואָרן דער שטאָלץ, ניט בלויז פון דער אַרבעטערשאַפט, נאָר פון גאַנצן שטעטל.

ווערטער פון דיביידע „קיוועס״ זיינען געווען הייליק. דער קליינער און גרויסער קיווע, זיינען ניט בלויז געווען אַנדערש אין זייער פיזישן געבוי, נאָר דאָס זיינען אייגנטלעך געווען צוויי שיטות. אַלע דיסקוסיעס אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג וועגן אידישע פראַגן, לאַנד און וועלט־פּראָבלעמען, זיינען פון די ביידע אַנדערש געשטעלט און פאַר־ענטפערט געוואָרן. אין דער געשיכטע פון דער מעזריטשער אַרבעטער־שאַפט, פאַרנעמען די ביידע „קיוועס״ גאָר אַ גרויס אָרט. ביידע זיינען, אמתע „פרינצן פון קעלער״.

זיי קומען פון אָרימע אַרבעט־שטובן און ביידע האָבן זיך אַליין דער־הויבן צו ווערן אָנפירער פון דער אָרגאַניזירטער פּראָפעסיאָנעלער און פּאָליטישער באַוועגונג אין שטאָט, אין משך פון יאָרן. זיי זיינען ביידע אין די שווערע ביטערע רעאַקציע יאָרן פון נאָך 1905, אַוועק קיין אַמע־ריקע, דער אָרעאָל אַרום זייערע נעמען איז אָבער געבליבן. וועגן דעם, ווי אַזוי די „קיוועס״, סאָנע מאַרעס, און יאַנקל „שמעגדע״ פלעגן אָנפירן שטרייקן, ווי אַזוי זיי פלעגן די שטרייקן אָנהייבן און זיי פאַרענדיקן, זיי־נען ממש אַרומגעגאַנגען לעגענדעס.

אין די יאָרן פונעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג, זיינען צוגעקומען צו דער אַרבעטער־באַוועגונג פיל רייכע קינדער. זיי האָבן זיך אָבער לאַנג ניט איינגעהאַלטן. ביי די ערשטע שווערע מאָמענטן, זיינען זיי אַוועק און ווידער זיינען אין דער פּאָליטישער באַוועגונג געבליבן נאָר אַרבעטער.

אין יאָרן אַרום, ווען „קיוועלע דער קליינער״ איז שוין לאַנג געווען אין אַמעריקע, האָט מען „הינטערן קאַנאַל״, דאָרט וואו קיוועלע האָט גע־וואוינט, געפונען באַגראָבן אין דרערד אַ קאַסטן, וואו ס׳איז געלעגן אַ ברייטער פירקאַנטיקער מעשענער סטעמפּל פון דער בונדישער אָרגאַני־זאַציע, קאַרל מאַרקס „די עקאָנאָמישע לערע״, פּראָטאָקאָלן פון ערשטע זיצונגען און אַ קליין ביכעלע וועגן שטרייקן.

אַ „לעצט וואָרט״ פון „קיווע דעם הויכן״ האָט געבראַכט פון אַמער־ריקע קיין מעזריטש, זיין „חברטע״ באַשע לאה, וואָס איז געקומען נעמען חליצה. ווען באַשע לאה איז צוריקגעקומען פון ניו־יאָרק, האָט דאָס שטעטל אויפסניי זיך דערמאָנט אין „קיווע דעם הויכן״, ווען מ׳האָט אָפגעהאַקט די לונגען אין די צאַרישע תפיסות און דערפאַר, איז ער יונגערהייט געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז אויך געקומען צו גאַסט פון ניו־יאָרק „דער קרול״, איז ער אַרומגעגאַנגען און געזוכט די סימנים פון „יענע יאָרן״. גאַנצע טעג איז ער געווען אין דער „גראָסער־ביבליאָטעק״. ביי יעדן צוזאַמענקום פלעגט ער האַלטן רעדעס וועגן „פינפטן יאָר״, דערמאָנען נעמען, אָנרופן געשעענישן און זיך שיעור ניט צעוויינען פאַר פרייד. די נייע צוגעקומענע, יונגע בונדיסטן און קאָמוניסטן, האָט ער געהאַלטן פאַר זיינע קינדער.

ביי יעדן אינטימען צוזאַמענקום פלעגט ער אָבער ניט פאַרגעסן צו דערציילן, אַז אויפן וועג קיין מעזריטש, האָט ער אין פּאַריז געטראָפן מאַליע ר׳ מאָטלס. ווען ער האָט איר דערזען, האָט ער זיך צעוויינט, ווי אַ קליין קינד.

— אַ סך, אַ סך, מיידלעך זיינען צו אונז געקומען פון גבירישע הייזער, פון שטובן מיט געפּאַרבטע פּאָדלאָגעס — פלעגט זאָגן דער „קרול״ — די וואָס איז געבליבן אין דער באַוועגונג און זי עלטערט זיך, ווי אַ מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער לאַנדעס פּאַרטיי, דאָס איז מאַליע ר׳ מאָטלס.

פיל פון זיינע צייט־חברים האָט ער, „דער קרול״, נאָך געטראָפן אין שטעטל. די נאָענטע זיינען געווען: „יאנקל שמעגדע״ און „סאָנע מאָרעס״. דער ערשטער איז נאָך געווען אַ מיטגליד אין דער פּאַרוואַלטונג פון בערשטער אַרבעטער פאַריין און ביז גאָר אַקטיוו אין דער בונדישער באַוועגונג און „סאָנע מאָרעס״ איז געווען אין דער אָפּאָזיציע. „סאָנע מאָרעס״ איז נאָך געווען פול מיט שטורעם און קאַמפּס־לוסט און אַלע מאָל, האָט אים די פּאָליציי אַרעסטירט, פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט.

איינמאָל האָט אהרן דוד „קרול" דערגרייכט צו זיצן מיט יאַנקל „שמעגדע" און מיט „סאַנע מאַרעס" ביי איין טיש און ווידער זינגען אויף אַ הויכן קול: „מיר ברעכן, מיר ברעכן די אייזערנע ווענט".

:: :: ::

פאַראַן יחידים, וואָס בלייבן שטעקן אין זייער עפּאָכע און קענען אין קיין בייער צייט ניט אַריינקומען. זיי ריידן אַנדערש, זיי זינגען אַנ־דערש און דער עיקר: אַלץ הויבט זיי ביי זיי אָן פון יענעם באַרג, וואו זיי זיינען געשטאַנען. אויב שטרייקן, אויב קאַמפן, אויב אידעאַליזם, רעוואָלוציאָנערער אימפּעט, איז עס געווען „דאַן", ווען זיי האָבן געקעמפט מיט די „בלויע זשאַנדאַרן" און מיט די אַלטע חזיר־האָר סוחרים.

אהרן דוד „קרול" האָט געהערט צו די, וואָס זיינען געבליבן שטיין ביים „פינפטן יאָר", ביי די פאַרזאַמלונגען אין וואַלד, ביים פאַר־קעמען זיך מיט „א פּאָליטישן שרינט" אין דער מיט. און אויב חלילה אַ לוויה פון אַן אייגענעם, מוז דער מת געפירט ווערן אין אַ „צעפּ".

אַז אויך נאָך זיין אָוועקפאָרן קיין אַמעריקע, האָט מעזריטש גע־קעמפט, געפירט שטרייקן, געהונגערט, דורכגעמאַכט לאָקאַוטן, געשאַפן אַ קראַנקן קאַסע, איינגעאָרדנט ביבליאָטעקן, אָרגאַניזירט די אַרבעטער פון אַלע פאַכן און באַגייט די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, דאָס האָט „ער" ניט געקאָנט באַנעמען. אמת, דאָס העראָישע „פינפטע יאָר" איז ביי אַלעמען געווען אין דער נשמה, אָבער לעבן בלויז מיט די אָנגעצונדענע פייערן פון יענעם אַמאָל, האָט זיך ניט געלאָזט.

ווי פאַרשאָטן איז געלעגן די צייט, ווען די גרעסטע טייל פאַרטייער, זיינען געוואָרן מיד און האָבן זיך „געמונטערט" מיט אַרציבאַשעווס „סאַנין" און דערביי געטראַכט, נאָר וועגן זיך אַליין.

פון אַש פון דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע, איז אויפגעגאַנגען אַ ביי פייערל, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט גרויסע טיילן פון דער אידישער אַרבע־טער־יוגנט, וואָס איז געשטאַנען אין די בערשטער פאַבריקן און געזוכט אַ פאַרבינדונג מיט דער בונדישער באַוועגונג, כדי צו זיין דאָס יונגע פרישע בלוט אינעם רעוואָלוציאָנערן מעזריטש.

יונגע בערשטער אַרבעטער האָבן זיך, ווי צונויפגעשמידט און מאָטל „באַלניק״, מיכאַלקע פישערס דריי עלטערע זין: פייוועלע, שמואל איצל און משה נטע; בערקע, יאָסל דער הינערפאַרקויפערנס, שוילע „מאָטל חיה דעם געלנס״, מרדכי „שוויטשקע״, הערשל דער לאָשיצער און לעמל „יאָסל גרינעס״, האָבן דערעפנט אַ אידישע אַרבעטער ביבליאָטעק, מיט נייע ביכער, וואָס יעדער פון אָט דער יוגנט גרופּע האָט געקליבט, און פון אָט דער ביבליאָטעק, האָט זיך דערהערט אַ ניי אידיש סאָציאַליסטיש וואָרט אין דעם אַרבעטנדיקן און רעוואָלוציאָנערן מעזריטש. און געווען איז עס ערב דער וועלט־מלחמה פון 1914.

אין אויגוסט 1914

. . . און געווען איז עס אין יענע זומערדיקע טעג, ווען די סאַדאָור־ניקעס, זײַנען שוין געשטאַנען אין מאַרק, מיט די קוישן לאַנגע באַר־נעס, די שמאַלציקע „טשאַפּעזשאַנעס" און פלוימען גרויס, ווי די „שע־פּיטאַלן". איך און מײַן חבר בייניש האָבן שוין געלערנט אין דער „צווייטער האַנט". גייענדיק אין חדר אַריין איז דער מאַרק פול געווען מיט מענטשן. אין סאַמע מיט איז געשטאַנען: אייזיקל סטאַרשי (אַ געשמד־טער איד) צוזאַמען מיטן מאַגיסטראַט גוי זאַיאַנץ און אויסגעטיילט פאָר־לעך אָוועקצופירן די יונגעלייט צום מיליטער. די אידן זײַנען געלעגן, ווי געבונדענע שאָף און געוואַרט.

אַלע מיליטער פליכטיקע האָבן זיך געמוזט צושטעלן, אַפילו „ראַט־ניקעס", „רויטע בילעטן" אויך. קאַגוט, דער וואַסערפירער, האָט אַוועק־געשטעלט די „קיבלעס" אין דער היים, און מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס געוואַרט אויף זײַן ריי. זײַן ווײַב אַ טויב־שטומע מיט אַ קינד אויף די הענט, האָט אַזוי געוויינט, אַז זי האָט אַלעמען ווי אויפגעוועקט. ליבע רויזע, „פּאַטשטשעכע די בעקערקע" פון נעבן דער תלמוד־תורה, וואָס פלעגט באַקן פלעצל פאַרן פלאַם, פאַר די בערשטער פאַבריקן, איז געשטאַנען נעבן איר ברודער דעם דראַזשקאַזש, דעם הויכן לאַזער, און אים באַוויינט, פּונקט ווי מ׳באַוויינט אַ טויטן.

.. — זי וועט איינרייסן קברים, אײַנלייגן וועלטן — האָט זי ליבע רויזע, די שוועסטער זײַנע, געשריען מיט אַ קוויטשיק קולכל — פאַר־וואָס מ׳נעמט איר צו דעם איינציקן ברודער, אַ טאַטן פון פיצלעך „שוואַלבן".

אַט, אַזוי שרײַענדיק, האָט זיך דערווײַל דאָס פֿורל, וואו איר ברד־דער איז בעזעסן, געריירט פֿון אָרט. נעבן אים איז געזעסן דער שטאָט־חזן, וואָס יעדער „זיפֿץ” זײַנער, האָט פֿאַרקלונגען דעם מאַרק.

דער מאַרק איז אָפּגערייניקט געוואָרן און ליבע רויזע די בעקערקע האָט די וועלטן ניט געקאָנט אײַנלייגן. אַלע פֿרימאָרגן פֿלעגט דער מאַ־גיסטראַט־גוי זאַיאַנץ, גרעגערן מיט אַ גרויסן גרעגער און ווען די מענטשן זײַנען זיך שוין צוזאַמענגעקומען, פֿלעגט ער לאַנג, לאַנג, לייענען אויף רוסיש באַפֿעלן, וואָס דער מאַגיסטראַט באַקומט צוגעשיקט.

אין די פֿאַרנאַכטן, וואָס פֿלעגן צופֿאַלן מיט גרויס אומעט, איז וואַ־דעק דער שטאָטישער לאָמפּן־צינדער געלאָפֿן מיט אַ לייטערל אויפֿן אַקסל, אָנצינדן די גאַז־לאָמפּן, וואָס פֿלעגן ברענען אין פֿיל שטאָט־פֿלעצער. אינגלעך פֿלעגן אים נאָכגיין און פֿריער ניט אַוועקגיין, ביז דאָס פֿײַער האָט שוין גאָר העל געלויכטן. ווען דער הימל איז געווען לויטער, פֿלעגט דער לאָמפּ אויסזען, ווי אַ קליינע לבֿנה.

אין אָט די טעג, איז אונזער שטוב פֿול געווען מיט מלחמה. וואָס ס'איז אַזוינס מלחמה, האָב איך זיך ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, נאָר פֿון חדר, פֿון דעם, וואָס דער רבי האָט מיט אונז געלערנט „סוואַרבע”, האָבן מיר חדר־אינגלעך שוין געוואוסט פֿון מלחמות. יענע מלחמות, זײַנען דאָך אָבער געווען אַזוי ווײַט, אַזוי לעגענדאַריש און דאָ, איז די מלחמה געקומען מיט אַזאַ אומעט.

ווי אַ סוד איז צו מיר דערגאַנגען, אַז אונזערס אַ נאָענטער קרובֿ, האָט זיך געמאַכט ביי דאָדיע רופֿא פֿאַרבויגענע פֿינגער... און נאָך דעם איז ער זיך געפֿאָרן צו שטעלן קיין ראַזאַן.

אין יענע טעג פֿלעגן צענדליקער אידן און יונגע לײַט פֿון אונזער געסל, אַרום אַכט אין אָוונט נאָך דעם, ווי דער „פּאָטשטאָווער צוג” איז געקומען פֿון וואַרשע, זיך אַרומזעצן ביים טיש און איינער אַ יונגערמאַן מיט אַ שאַרף מויל: „וואָווע כאַסקל שרה דער אַלמנהס”, האָט געלייענט פֿון אַ בלאַט אַרויס און אַלע האָבן געהערט. אַזוי האָבן זיך געצויגן אַ סך וואָכן.

יעדן „טריט" וואָס די אַרמייען זיינען אָפּגעגאַנגען, האָט מען ביי אונז אין געסל אויסגערעכנט. מיין פעטער למשל, האָט געהאַפּט, אַז אַזוי ווי ס'איז געקומען אַ צעמישעניש אויף דער וועלט, וועט מען אים שענקען די 300 רובל, וואָס ער האָט געדאַרפט באַצאָלן פאַרן זון זיינעם, וואָס איז אַנטלאָפן פון פאָליטישער געפענגעניש אין רוסלאַנד קיין ענגלאַנד, און צו 21 יאָר, האָט ער זיך ניט צוגעשטעלט צום פּריזיוו.

צום פעטער אין שטוב אַריין פלעגט אָבער אַלע מאָל קומען אַ „סטראַזשניק" און פרעגן: ווען מ'וועט שוין באַצאָלן די 300 רובל און דערביי אָנגעוויזן, אַז אין שטוב פעלט דער שיינער ענגלאָמפּ, כדי ער זאָל דערוויל באַקומען אַ טרונק בראַנפן.

דאָס אַוועקגיין צום מיליטער פון אידישן מאַגיסטראַט־אָנגעשטעלטן, וואָס פלעגט פירן די ביכער פון דער באַפעלקערונג, איז זייער באַדויערט געוואָרן. ערב זיין אַוועקפאָרן, איז ער, דער אידישער מאַגיסטראַט אָנגעשטעלטער, אַרומגעגאַנגען אין הונדערטער שטובן זיך געזעגענען און דערביי אומעטום אָנגעזאָגט, אַז מ'זאָל ברענגען אין אָרדנונג דאָס איינשרייבן אַלע קינדער.

דורות אידן פון שטאָט און אומגעגנט, האָט ער „געהאַט" אויפן קאָפּ. ביים אויסשטעלן דאָקומענטן פלעגט ער גוט אין זינען האָבן די פּולע נעמען ווי יעדער הייסט, און אין וואָס פאַר אַ גמינע דער זיידע איז געווען פאַרשריבן. וועגן אָט דעם אידישן מאַגיסטראַט־שרייבער האָט דאָס שטעטל דערציילט אַט־וואָס:

אַ זון פון אַ אידישן גביר אין שטאָט, האָט אַמאָל זיינס אַ אינגעלע ניט געוואָלט פאַרשרייבן מיט קיין עכטן אידישן נאָמען, האָט ער, דער אידישער אָנגעשטעלטער וואָס האָט געפירט די איינשרייב ביכער זיך קעגנגעשטעלט און ניט דערלאָזט. אין מאַגיסטראַט איז געוואָרן אַ גרויסער טומל, ווייל דער פאָטער איז אַריין צום בורמישטש פאַרקלאָגן דעם אָנגעשטעלטן. האָט דער בורמישטש אַריינגערופן דעם אָנגעשטעלטן און אים געפרעגט: פאַרוואָס ער וויל ניט פאַרשרייבן דעם יונגנמאַנס קינד. האָט דער אָנגעשטעלטער געענטפערט גאַנץ פשוט: אַז דער יונגערמאַן וויל זיין קינד פאַרשרייבן אויף אַ פאַלשן נאָמען. ער לייגט דעריבער פאָר

דעם בורמישטש, אַז ער זאָל שיקן זיינס אַ באַגלויבטן מענטשן צום ברית־מילה און ווי אַזוי מ׳וועט דאָרט אויסרופן דעם נאָמען פונעם אינגעלע, אַזוי וועט ער דאָס קינד פאַרשרייבן אין די מאַגיסטראַט־ביכער. דער פאָטער פון קינד דערהערנדיק אָט דעם איינפאַל, האָט זיך דערפילט פאַרלוירן און ער איז שוין מסכים געווען איינצושרייבן זיין אינגעלע טאַקע אויפן ריכטיקן נאָמען, ווי זיין זיידע האָט געהייסן: זלמן יעקב.

וואָס אויף די שלאַכטפעלדער איז פאָרגעקומען, איז צו אונז אינגלעך ניט דערגאַנגען. אין שטוב האָט מען אָבער אָנגעהויבן טרינקען טיי מיט איין שטיקל צוקער, ברענען דעם לאָמפּ שטאַרק אַריינגעדרייט און אין גאַנצן געסל האָט מען נאָר געהערט: נאַפּט, נאַפּט, עס פעלט נאַפּט. און זעלדע די בלעכערקע איז געזעסן פאַרן טויער און פאַרקויפט בלעכענע לאַמטערנס, אַריינצושטעלן ליכטלעך. ווי עס האַלט מיט דער מלחמה, האָבן מיר, חדר־אינגלעך, נאָך אַלץ ניט געוואוסט.

איינמאָל אין אַ ווינטערדיקן פרייטיק פאַרנאַכט, נאָך דעם, ווי מיר, אינגלעך, האָבן זיך שוין הינטערן „בריקן בית־המדרש״ גענוג געהאַט אָנגעגליטשט, מאַכנדיק פאַרשידענע קונצן: זיצנדיק און שטייענדיק, זיינען מיר אַריין צום דאַוונען. דער בית־המדרש איז געווען פול מיט אידן. די לאָמפּן זיינען געווען אַריינגעדרייט, די ליכט ביים ארון קודש האָבן אָבער געלויכטן רויט. סאַנע שמש, האָט זיך געפילט מוראדיק דערשלאָגן, וואָס אין בית־מדרש איז פינצטער און די אינגלעך גיסן דערוויייל אויס דאָס וואַסער פון כיור און ער דערכאַפּט ניט מיטן אויג.

דער גבאי, ר׳ פנחס טשיפּעס, האָט געדאַוונט פאַרן עמוד און נעבן אים איז געשטאַנען העניע מאַשעס אַ זון, אָנגעטון אין זעלנעריש אַנטון און איין אַרבל פון שינעל איז אינגאַנצן געווען ליידיק.

אַ גרופּע חדר־אינגלעך, זיינען געשטאַנען נעבן דעם זעלנער און אים ניט אָפּגעלאָזט פון די אויגן.

— זעסט, — רופט זיך אָן איין אינגל, — זיין היטל איז דורכגעלעכערט פון קוילן.

אויך די בליקן פון אונזערע טאַטעס, זייגען געווען געווענדעט צום זעלנער: העניע מאַשעס זון, וואָס איז אַהיימגעקומען פון פראָנט אָן אַ האַנט.

חנא דער זעלנער איז געשטאַנען אַ בלייכער און צו קיינעם נים אויסגערעדט אַ וואָרט. די חדר־אינגלעך האָבן אָבער אים, דעם זעלנער מיטן ליידיקן אַרבל נים אָפּגעלאָזט. ווער עס האָט בלויז אָנגערירט דעם מאַנקעט פון זעלנערישן שינעל און ווער עס האָט אַריינגעקוקט טיף, טיף, אין ליידיקן אַרבל אַריין...

אין געציילטע וואָכן אַרום, האָבן זיך קאָזאַקן געלאָזט וואוילגיין אין שטעטל, און נאָכן אויפרייסן די בריק איבערן טייך „קושנאַ", איז די עסטרייכיש־דייטשע אַרמיי אַריין אין שטאָט.

די דייטשן זיינען געקומען

אַ פּאָר טעג נאָך דעם, ווי די דייטשן זיינען אַריין אין שטאָט, האָבן זיי גלייך אַרויסגעשיקט צוויי אידישע מוזיקאַנטן: „אידעלע בערקעס" און „דוד שייע קאַצקערס", וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען און מיט טרומייטן גערופן, אַז מ׳זאָל עפענען די פענצטער. דערביי האָבן די צוויי מוזי־קאַנטן אויסגעזונגען:

עפנט אויף די פענצטער,

עפנט אויף די פענצטער,

אויב ניט וועט איר שטראָף באַצאָלן.

געווען איז דעמאָלט האַרבסט־צייט, אָבער פאַר מורא האָט מען געמוזט עפענען די פענצטער.

שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג צו פירן אַלעמען אין באָד אַריין און פרעגן אין די גאַסן אויף „לויזע שיינען".

די דייטשע פאַראָרדענונגען האָבן זיך געלייגט אויף דער שטאָט, ווי שווערע קייטן. דאָס ערשטע האָבן זיי פאַרבאָטן, אַז די באַפעלקערונג זאָל שעפּן וואַסער פון טייך און געצוואונגען צו נוצן וואַסער פון ברו־נעמער.

ביי יעדן בריקל, וואו ס׳לויפט דורך דער טייך, האָבן די דייטשן בעהאַלטן וואַך און אין יעדן פאַל, וואָס זיי האָבן געכאַפּט אָנשעפּן אַביסל וואַסער, זיינען זיי גרייט געווען צו הרגענען. אַ יונגן בחור פון 20 יאָר, אייזיקל בערל אריהס, האָט א דייטשער „שוצמאַן" טאַקע דערשאָסן, פאַר

בעמען אַביסל וואַסער. דאָס טויטן אַט דעם יונגן בחור, האָט אַרויסגע־רופן גרויס פּייַן אין שטאָט.

ניט ווייניק האָבן זיך אידן אַנגעליטן בעת די דייטשן האָבן גע־שלאָסן אַלע בתי־מדרשים און ניט דערלויבט, אַז אידן זאָלן דאַוונען מיט מנין, און אויך געשלאָסן אַ פּאָר צענדליק חדרים. נאָך דעם האָבן די דייטשן געמאַכט פון ביאַלער רבינס־הויף דאָס שטאָטישע אַרעסט־הויז.

דער קאָמענדאַנט פון שטאָט, קוואָפּ, אַ נידעריקער מאַן מיט ברילן, וואָס פלעגט פירן מיט זיך אַ הונט אויף אַ קייט, האָט אין דער צווייטער האַנט תמיד געהאַלטן אַ דראַטענע „רוטגע".

ווען ער פלעגט דורכגיין די גאַס האָבן יונג און אַלט געמוזט ציען די הוטן, אויב ניט פלעגט ער גלייך געבן שמיץ. שיינע מעבל, וואָס אידן האָבן געהאַט האָט קוואָפּ, דער דייטשער קאָמענדאַנט „אויסגעבאַרגט", איינצוואָרדענען די דייטשן.

ברויט האָט אָנגעהויבן אויספעלן. צוקער, פּוטער, איז ניט געווען און נאָך אַביסל מעל, אָדער רייז, האָט מען געמוזט אָפּשטיין האַלבע טעג אין די רייען. אויף צו באַקומען למשל אַ שטיקל ווייס ברויט, האָט מען געמוזט אַרויסבאַקומען אַ קוויטל פון דייטשן מיליטער דאָקטאָר.

וואָס עס האָט ניט געפעלט איז שוואַרצע קאַווע און מוזיק. יעדן זונטיק אין דער פרי, פלעגט דער דייטשער מיליטערישער אָרקעסטער, שפּילן נעבן דער מיליטערישער קאַנטינע, וואו די דייטשע מיליטער־לייט, האָבן געטרונקען ביר און געזונגען.

אין אַ ווינקל פון פערד־שטאַל ביי די אידישע פייערלעשער, זיינען געווען אַ פּאָר צענדליק רוסישע געפאַנגענע, וואָס די דייטשן פלעגן זיי טרייבן צו טון אַלערליי אַרבעטן. ווען מ'פלעגט זען די געפאַנגענע, אָפּ־געריסענע, אויסגעדאַרטע, איינגעשפּאַנט, ווי אָקסן, האָבן מאַמעס און אויך קינדער געוויינט.

די שטאָט איז פול געווען מיט דייטשער זשאַנדאַרמעריע און שפּיאָ־נען, וואָס האָבן אַלעמען געהאַט אויפן אויג: איינמאָל אין ראש־השנה, פּונקט ווען אַלע אידן זיינען געווען ביים דאַוונען, האָבן די דייטשע „שוץ

לייט" דורכגעפירט רעוויזיעס אין אידישע הייזער. אלע טאג האבן די דייטשן געזוכט עפעס אנדערש.

די באפעלקערונג האט ביטער געקרעכצט אונטער דער דייטשער אקופאציע און חוץ אלעם האבן ווי געטון די שמיץ, וואס דער דייטשער קאמענדאנט קוואפ, פלעגט באפוילן צו געבן די „זינדיקע".

.. וועגן די דייטשן, האבן מיר יונגע אינגלעך זייער א סך גערעדט אין חדר. מיר האבן זיך דערציילט, אז די דייטשן גייען ארום אין די אונטן איבער די גאסן און זיי זוכן מיידלעך.

איין אינגל האט ביי אונז באקומען א היפשע מטבע, דערפאר וואס ער האט אונז צוגעפירט צו א הויך הילצערן בלוי הויז, און אונז געזאגט, אז דא איז א „פוף".

— דא, — האט ער אונז געזאגט — קומען דייטשן און מ'שיכורט מיט מיידלעך... אויפן גארן איז באשטימט פאר אפיצירן און אונטן פאר פראסטע זעלנער.

דאס ווארט „פוף" איז ניט ארויס פון זינען, אבער וואס איז דאס אזוינס א „פוף" האט קיינער פון אונז חדר־אינגלעך ביז דעמאלט נישט געוואוסט. שפעטער, האבן מיר שוין אנגעהויבן פארשטיין פארוואס די דייטשן האבן אזוי פיל ביי אונז געפרעגט, וואו דער „פוף" איז.

ווען די שטאט איז געלאפן צום אידישן שפיטאל זען, וואו מ'פירט א גרופע „מיידלעך" אונטער פאליצייאישער וואך, צום דאקטאר, האבן מיר חדר־אינגלעך שוין געוואוסט, אז אין דעם בלויען שיינעם הויז, וואו ס'האט אמאל געוואוינט הערש לייב דער חזיר־האר סוחר, איז א פרעך־הויז.

ווען מ'האט געפירט די „מיידלעך", האבן די ווייבער געשאלטן די פראסטיטוטקעס מיט די וויסטעסטע קללות און פארשפארט די טויערן, אז די קינדער זאלן ניט ארויס אין גאס. זיי, די מיידלעך פון בארדעל זיינען געגאנגען אראפגעלאזט די אויגן, בלויז איינע האט געלאכט און ארויסגעשטעקט דעם צונג.

אין אַ צייט אַרום איז אונזער מלמד געוואָר געוואָרן, אַז זיינע תל־מידים ווייסן פון דייטשן בתי־זונות, האָט ער אונז געשלאָגן וויפל ס'האָט נאָר געקאָנט אַריין. אָבער אַרויסטרייבן דאָס וואָס מיר זיינען געוואָר געוואָרן, האָט ער שוין נים געקענט...

שפּעטער, האָט דאָס שטעטל אויפגעברויזט. ווען אַ מיידל האָט גע־בוירן אַ קינד. באַלד האָבן אָבער אַלע געזונגען:

איי לע ליו לו סערזשאַנטעלע,

אין גיבן וועסטו ווערן אַן אַדיוטאַנטעלע.

דאָס מיידל־מוטער, אַ משוגענע גויע און נאָך איינינקע פּרויען, האָבן די דייטשן געכאַפּט און אַוועקגעשיקט און קיינער האָט ניט געוואוסט, וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען. בלויז איינע פון זיי איז אין יאָרן אַרום צוריקגעקומען אַ קראַנקע און מיט אַ גאָלן קאָפּ און די שטאָט האָט איר גערופן מלכהלע די קורווע.

ווען די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד האָט אויסגעבראָכן, און זיי, די דייטשן האָבן דערפילט, אַז זייערע טעג אין שטעטל זיינען געציילטע, האָבן זיך פּלוצים באַוויזן די „טויטע קעפּ״, וואָס האָבן זיך געלאָזט נקמה נעמען אין די פּאָליאַקן.

פאַר „היימלעכקייט״ וועגן האָבן די „טויטע קעפּ״ געזעסן אין די גאַסן און אין יענעם פרימאָרגן, איז אַריין אַ קויל אין אַ אידישער שטוב און געטויט דאַדיע פעלדשערס שענסטן זון. ביינאַכט האָבן זיך די דייטשן בעלאָזט וואוילגיין מיט די פּאָליאַקן און דער עיקר: מיט די לעגיאָנערן.

אויף די גאַסן פון שטעטל זיינען געלעגן דערמאָרדעטע פּאָליאַקן און ביי אַלעמען זיינען געווען אַראָפּגעצויגן די שיך. און אין פּאַטאַצקיס הויף האָבן די „טויטע קעפּ״ פאַרשלאָסן 24 פּאָליאַקן און זיי פאַרברענט לעבעדיקערהייט.

די דייטשן זיינען אַוועק און אין „שלאָס״ האָבן זיך אויף צו מאָרגנס געוואָלגערט אברים פון פאַרברענטע פּוילישע לעגיאָנערן, וואָס האָבן אין יענער נאַכט זיך פאַרמאָסטן איבערצונעמען די מאַכט אין שטאָט און אָנהויבן אַ ניי בלעטל אין דער געשיכטע פון דער פּוילישער זעלבסטשטענדיקייט.

„שטורעם און דראַנג פעריאָד"

דאָס שטעטל האָט די נייע פוילישע מלוכהשע זעלבסטשטענדיקייט דערזען און אויך דערשפירט. קאָסטעצקיס שגץ, האָט אָנגעהויבן הערשן איבער דער שטאָט און בראָנעק דער ביינער־קלויבער, איז געוואָרן קאָפּ־ראַל.

די איינוואוינער האָבן נאָך גוט געדענקט די דייטשע שמיץ — די צעיושעטקייט פון די נייע הערשער, די יונגע פוילישע שקצים, האָט דע־ריבער זייער שטאַרק געשראָקן.

דאָס אידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן, האָט אָבער אָנגעהויבן קומען צו זיך. די „טיי־האַלע", וואָס האָט זיך נאָך פריער געהאַט געעפנט, האָט אָנגעהויבן ווערן אַ צענטער פון אידישער אַרבעטער יוגנט.

אין לאַנד האָט אויף אַ מאָמענט אַ בלאָז געטון אַ פרייער ווינט און די מאַראַטשעווסקי רעגירונג, די אַרבעטער־ראַטן, האָבן אַביסל דערמונ־טערט דעם יונגן דור.

די באַפעלקערונג איז געווען מוראדיק אָרעם, אָפּגעריסן און אויס־געהונגערט פון די מלחמה־ און אָקופּאַציע־יאָרן. כמעט פון אַלע בעטן זיינען שוין די ליילעכער און קאָלדרעס געווען אַראָפּגעצויגן און פון זיי געמאַכט קליידער און מאַנטלען. אין פיל שטובן האָבן זיך אין גרויסע טעפּ געקאָכט וואַסער מיט פאַרב, וואו ס'האָבן זיך געפאַרבט ציכן, ליילע־כער און קאָלדרעס.

פעשע „האָניקטייגל" האָט זיך אויפגענייט אַ קאָלדרע־לייבל פון ברוינעם קאָליר, זיך פאַרצויגן די טאַליע מיט אַ פּאַסיק און אויפן קאָפּ אָנגעטון אַ „מענסקע" היטל און געלאָפן אין דער „טיי־האַלע". יונגעלייט,

די אַנפירער פון די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס און סתם האַלבע אינטע־ליגענטן, „באַלעבאַטישע ליידיקגייער", האָבן געטראָגן הוטן, וואָס די „דענקעס" זיינען שוין געווען צעריסן. די הויזן אַלט און אָפּגעריבן און די שיך אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, אַז זיי האָבן אָפּגעריסן די פּיס. אייִן פּאַפּיראָס האָבן געראויכערט דריי חברים און אַנדערע האָבן זיך גאָר באַ־נוגנט מיט בעטן אַ „פּאָר צי".

אַזוי האָט געלעבט די גרעסטע טייל פון דער באַפעלקערונג.

אַ רעדל שוואַרץ ברויט מיט אַ גלאָז טיי, „פּאַרזיסט" מיט אַ סאַ־כאַרינקע איז געווען אַ גביריש נאַכט־עסן, ווייל אין הונדערטער שטובן, האָט מען אין די פּרימאַרגנס, יעדערן אויסגעטיילט זיין פּעניצל ברויט. די גייסטיקע בענקשאַפטן האָבן זיך אָבער פון דעם אַלעם ניט וויסנדיק געמאַכט. די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן זיך אויפסניי אָנגעהויבן אָר־גאַניזירן, ס'איז געשאַפן געוואָרן די „אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע פאַר־ביודאָ", עס איז אַפילו געגרינדעט געוואָרן אַ פאַריין פון הויז־דינערנס.

..— נאַ דיר גאָר — האָבן אַלטע אידישע באַלעבאַטעס געשריען — אַ פאַריין פון דינסטן.

די דינסטמיידלעך, זיינען אָבער מיט פרייד געלאָפן אין פאַריין אַריין, ווייל זיי האָבן זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון קיך און פּטור ווערן פון טראָגן דאָס „באַלעבאַטישע" מיסט יעדן פרימאָרגן. אין קיך, וואָס שטייט כמעט אָפן פאַר אַלע דורכגייער, האָבן זיך דערהערט אַנדערע ווערטער. פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ ברייט פאַרצווייגטע טעטיקייט. ביים „בונד" זיינען אויפגעקומען נייע רעדנער און פון שעדלעץ איז געקומען יאַנקל טאַבאַקמאַן, דער קאַמאַשנמאַכער און האָט אין שטעטל געגרינדעט די פּועלי־ציון.

דער „גראָסער קלוב" איז דערעפנט געוואָרן אין די שיינע דירות ביי „מרדכי לעפּ" און קעגנאיבער, אין גרינעם הויז ביי „מאיר דאַנע־לעס" האָבן זיך „אַריינגעצויגן" די פּועלי־ציון. יעדן אָוונט איז די „גראָ־סער ביבליאָטעק" פול געווען מיט לייענער, וואָס זיינען געקומען „טוישן אַ ביכל".

פון אַמעריקע זיינען אָנגעקומען נייע אידישע ביכער, האָבן זיך די לייענער אויף זיי ממש אַ וואָרף געטון. די „שריפטן" האָבן געבראַכט שאַפונגען פון אַזוי פיל נייע שרייבער און מ'האָט אָנגעהויבן לייענען: ה. לייוויק, זישע לאַנדוי, י. אָפּאַטאָשו, דוד איגנאַטאָוו, משה לייב האַלפּערן, מאַני־לייב, ר. אייזלאַנד און נייע לידער פון מנחם א. אַ. צו דעם אַלעם זיינען אָנגעקומען נייע ווערק פון שלום אַש, פּינסקי, קאָברין, גאָרין, און אַ ים מיט איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור. ווער עס האָט געוואָלט האָט זיך אַ נעם געטון צו שיינער ליטעראַטור און ווער צו פּובליציסטיש־וויסנשאַפטלעכע ווערק.

די קלובן זיינען אַלע נאַכט פול געווען מיט יוגנט, וואָס האָט געפירט דיסקוסיעס און געקעמפט. ווער עס האָט געקעמפט איבער ליטעראַטור און ווער איבער פּאָליטישע ריכטונגען. „קעסטל־אָוונטן", דיספּוטן, „מאַסקאַוועקעס", זיינען פאָרגעקומען אַלע פאָר טעג און אומעטום זיינען געווען אָפּאָנענטן.

די גאַס האָט געברענט און די יוגנט האָט מיט שטורעם און ליידנשאַפט געוואָונען פּאָזיציע נאָך פּאָזיציע.

מאַסן־מיטינגען אין די בתי־מדרשים, וואַל־מיטינגען צום ערשטן פּוילישן סיים, אונטערן פרייען הימל, מיט דער באַטייליקונג פון די בעסטע רעדנערישע כוחות פון וואַרשע, האָבן ממש צעוויגט דאָס שטעטל.

פון רוסלאַנד האָבן זיך דורכגעריסן נייע לידער, וואָס אַלע האָבן געזונגען, און נייע פּאָעטישע שאַפונגען, האָבן פיל געחזרט אויף אויסנווייניק.

גייענדיק שפּאַצירן מיט דער „שוואַרצער חנה" וויט אויפן שאָסיי, האָט חיים דער בערשטער דעקלאַמירט דוד האָפשטיינס „פּראָצעסיע":

„איך גיי אין דיינע פאַרנטיקע רייען,
שפּאַנענדיקע מענטשהייט,
מיט שטאַלצע, דרייסטע, זודיקע און קאַלטע —
טראָט נאָך טראָט!
אויף שאָנדן־שטאַנגען וואַקלט זיך און וואַקלט

דער אַלטער גאָט״.
מיט לופט געלאַטעט, פלאַטערט אַלץ און פלאַטערט
די אַלטע רויטע פאָן —
צוריק קיין טראָט!״

די „כאַליאַסטרעניקעס״, די אידישע פּאָעטן פון פוילן, האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינשניידן מיט געבראַזג און טומל און דערווייל האָט די יוגנט געלייענט לייוויקס לידער וועגן באַפרייאונג און אויך זיך פאַרגע־שטעלט דאָס ווייטע, גרויסע אַמעריקע לויט א. לעיעלעס „ניו־יאָרק״:

„מעטאַל. גראַניט. געדרויש. געבראַזג. געפּילדער.
אויטאָמאָבילן. הויך־באַן. טיף־באַן. קאַר.
בודלעסק. גראַטעסק. קאַפּעען. קינאָ־בילדער.
עלעקטריש ליכט און גרילצנדיקער ווירוואַר״.

און האָט מען גערעדט וועגן ניו־יאָרק, איז עס געווען מיט א. לע־יעלעס ווערטער, אַז „די געזיכטער אין ניו־יאָרק זיינען פרעמד און פיינט־לעך שטאַר. מ׳זעט קיין שמייכל, מ׳הערט קיין גוט־מאָרגן ניט. דער מענטש איז איינזאַם און פלאָנטערט זיך אין אָט דער דרענגעניש כאָאָטיש ווילדער״.

איבער אַלעם האָבן מיטגעריסן דוד אייגהאָרנס פעליעטאָנען אין די „לעבנס־פראַגן״, אונטערן נאָמען: „שוואַרץ־דרויט״. מלחמה, שפּעקולאַציע, זשאַן זשאָרעס און דער נייער קלאַס. די אידישע יוגנט אין שטעטל, האָט געלעכצט נאָך אַ ניי און גליאיק וואָרט.

אַלע האָבן זיך פאַרמאָסטן איבערצורייסן מיט די פאַרמלחמה־צייטן און דער עיקר: אַלע האָבן געוואָלט אויסרייסן פון זיך מיטן וואָרצל, די אָנגעוואָקסענע „קליינבירגערלעכקייט״, זייט דורות. אין אַלעם האָט די יוגנט אין שטעטל געזען די אייגענע צעקראַכענע „קליינבירגערלעכקייט״.

זאָגן, אַז די געליבטע האָט „קאַרשן־אויגן״ איז געווען אַ זינד... גלעטן דעם מיידלס „ווייך־זיידענע האָר״, האָט געהייסן, אַז מ׳איז אַ „קליינבירגערלעכער שוואַכלינג״. און וועגן „סולטאַנס טאָכטער״ האָט זיך

אַן עכט „פּראָלעטאַריש פּאַרל״ געקאַנט דערלויבן צו זינגען נאָר דעמאָלט, ווען זיי זיינען געווען אַליין אויף דער „הייליקער נאַטור״.

אַזוי איז ניט נאָר געווען ביים פירן ליבעס. די אַרבעטער פּאַרטייען האָבן אָנגעהויבן אויסשליסן פון זיך די גבירישע קינדער.

ישראל „אידל שמודיקס״ האָט זיך געבעטן רחמים, אַז מ׳זאָל אים ניט אויסשליסן פון „בונד״, דאָס זעלבע אויך אַנדערע סוחרישע קינדער — עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. פיל פון אָט די רייכע קינדער האָבן זיך געצויגן צו דער פּאַרטיי, ווי צו אַ געליבטע, דער „שטורעם און דראַנג פּעריאָד״, האָט אָבער אויף אַ צייט פאַרשטעלט פאַר זיי די טירן, פון די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס.

די פּאַרטיי רופט, איז געווען אַ הייליקער פּאַראָל. אַ סטודענט, אַ מיטגליד פון בונדישן קאָמיטעט, איז ניט געקומען צו דער גאַסן־דעמאָנ־סטראַציע, האָט אים די „אָרגאַניזאַציע״ גלייך באַזייטיקט. דער סטודענט האָט זיך פאַרטיידיקט: די עלטערן האָבן אים ניט געלאָזט גיין, זיי האָבן מורא געהאַט איינצושטעלן זייער איינציק קינד, און ס׳האָט ניט געהאָלפן. די אָרגאַניזאַציע האָט ניט געפונען קיין „מילדערנדע אומשטענדן״. דאָס זעלבע איז געווען ביי די פּועלי־ציון. איינער פון די אָנפירער, האָט זיך ניט צוגעשטעלט אין ערשטן מאַי־צוג, האָט מען אים גלייך אויסגעשלאָסן.

פאַר „שוואַכליגגען״ איז דעמאָלט קיין אָרט ניט געווען. דער „שטורעם און דראַנג פּעריאָד״ האָט אָבער אויסגעעברים גייע מעגלעכקייטן און איבערן שטעטל האָבן זיך באַוויזן ברייטע האָריזאָנטן.

ווער האָט עס דעמאָלט געטראַכט פון אייגענעם לעבן? העכער פון אַלץ איז געווען דער קאָלעקטיוו און איבער אַלעם איז געשטאַנען די מענטשהייט. ווי ברייט מ׳זאָל ניט האָבן געקוקט אויף דער וועלט, די אַרבעט איז אָבער געפירט געוואָרן אין דער אייגענער אידישער סביבה. עס האָבן זיך געשאַפן כאָרן, דראַמאַטישע קרייזן, טורן־פאַריינען און אין דער גרויסער שטאָטישער ביבליאָטעק, האָט זיך פאַרענדיקט דער קאַמף צווישן העברעאיסטן און אידישיסטן און עס האָבן זיך דערעפנט אַ רייע נייע ביבליאָטעקן.

איבער אַלעם האָט אַרויסגעקוקט די אידישע שול. הינטערן שטאָט האָט זיך געשאַפן אַ שפּיל־פּלאַץ פאַר קינדער, אונטער דער אָנפירונג פון „אנעשקע", שעפקע דעם ציין־דאָקטאָרס ווייב. פאַר דער מלחמה האָט זי אָנגעפירט אין שטעטל אַ רוסישע שול, דער „שטורעם און דראַנג פּע־ריאָד" האָט זי אָבער אַריינגעכאַפּט אין זיינע נעצן און זי, „אַנעשקע" האָט אָנגעהויבן שאַפן אַ אידישע שול. אַלס געהילפן האָט זי צוגענומען צו זיך אַ פאַר „היימלאָזע" יונגע לערער פון בריסק, וואָס האָבן זיך אויפ־געהאַלטן אין שטעטל, און צווישן זיי דער באַגאַבטער הערשל פיינעבעריע, וואָס איז געוואָרן די נשמה פון דער אידישער פאָלקס־שול. צו אים האָבן אַלס לערער געאַרבעט אַ רייע שטאָטישע יונגעלייט און מיידלעך.

די פאַרווייִלונגען אויפן שפּיל־פּלאַץ און שפּעטער די יום־טובים אין שול, האָבן צוגעצויגן טויזנטער מענטשן. אויף אַ יום־טוב אונטערן פרייען הימל אין רוסישן גלחס סאָד, האָבן אַלע קינדער, צוזאַמען מיטן עולם געזונגען:

„מאַדאַם אַדלער, מאַדאַם אַדלער,
גיט אונז לערע אומזיסט, אומזיסט".

שפּעטער האָבן די ציוניסטן געשאַפן אַ העברעאישע שול און אַ רייע אידישע גבירים האָבן דערעפנט אַ פּוילישע גימנאַזיע (מיט אַ פּאָר שעה העברעאיש), וואָס האָט באַקומען מלוכה־רעכט און צענדליקער שטאָ־טישע אינגלעך און מיידלעך האָבן געענדיקט גימנאַזיע און זיך צעפאָרן אין די אוניווערזיטעטן פון לאַנד און פון אויסלאַנד. אין יאָרן אַרום זיי־נען אייגענע „אינגלעך" אַראָפּגעקומען פון וואַרשע אַלס געענדיקטע אַד־וואָקאַטן און פון נאַנסי און באָרדאָ אין פראַנקרייך, זיינען געקומען מעדי־צינער און דענטיסטן.

די שטאָט איז געוואַקסן, אַלערליי געזעלשאַפטן זיינען באַשאַפן גע־וואָרן, אַפילו אַן „עספּעראַנטאָ־קרייז" איז אויך געגרינדעט געוואָרן. די אַרבעטער האָבן געשאַפן קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו, אַן אייגענע בעקעריי און די בערשטער אַרבעטער האָבן זיך אויך פאַרמאָסטן אויף פּראָדוציר קאָאָפּעראַטיוו.

ביי דעם אַלעם האָט זיך דאָס שטעטל צום ערשטן מאָל געגרייט צו וואַלן אין שטאָטראַט.

די בונדיסטן, די ציוניסטן און סתם אידן, האָבן זיך געגרייט צו די וואַלן און אָנגעהויבן באַדוליערן, וואָס די קאַנדידאַטן קענען שוואַך ריידן פויליש. האָבן זיך טאַקע אַלעמענס קאַנדידאַטן אַוועקגעזעצט לערנען פוילישע גראַמאַטיק, כדי אויסצוהאַלטן דעם עקזאַמען וואָס מ'האָט באַדאַרפט באַלייגן ביים שטאַטישן ריכטער.

דער „שטורעם און דראַנג פעריאָד" האָט זיך פאַרענדיקט, ווען די אַרבעטער אין שטעטל האָבן אָנגעהויבן דיסקוטירן: צי זאָל דער „בונד" אַריינטרעטן אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל, אָדער נישט.

אין אָנהויב זיינען די דיסקוסיעס פאָרגעקומען אין די צימערן פון בערשטער פאַריין און דאָס אין די שפּעטע נאַכט־שעהן. וואָכן און חדשים לאַנג האָבן די פאַרטייער צווישן זיך דיסקוטירט וועגן די גרונט־ליניעס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. געמאָסטן די טריט פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און אָפּגעשאַצט די פּאָזיציעס פון זיינע שטאַרקסטע סעקציעס. ווי ווייט האָט געגרייכט די רוסישע רעוואָלוציע, דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אָדער דיקטאַטור פון די רעוואָלוציאָנערע קלאַסן?

איין שיטה, די „רעכטע" האָט אָנגערופן דעם „קאָמינטערן": א וועלט פאַרטיי, וואָס גיט באַפעלן פאַר אַנדערע לענדער און די צווייטע שיטה, די „לינקע" האָט דעם סאָציאַליסטישן לאַגער אָנגערופן: פייערלעשער.

פון צייט צו צייט פלעגן אָראָפּקומען „ראַיאָנאָווע" און גאָר צו לעצט אויך מיטגלידער פון צענטראַל קאָמיטעט, וואָס האָבן גאַנצע נעכט געלערנט מיטן עולם סאָציאַליסטישע תורה.

די פאַרטייער זיינען געווען אויסגעבונדן אין אַלע אַקציעס און באַשלוסן פון די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע פאַרטייען אין אייראָפּע. אומצאָליקע ביישפּילן פלעגן ביידע שיטות קודם כל ברענגען פון דער אַרבעט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין לאַנד — די פּ. פּ. ס. שפּעטער זיינען די דיסקוסיעס אַריבער צו דער גאַס, צום גאַנצן שטעטל און גרויסע טיילן פון דער באַפעלקערונג האָבן זיך „אַריינגעמישט" אי־

נעם שטרייט אַרום די „21 אייַנטריטס־פּונקטן", וואָס דער דריטער אינ־טערנאַציאָנאַל האָט דאַן אַרויסגעשטעלט, איידער אַ פּאַרטיי, האָט זיך אין אים געקאָנט אַנשליסן.

ווער ס'האָט אָנגענומען אַלע „21 פּונקטן", ווער ס'האָט אָנגענומען 19 מיט אַ האַלבן פּונקט און ווער ס'האָט אָנגענומען ניט מער ווי 16 פּונקטן. אין יענע חדשים האָט דאָס שטעטל זיך געוויגט און די אַרבע־טער האָבן געפיבערט. כמעט אין יעדער הויז, ביי יעדן טיש פלעגן די פּאָ־ליטישע דיסקוסיעס געפירט ווערן, שיעור ניט ביז געשלעגן.

מיט די דיסקוסיעס וועגן גרויסע סאָציאַלע האָפענונגען, מיט היי־סע וויכוחים איבער דיקטאַטור, אָדער דעמאָקראַטיע, דיקטאַטור פון אַ פּאַרטיי, אָדער דיקטאַטור פון אַרבעטער־קלאַס, נאָך וועלכן ס'איז געקר־מען אַ גרויסער אַרעסט אין שטעטל און די אַקטיווסטע טוער פון דער אַרבעטער באַוועגונג, ווי אויך מיטגלידער פון פּועלי־ציון און סתם אומ־פּאַרטייאישע אינטעליגענטן, זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער ביי קראָקע, האָט זיך „דער שטורעם און דראַנג פּעריאָד" פאַרענדיקט.

אכט טעג מיט די באָלשעוויקעס

ווען די פוילישע אַרמיי, איז אין יאָר 1920, אַנטלאָפן פון שטעטל, זיינען הונדערטער אידן געווען אויף די שטאָטישע פעלדער. די נויט אין שטאָט איז געווען גרויס, איז יונג און אַלט געלאָפן אויף די פעלדער, וואָס זיינען שוין געווען נאָך „שניט" און דאָרטן געזוכט אַביסל איבערגעבלי־בענע זאַנגען מיט קאָרן, אָדער ווייץ. יעדער האָט געטראָגן מיט זיך אַ זאַק פאַר די פולע זאַנגען... און אַז מ'האָט געטראָפן אַביסל צייטיקע „רויטע קאַרטאָפל", האָט מען זיי אויך ניט איבערגעלאָזט. קיינער האָט זיך אָבער ניט פאַרגעשטעלט, אַז די פּאָליאַקן וועלן אַזוי שנעל זיין געצוואונגען צו אַנטלויפן און דער עיקר: אַז זיי וועלן פאַרלאָזן דאָס שטעטל אַזוי רואיק.

ווען מיר האָבן זיך אין איינעם אַ פאַרנאַכט צוריקגעקערט פון פעלד, זיינען אין סאַמע מיטן מאַרק, אויפן באַלקאָן ביי „משה חוהס" געשטאַנען צוויי רוסישע זעלנער מיט אַ ווייסער פאָן אין אַ האַנט און זיי האָבן גערעדט צום עולם, אַז זיי קומען אין נאָמען פון אַ שלום־דעלעגאַציע, וואָס דאַרף זיך באַגעגענען אין שטעטל. פון ווייטנס, זיינען נאָך געגאַנ־גען די לעצטע טיילן פון דער פוילישער אַרמיי, ווי עס וואָלט גאָרניט פּאַסירט. דער סוף איז געווען, אַז קיין שלום־דעלעגאַציע מצד די פּאָ־ליאַקן, איז ניט געקומען און אין געציילטע שעהן אַרום, איז אַריינגע־קומען די רויטע אַרמיי.

אידן זיינען באַלד אַרויס אין די גאַסן און אויפגענומען מיט פרייד די רויטע אַרמיי. די זעלנער וואָס האָבן דורכמאַרשירט די שטאָט, זיי־נען געווען מיד און אָפּגעריסן און האָבן אויסגעזען, ווי י. י. זינגער שיל־דערט זיי אין זיין דערציילונג „ליוק".

זינגענדיק הײמישע רעוואָלוציאָנערע לידער, האָט אַלע מאָל אַן אַנ־דער זעלנער געפרעגט:

— נאָך װײט קײן װאַרשע?

אין שטעטל האָט מען דאַן דערצײלט, אַז קאַרל ראַדעק, װי אײנער, װאָס איז געבוירן און דערצויגן אין פּוילן, װאַרט אין שעדלעץ אויפן פאַלן פון װאַרשע און אַז ער איז באַשטימט, פאַר דעם ראש פון דער באָלשע־װיסטישער אַנפירונג אין פּוילן.

סך־הכל זײנען די באָלשעװיקעס געװען אין שטעטל אַכט טעג. די אכט טעג זײנען אָבער א װיכטיק בלעטל אין דער געשיכטע פון מעזריטש.

דער „רעװקאָם" װאָס האָט זיך באַלד געשאַפן אין שטאָט, האָט פאַרנומען אַן אָרט אין דער „גרויסער באַנק", װאָס איז געװען נעבן מאַרק־סעדל, און פון דאָרטן, זײנען אַלע פּאָר שעה געקומען באַפעלן. די אַנפירנדיקע מיליטער־לײט, צוזאַמען מיט אַ רײע יונגעלײט און אײן פּרוי פון שטעטל, האָבן אַנגעהויבן זוכן מענטשן װעמען איבערצוגעבן פאַראַנטװאָרטלעכע אמטן. ערשטנס, האָט מען געזוכט אזעלכע, װאָס האָבן געקענט רוסיש און צװײטנס, נאָענט שטײענדיקע צו די אַרבעטער. קײן סך קאָמוניסטן, זײנען נאָך דאַן אין שטעטל ניט געװען, באַזונדערס, האָבן געפעלט די אַרבעטער־טוער און אָפירער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַרײנען, װאָס די פּאָליאַקן האָבן מיט אַ צײט צוריק געהאַט פאַרשיקט אין „דאָמביער לאַגער", נעבן קראָקע. דאָך איז באַלד אויף צומאָרגנס, װי די רויטע אַרמײ איז אַרײן אין שטאָט, פאַרגעקומען אין „גראָסער־קלוב" אַ פאַרזאַמלונג פון בערשטער ארבעטער.

װען די „שװאַרצע ליובע" אין מיליטערישע מלבושים, האָט גע־רעדט צו די בערשטער און גערופן די פּעאיקע פון זײ איבערצונעמען פאַרשידענע אַמטן, איז אויפן טיש געלעגן אַ רעװאָלװער. די פאַרזאַמלונג האָט זיך געצויגן א פּאָר שעה און נאָך דעם, האָבן זיך אַ רײע אַרבעטער צוגעשטעלט אין אויספיר־ביוראָ.

אַלע פּאָר שעה זײנען פאָרגעקומען מאַסן־מיטינגען אונטערן פרײען הימל און די רעדנער האָבן גערעדט מיט אַ סך ברי. נאָך יעדער רעדנער

האָט דער אידישער אָרקעסטער פון די שטאָטישע פייערלעשער, געשפּילט דעם „אינטערנאַציאָנאַל" אָדער די „מאַרסעליעזע".

אויפן דריטן טאָג האָבן שוין אויך גערעדט יונגעלייט פון שטעטל: חיים „גערגעלעס" — אַ „פּריקאַשטשיק", אַן אָנגעשטעלטער אין אַ מאַנופאַקטור געשעפט, אַ יונגערמאַן מיט אַ שאַרף צינגל, וואָס האָט זיינע די באָלשעוויקעס זיינען אריין אין שטאָט, אָראָפּגעלאָזט די ראַנדן פון אַלטן גרויען הוט — האָט געהאַלטן רעדעס.

אויך משהלע „זוואָדנער", אַ קליין דאַר מענטשעלע, אַן אידעאַישער קאָמוניסט, האָט אין מאַרק געהאַלטן אַ רעדע און געזאָגט ניט מער: „איך קען אייך זאָגן, איך וויל אייך זאָגן און מוז אייך זאָגן, אַז טראָצקי איז אַ פיינער מאַן". מוזיק שפּילט אויף!

די דאָזיקע פּאָר ווערטער האָבן משהלע „זוואָדנער" שיעור ניט געקאָסט דאָס לעבן זיינס, ווייל ווען די באָלשעוויקעס זיינען אַוועק, האָבן די פּאָליאַקן אים געכאַפּט און פאַרפירט קעגן אים אַ שווערן פּראָצעס.

— ס'האָט אוודאי געלוינט — האָט זיך דאָס שטעטל געוויצלט.

אין די אַכט טעג אונטער די באָלשעוויקעס, האָט מעזריטש אויך געהאַט אַן אייגענעם געהילף קאָמיסאַר און דאָס איז געווען שיע חסידס זון, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן: זאַווילאָוו.

— ווער זאָל עס געווען וויסן — האָט דער פּוילישער קאָמיסאַר פון שטאָט זיך געהאַלטן אין איין וואונדערן, אַז שיע קאַמאַשן־שטעפּערס זון וועט זיין קאָמיסאַר פון שטאָט. און אידן צווישן זיך האָבן געצויגן מיט די פּלייצעס אויף דער גאַנצער מעשה זאַווילאָוו. פון ווען, פאַרוואָס קומט עס אים? אין די שטובן האָט מען אָבער דערציילט, אַז „זאַווילאָוו" איז געקומען פון רוסלאַנד מיט אַ פּאַרטיי־בילעט איינגענייט אין די שיך און דערפאַר איז ער ביי די באָלשעוויקעס געווען דער פאַרטרוילעכסטער מענטש. איי, ער האָט ניט געקענט אַזוי גוט רוסיש, דערויף איז דאָך געווען „מאַניע דעם פעלדשערס". אָט די מאַניע, וואָס איז יאָרנלאַנג אַרומגעגאַנגען מיט הילצערנע שיך און מיט אַ היטעלע מיט רויטע לאַמפּאַסן אַלס צייכן פון איר שטודיום, און תמיד געזוכט צו לערנען שרייבן דער

ארבעטער יוגנט, איז געווען די בעסטע רוסיש קענערן, און אַלע באַפעלן האָט זי איבערגעשריבן.

ווען די רויטע אַרמיי איז אַנטלאָפן, איז דער „וואַרשעווער פעלד־שער" צוזאַמען מיט זיין ווייב, אַרומגעגאַנגען און פון אַלע באַפעלן פון „רעווקאָם" וואָס זיינען געווען צעהאַנגען אויף די ווענט, האָט ער אָפגע־קראַצט זיין טאָכטערס נאָמען. . .

ווען דער באָלשעוויסטישער אַנגריף אויפן פראָנט, איז פּלוצים גע־בראָכן געוואָרן און די אַרמיי איז מיט געוואַלדיקער שנעלקייט געלאָפן צוריק קיין בריסק, אויפן וועגן קיין רוסלאַנד, איז אַ גרויסע טייל פון דער שטעטלדיקער יוגנט מיטגעלאָפן מיט די באָלשעוויקעס קיין רוס־לאַנד.

צו ערשט איז געלאָפן דער יאָרגאַנג 1902, אכצן־יאָריקע אינגלעך, וואָס האָבן געדאַרפט גיין צום מיליטער און נאָך זיי זיינען געלאָפן אַר־בעטער און סתם־אידן. די אידישע באַפעלקערונג אין שטאָט האָט זיך זייער געשראָקן פאַרן צוריק אָנקומען פון דער פּוילישער אַרמיי. און ווירק־לעך איז זיך געווען פאַרוואָס צו שרעקן.

אין די ערשטע טעג ווען די פּאָליאַקן האָבן צוריק פאַרנומען דאָס שטעטל, זיינען זיי פּשוט דערגאַנגען די יאָרן. זיי האָבן אַלע אידן באַ־שולדיקט אין באָלשעוויזם און יעדן איד באַזונדער האָבן זיי גערופן טראָצקי. די יונגעלייט, וואָס האָבן פאַרנומען דעם מינדעסטן אַמט, אין לויף פון די אַכט טעג ביי די באָלשעוויקעס, האָבן מודאדיק געציטערט. און געשלאָגן האָבן די פּאָליאַקן, וואָס פאַר אַ איד זיי האָבן נאָר גע־טראָפן. דעם פייערלעשער אָרקעסטער פון וועלכן ס'איז קוים געבליבן אַ באַס, אַ קאָרנעט און אַ פּויק, האָבן די פּאָליאַקן געצוואונגען צו שפּילן גאַנצע נעכט אין שטעטלדיקן מאַרק „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגיניעלאַ".

די צוריקגעקומענע פּוילישע פּאָליציאַנטן מיטן קאָמיסאַר בראָש, האָבן זיך גאָרניט געקאָנט באַרואיקן און איינשטילן. קיינעם אין שטעטל האָבן זיי זיך ניט געלאָזט אַ ריר טון. אומעטום האָט פּאָליציי, צוזאַמען מיט אייניקע שפּיאָנען, אַריינגעשטעקט די נעז. די שטאָט איז אַרומגע־נומען געוואָרן מיט פּאָליצייאישע קייטן.

פֿאַר די אַכט טעג, וואָס די באָלשעוויקעס זיינען געווען אין שטאָט, האָט די באַפעלקערונג באַצאָלט מיט אַ סך בלוט און פּיל, פיל אַרעסטירטע. אלע צוזאַמען האָבן זיי באַקומען הונדערטער יאָרן שטראָף און שווערע תפיסה.

דער דור, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט צווישן „פייער און שווערד", האָט אָבער אָנגעהויבן אַרויסשטעקן דעם קאָפּ פון די באַהעלטענישן און זיך פארמאָסטן אָפּצואווישן „די קרעציק אַלטע וועלט".

אַ דור וואָס האָט געקעמפט און געבענקט

רעוואָלוציאָנערע ברי און בענקשאַפט צו אַ ניי לעבן, אַ געדעכ־טערס און אַ אידישס, באַזירט אויף פעסטע עקאָנאָמישע יסודות, האָט ווי אַ פייער אַרומגענומען דאָס שטעטל און אָנגעצונדן כמעט אַלע אידישע הייזער. מיידלעך האָבן העפטנדיק זייערע ציכלעך, טישטעכער און „לאָר־פאָנס", געחלומט פון רעוואָלוציאָנערן אויפברויז און פראָלעטאַרישע אינגלעך האָבן אין די שפייכלערס געלערנט: פרודאָנס „וואָס איז אייגנ־טום", משה טערמאַנס „קולטור און דער אַרבעטער קלאַס", דיקשטיינס „פון וואָס איינער לעבט". און דער „זעלבסטבילדונגס־קרייז" האָט שטו־דירט „די גרונט יסודות פון פאָליטישער עקאָנאָמיע".

דער שוואַרצער יאָסל, האָט פאַרשריבן גאַנצע העפטן וועגן דעם, ווי אַזוי עס איז אַנטשטאַנען די מענטשלעכע געזעלשאַפט, דער „קליינער אברהמעלע" האָט געלייענט וועגן „אַנבאָט און נאָכפראַגע". העניע דעם קאָמיסיאָנערס האָט זיך געמוחט „וואָס איז אַזוינס געלט", זיסקינד דער גאַרבער האָט זיך דערגרונטעוועט צום „קאַפּיטאַליזם און זיינע סתירות", „דוד דער יאָיטשניק" האָט שטודירט „די גאָטהייט" און שמואל דער לע־רער, האָט געוואָלט דערגיין דעם סוד, וואָס איז אַזוינס אַ נאַציע.

יוגנט האָט פאַרשפּרייט אומלעגאַלע ליטעראַטור, פאַרוואָרפן רויטע פענער אויף די שטאָטישע טעלעגראַף־סלופּעס און אויפגעבויט „קעמער־לעך" אין דער בירגערלעכער גאַס. זין און טעכטער, וואָס זיינען גע־שלאָפן אַליין אין אַ בעט און דערצו אויף געפוצטע האַלב־זיידענע קישנס, האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו די „לינקע", די אידיש־פּוילישע גימנאַזיע, דער „השומר", זיינען געוואָרן רעזערוואואַרן פאַר די קאָ־מוניסטן.

דער גייסט פון „פינפטן יאָר" שטייט נאָך אַמאָל אויף און אַט אַזוי לעבט דאָס שטעטל מיט רעוואָלוציאָנערע חלומות, וואָס דערגייען שיעור ניט ביז היפּנאָז. די רעוואָלוציאָנערע האָפענונגען זיינען אַוועק אַזוי ווייט, אַז ווען יואל דער „שומר" האָט חתונה געהאַט מיט דער „חברטע" גאָלדע, האָבן זיי באַשלאָסן ניט צו מאַכן זיך אַפילו קיין „בעט־געוואַנט", ווייל דאָס אַלטע פאַמיליען־לעבן, ווערט לאַנג ניט אַנהאַלטן.

פאַר די „מאָדערנע פאַרלעך", האָט געשוועבט פאַר די אויגן „דאַשקע", די העלדין פון גלאַטקאָוס „צעמענט", וואָס אַרבעט און גיט אַוועק איר קינד, אַז אַן אינסטיטוט זאָל עס אויפהאָדעווען.

צי איז „נאַטקע מיטשורין" די הויפּט העלדין אין אַ ראָמאַן ביי דער רוסישער שרייבערין וויעראַ קעטלינסקאַ — גערעכט, וואָס זי קלאָגט אָן איר געליבטן מיט ליבע־טענות, צום פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט ?

דאָס איז געווען די טעמע פון אַ גרויסן „ליטעראַרישן משפט" אין איינעם פון די שטאָטישע זאַלן, וואו ס'זיינען אַרויסגעטרעטן צענדליקער אינגלעך און מיידלעך, אַלס עדות, ווייל אַלע האָבן די נייע רוסישע ראָמאַנען געקענט זייער קלאָר.

אַ נייעס איז אויך פאָרגעקומען אינעם עקאָנאָמישן לעבן פון שטעטל. די בערשטער אַרבעטער, דורך דער פאַרמיטלונג און מיטהילף פון דער „אַרבעטער קרעדיט צענטראַלע" אין וואַרשע, האָבן געשאַפן אין מעזריטש אַ בערשטער קאָאָפּעראַטיוו „באַרסטער", וואו ס'האָבן געאַרבעט העכער הונדערט בערשטער אַרבעטער.

די אַרבעטער האָבן אליין געאַרבעט, אַליין אָנגעפירט און אַליין געסוחרעוועט. רויע חזיר־האָר פלעגט דער „באַרסטער" קויפן ביים רוסישן האַנדלס־אַמט.

די אַרבעטער האָבן זיך געפרייט: די אַרבעטלאָזע האָבן באַקומען אַביסל אַרבעט און דער עיקר „דער מערוועדט" איז געבליבן ביים אַרבעטער־קאָלעקטיוו. שפּעטער האָבן אויך די קאָמוניסטן געגרינדעט אַ פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוו „זעלבסטהילף". קיין צוויי קאָאָפּעראַטיוועס פאַראַמאָל, האָט דאָס שטעטל ניט געקאָנט אָנפירן אוןביידע זיינען אונטער־

געגאַנגען, הגם די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער האָבן מיט אַלע כוחות גע־וואַלט אָנהאַלטן די אַרבעטער פּראָדוציר קאַפּאַציטעטן.

אַ נייעס אין שטעטל איז געווען, בעת אין גאַס האָבן זיך באַוויזן די „לעדערנע קורטקעס". דאָס זיינען געווען יונגע אינגלעך און מיידלעך, געקומענע פון אַנדערע שטעט אין פּוילן אויף הכשרה, אויסצולערנען זיך טון שווערע אַרבעט, כדי צו קאָנען פאָרן קיין ארץ־ישראל.

הינטערן שטאָט האָבן די חלוצים געדונגען אַ פּאָר צימערן און דאָרט האָבן זיי געהאַט זייער היים. די אינגלעך פלעגן גיין זעגן און האַקן האָלץ און די מיידלעך וואַשן וועש אין גבירישע הייזער. אידישע רייכע באַלע־באַטעס פלעגן אָבער צוליב „רחמנות־וועגן", די „אויסגעאיידלטע" קינ־דער, גאָר ניט אַזוי גערן, זיי וועלן געבן אַרבעט.

„דו וועסט זייען און איך וועל פלאַנצן,
מיר וועלן פאַרגעסן אין גלות אינגאַנצן,
אַבי צו זיין אין ארץ ישראל".
דאָס האָבן שוין אַפילו קינדער געזונגען.

מיידלעך און אינגלעך זיינען אויך פון מעזריטש געפאָרן אין אַנ־דערע שטעט אַריין, אויף הכשרה. אין שטאָט אַליין האָבן זיך אָבער אויך אָנגעהויבן באַווייזן נייע „אַרבעטנדיקע" שיכטן.

דער אַלטער מרדכעלע סטאָלער, וואָס פלעגט נאָך נעילה אַרייג־„ברענגען" אין דער גרויסער שיל אריין דעם וואָכעדיקן מעריב מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז קיינער האָט אפילו ניט געוואוסט, וואו ער האלט, איז גע־וואָרן איינמאָל פּורים־צייט דער מייסטער ביי די חלוצים. די חלוצים האָבן געקויפט קעסטלעך און אנדערע געהילץ און ער מרדכעלע סטאָלער, האָט זיי געלערנט סטאָלעריי.

„ר' ברוך מאירס אייניקלעך" וואָס פלעגן זיך פאַרנעמען מיט פאַר־ריכטן אַלטע גומענע קאַלאָשן, האָבן זיך זייט אַ פּאָר וואָכן אויסגעלערנט מאַכן ווייסע קיך־בענקלעך. ביי אַ טייל איז אָבער נאָך אלעמאָל ארויס־געפאַלן דער הובל פון די הענט. אַנדערע חלוצים האָבן אַוועקגעוואָרפן

די „סטאָלעריי" און געלאָפן צו עזרא מוליער, אַז ער זאָל זיי אויסלערנען לייגן אַ ציגל, כדי זיי זאָלן אין פּאַלעסטינע זיך קענען אָפּגעבן מיט בוי־אַרבעט. אַן עלטערער פּועלי־ציוניסט, האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס ער האָט געהאַט אַן אייגענעם חבר אַ גוטן שטובן־מאָלער, איז ער אַוועק צו אים אויף „דער לער". און ווען דער „לערן־יונג" איז שוין גע־ווען גרייט אָפּצופאָרן קיין ארץ ישראל, האָט ער זיך פּאַרמאָסטן „אַליין" אויסצוקאָלכן די קיך ביי פּסח דעם פאָטאָגראַפיסט אין וועמעס שטוב עס פלעגן זיך צונויפטרעפן אָנפירער פון אַלע פּאַרטייען, מיטגלידער פון „דראַמאַטישן קונסט־קרייז" און שרייבער פון שטעטל.

מיט „שטעלן" דעם קאָליר איז נאָך געווען צו דערליידן, אָבער דעם „שלאַק", וואָס זאָל אָפּטיילן די ווענט פון סופיט, האָט „אידל ריינוויינס זון" פאַרט ניט געקאָנט צונויפפירן. האָט אים פּסח דער פאָטאָגראַפיסט ווידער „געבאַרגט" די קיך און דער „לערן־יונג" האָט ווידער געמאָלעוועט. דער סוף איז געווען, דער „לערן־יונג" איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און דאָרט געוואָרן אַ מאָלער־אונטערנעמער.

איינער פון יענע חלוצים, וואָס האָבן זיך געלערנט ביי מרדכעלע סטאָלער, איז מיט גאָר גרויס פּאַראַד אָפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל. געווען איז ער דער ערשטער חלוץ, וואָס איז נאָך 1921, געפאָרן פון שטעטל קיין פּאַלעסטינע.

הונדערטער יונגע לייט האָבן אים געפירט צו דער באַן און די חלוצים האָבן לכבוד אים איינגעאָרדנט אַ „קעניגעלכן" אָפּשייד. דער סוף איז געווען: אַז אין אַ האַלב יאָר אַרום איז ער צוריקגעקומען אַ פאַר־שוואַרצטער פון ארץ ישראל און וואָכן־לאַנג זיך געשעמט צו ווייזן פאַר מענטשן.

די לצים פון שטעטל האָבן אויסגעטראַכט, אַז דער ערשטער „רעק־רוט" איז צוריקגעקומען פון פּאַלעסטינע דערפאַר, ווייל באַלד ווי ער איז אָנגעקומען קיין ארץ ישראל, האָט ער אין דער קבוצה קודם אַ קוש געטון אַ בהמה אין הינטער־חלק און אויסגעשריען: אביבה.

די ציוניסטישע יוגנט האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו חלומען פון ארץ ישראל.

איינצלנע יוגנטלעכע האָבן זיך אויך אַוועקגעריסן קיין סאָוועט־רוסלאַנד. אינדערשטיל איז מען אוועק פון שטעטל און געלאָזט זיך קיין ווילייקע, אין ווילנער געגנט, כדי זיך דורכצושוואַרצן די רוסישע גרע־נעץ. אַזאַ גאַנג קיין ראַטן־רוסלאַנד, האָט געדראָעט מיט גרויס געפאַר. אַ פּאָר צענדליק יוגנטלעכע האָבן זיך דאָך דורכגעריסן.

די יוגנט, וואָס האָט זיך אַ וואָרף געטון צו דער קאָמוניסטישער אַרבעט, זיינען אָפט אַריינגעפאַלן אין תפיסה. אַלע פּאָר וואָכן איז פאָר־געקומען אַ נייער אַרעסט. איינמאָל האָט פּאָליציי געכאַפּט פונאַנדערטיילן פאַרבאָטענע ליטעראַטור און אַ צווייט מאָל האָט איינער פון אינעווייניק פּראָוואָצירט. איז געפאַלן אַ באַשלוס אַז דער אייגענער פּראָוואָקאַטאָר זאָל אומגעבראַכט ווערן און „דער דאָליאַ״ איז צעשניטן געוואָרן אין מיטן גאַס.

ביי דעם אַלעם איז אָבער שטאַרק געוואַקסן די סאָציאַליסטישע יוגנט־באַוועגונג. עס האָבן אויפגעבליט יוגנט־סעקציעס ביי די פּראָפע־סיאָנעלע פאַריינען, די „אָוונט־קורסן״ זיינען געווען פול, די סאָציאַליס־טישע קרייזן זיינען געוואָרן רייפער און אַ פלעיאַדע פון יונגע סאָציאַ־ליסטיש־בונדישע טוער זיינען אריין אין די פאַריינען, פּאַרטיי, שולן, ספּאָרט־קלוב, שטאָט־ראַט, גמינע, קראַנקן־קאַסע און מיטגעהאָלפן אין אַלע אַרבעטן און סאָציאַלע קאַמפן.

די אידישע באַפעלקערונג האָט זיך געשטיקט אין פּאָליטישער רעכטלאָזיקייט און געליטן פון שווערע דערדריקנדיקע גזירות. די שטייער־שרויף האָט געפּרעסט, דער אנטיסעמיטישער פייער האָט געברענט און די אידישע באַפעלקערונג, האָט געזוכט אַ פלאַץ, אַ טריבונע, וואו אויסצושרייען קעגן די סאָציאַלע אומרעכטן און אַנטי־אידן אָנגריפן און עקסצעסן.

צו די ערשטע קהילה־וואַלן איז אין שטעטל דער „בונד״ געווען די איינציקע אַרבעטער פּאַרטיי, וואָס איז געגאַנגען מיט אַ ליסטע און אַריינ־געפירט צוויי פּרנסים.

ביים קהילה־טיש זיינען געזעסן אַגודהניקעס, ציוניסטן, פאָלקיסטן, דער רב און בונדיסטן. גאַנצע נעכט פלעגן זיך ציען די ביודזשעט־זיצונ־

גען פון קהילה־ראַט און אַלע פלעגן וואַרטן אויף די דיסקוסיעס, נאָך וועל־כע ס׳פלעגט קומען די אָפשטימונג. די בונדיסטן און פאָלקיסטן האָבן ממש וועלטן איינגעלייגט און דורכגעפירט, אַז די אידישע קהילה זאָל שטיצן מיט גרויסע סומעס די אידיש־וועלטלעכע שולן, די אַרבעטער ביב־ליאָטעקן, די אַרבעטער ספּאָרט קלובן און אָרקעסטער. דאָס איז געווען אין אידישן וועלטל.

אַ מוראדיק פאַרביטערטן קאַמף, איז דער אידישער באַפעלקערונג אויסגעקומען צו פירן אין שטאָט־ראַט.

מעזוריטש האָט געהאַט אַ אידישע מערהייט אין שטאָט־ראַט, אָבער קיין אידישן בירגערמייסטער האָט דער „וואָיעוואָדע" אין לובלין ניט געוואָלט אָנערקענען. שלמה, זאַוול־שניידערס זון דעם פאָלקיסט, פאַר אַ וויצע־בורמישטש, בערקע דעם בונדיסט פאַר אַ לאַווניק, ציוניסטן, קאָמו־ניסטן און פועלי־ציון פאַר ראַטמענער דאָס יאָ, אָבער אַ איד אַלס „בור־מישטש", דאָס ניט.

דער שטאָט־ראַט איז באַשטאַנען פון 24 ראַטמענער, זיינען 17 פון זיי געווען אידן. ממילא האָט דער מאַגיסטראַט געהאַט אַ אידישע מער־הייט. ניט מער אַלע „אידישע" באַשלוסן פלעגן צוריקגעוויזן ווערן פון וואָיעוואָדע. פאַרוואָס צו קעמפן האָט דעריבער ניט געפעלט און בפרט נאָך דער פילסודסקי־איבערקערעניש, ווען אין פוילישן סיים און אין די שטאָט־ראַטן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומל מיט „סאַנירן" דאָס לעבן אין לאַנד...

דער מאַרשאַל פון פוילן, יוזעף פילסודסקי, האָט דעם סיים באַ־צייכנט אַלס באַרדעל, האָבן זיינע מיניסטאָרן אים דאָס נאָכגעזאָגט אויף שריט און טריט.

דער פּרעמיער־מיניסטער, דער „פילסודטשיק" סלאַוועק האָט גע־רעדט אין סיים וועגן „ברעכן די ביינער", האָבן די „פילסודטשיקעס" אין שטעטל זיך פשוט געוואָרפן אויף זייערע קעגנער מיט די פויסטן.

די סאַנאַטאָרן אין שטעטל האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן די אי־דישע ראַטמענער, ווען זיי פלעגן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ מערהייט. אַזוי

דיינען טאַקע געווען באַזונדערע פראַקציעס: דער בונד האָט געהאַט זיין פראַקציע, די פּאָלקיסטן איר פראַקציע און דאָס זעלבע די ציוניסטן. אין שטאָט־ראַט איז אויך געווען אַ ראַטמאַן פון די קאָמוניסטן, איינער פון די רעכטע פּועלי־ציון און איין „ווילדער", דער פאַרשטייער פון די הויז־אייגנטימער.

איז אָבער געקומען צו אַלגעמיינע אידישע זאַכן: ווי דאָס ווערן אַראָפּוואַרפן פון מאַרק דעם „ראַד" מיט די 88 אידישע געווּעלבן, אַזוי האָבן אַלע אידן געשטימט קעגן.

אויף אָפּצושלאָגן די אַטאַקעס האָבן די אידן, אייגנטלעך, געהאַט בלויז איין ראַטמאַן און דאָס איז געווען איטשע בירסקי.

אויף די זיצונגען פון שטאָט־ראַט, ווען איטשע בירסקי האָט גע־רעדט, איז די גאַלעריע פול געווען מיט אידן.

דער רייכער אידישער זון, דער אינזשעניער א. בירסקי, וואָס פלעגט אַלע שבת לערנען מיט דער אידישער אַרבעטער יוגנט מענדעלעס און פּרצעס ווערק, פלעגט ביים פירן דעם קאַמף אין שטאָט־ראַט, קעגן די פּוי־לישע ראַטמענער, זיך אָנצונדן און מיט אים האָט מיטגעפיבערט די גאַנ־צע גאַלעריע. בירסקי איז געווען דער בעסטער פּויליש־קענער אין שטאָט און דערצו איז ער געווען באַלאָדן מיט אומצייליקע אַרגומענטן און גע־בענטשט מיט אַ מעכטיקע פּאָלעמישע קראַפט.

ער פלעגט פּשוט חוזק מאַכן פון די פּוילישע אַנטיסעמיטן און אַפּי־לו פאַרפירט אַ פּראָצעס קעגן „סטאַראָסטאַ".

אידן אין שטאָט האָבן אים געבעטן:

— איטשע הער אויף, ער איז דאָך די מלוכה. בירסקי האָט אָבער דעם פּראָצעס געפירט ביזן העכסטן געריכט, ווייל ער, דער געלייטערטער עטישער מענטש און אויסגעשמידטער אידישער סאָציאַליסט, פלעגט ניט קענען איבערטראָגן די אידישע רעכטלאָזיקייט.

פאַר אַדורכזעצן אין שטאָט־ראַט, נאָך שווערע חדשים קאַמף, אַז די שיל־גאַס זאָל הייסן „פּרץ־גאַס" און די יאַטקאָווע — „שלום אַש גאַס".

אָדער אַז מ׳זאָל אויסברוקירן די אָרעמע געגנטן אין שטאָט און זיי באַ־לייכטן, האָבן אים אָרעמע אידישע און פוילישע פרויען געכאַפּט קושן די הענט, ווי אַ הייליקן.

איטשע בירסקי איז געווען דער אויסדרוק פון אַ דור, וואָס האָט געקעמפט מיט אַלע כוחות פאַר סאָציאַלן יושר און נאַציאָנאַלע רעכטן אונזערע.

און אַז מ׳נעמט אין באַטראַכט, וואָס אַלע אידישע פּאַרטייען און יוגנט אָרגאַניזאַציעס האָבן דאָן אין שטעטל געטון, באַקומט זיך, אַז דער דור, וואָס האָט זיך אויסגעשטאַלטיקט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט געפירט אַ העראָאישן סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן קאַמף און דערביי איז אויך דער דור פול געווען מיט גייסטיקע בענקשאַפטן.

דאָס שטעטל איז געווען ליב און טייער, דער שטח פון שטעטל איז אָבער געווען קליין און עס האָט זיך געבענקט נאָך אַ העכער און ברייטער גייסטיק לעבן.

און אַז די בלעטער האָבן אַזויפיל געשריבן וועגן דער „ווילנער טרופּע", וואָס שפּילט אין וואַרשע, איז אַ גרופּע יוגנט אַוועק צו פוס און גאַרנישט איבערגעקלערט, אַז 141 קילאָמעטער גייט זיך ניט אַף אַזוי לייכט.

מיר זיינען געקומען צו דער „ווילנער טרופּע". אין טעאַטער „עליזעאום" אויף קאַראָווע 18 און געזען א. ווייטערס „דער שטומער". די שוישפּילער: קאָוואַלסקי, הערץ גראָסבאַרט, מרים שיק, נארוויד, נח נאַכבוש האָבן מיט „זייערע" ווערטער און שפּילן אונז צוגענומען די ערד אונטער די פיס. די אַנדערע צוויי טעג זיינען מיר געלאָפן אין פוילישן טעאַטער. די פּאַליאַקן האָבן אין וואַרשע געהאַט גוט טעאַטער און גרויסע שוישפּילער. אין שטאָטישן „באָגוסלאַווסקי טעאַטער" איז אויפגעפירט געוואָרן סטעפאַן זשעראָמסקיס „רוזשאַ" און אין „טעאַטער נאַראָדאָווי" איז געגאַנגען א. מיצקעוויטשעס „דזשיאַדי". חדשים לאַנג האָבן די יוגנטלעכע אין שטעטל אַלעמען דערציילט, ווי אַזוי מ׳שפּילט אין

װאַרשע טעאַטער און װאָס פֿאַר אַ מאַלערישע װערק מ׳זעט אין דער מלוכהשער קונסט־גאַלעריע.

און װען אין װאַרשע, איז אין „גאַלעריע לוקסענבורג״ פֿאָרגעקומען אַ דיספּוט איבער „30 יאָר בונד און 30 יאָר ציוניזם״, מיט דער באַטײליקונג פֿון י. כמורנער און יצחק גרינבױם און דר. משה זילבערפֿאַרב אַלס פֿאָרזיצער, האָט זיך אונזער „זעלבסטבילדונג קרײז״ צוזאַמענגעלײגט אויף באַן־בילעטן און אַװעקגעשיקט אַ חבר קײן װאַרשע. דערבײ האָט דער „דעלעגאַט״ זיך געדאַרפֿט פֿאַרפּליכטן אַלץ גענוי איבערצודערצײלן פֿאַרן קרײז.

צװײ יאָר האָבן ספּאַרטלער, מיטגלידער פֿון שטעטלדיקן „מאָרגנשטערן״ געקליבן געלט, כדי צו קענען פֿאָרן אויף דער צװײטער אַרבעטער־ספּאָרט אָלימפּיאַדע, װאָס איז פֿאָרגעקומען אין װין. און װען דער פּשוטער אַרבעטער אינגל איז צוריקגעקומען פֿון װין, האָט ער דערצײלט פֿון אַ װין, ניט װי עס פּלעגט „פֿאַרגעשטעלט״ װערן אין אַן אַפּערעטע, װאָס אַ אידישע טרופּע האָט געשפּילט אין שטעטל. יאָרנלאַנג האָט דער „ספּאָרטלער״ גערעדט פֿון סאָציאַליסטישן װין, פֿון די אַרבעטער־הײזער פֿון „קאַרל מאַרקס־האָף״ און פֿון דער געמיטלעכער חברישקײט אין װין.

די יוגנט פּלעגט מאַכן ראַיאָן „צוזאַמענפֿליען״ אין די װעלדער, זיך ציען צו די „טאַטרען־בערג״ און אַלץ געזוכט פֿאַר זיך ברײטע האָריזאָנטן.

דער דור האָט געקעמפֿט פֿאַר ברויט, פֿאַר רעכט צו לעבן און איז פֿול געװען מיט אידעאַליזם, מיט גרויסע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע האָפֿענונגען און אַ טיפֿע נאָגנדיקע בענקשאַפֿט צו אַ שײן, אײגנאַרטיק, געלײטערט און דערהויבן גײסטיק לעבן, האָט געברענט, װי אַ פֿײער.

א „רעפעראַט מיט דיסקוסיעס"

מיטוואָך נאָך האַלבן טאָג פּלעגט זיך אויפן ברייטן שוואַרצן מאַ־גיסטראַט טאָוול, אוןביים אידישן „סקלאַד אַפּטעטשני" באַוויזן אַפּישן, וואָס האָבן אָנגעזאָגט, אַז שבת בייטאָג וועט אין שטאָטישן טעאַטער־זאַל פּאָרקומען אַ „רעפעראַט מיט דיסקוסיעס".

דאָס שטעטל האָט זיך געגרייט. פּאַרטיי־אָנפירער, פּראָפעסיאָנעלע טוער, חתן־כלה, שטודירנדיקע יוגנט און דער „ברייטער עולם", אַלע האָבן געוואַרט.

היץ, רעגן, שניי, פראָסט, וויסטע זאַווערוכע, קיין שום זאַך האָט ניט געקענט אויסלעשן דעם ווילן ביי דעם ברייטן אידישן עולם צו הערן אַ לעבעדיק וואָרט פון אַ אידישן שרייבער, אָדער רעדנער, וואָס איז גע־קומען פון וואַרשע האַלטן אַ „רעפעראַט מיט דיסקוסיעס".

אָט, קומט צופאָרן בייניש מיכאַלעוויטש. דאָס „גאַנצע שטעטל" לויפט צום באַן און אייגענע פירן אים אין האַלבן צעפ; ביז ער קומט צו צום גרויסן בית־המדרש, וואַקסט אויס אַ ריזיקער עולם.

ב. מיכאַלעוויטש, אַ נידעריקער, אַ גרויער, מיט אַ שוואַרצן ברייטן הוט אויפן קאָפּ גייט אָן איינגעבויגענער און ביי יעדן, וואָס גייט נעבן אים שטעלט זיך אַ פראַגע: וועט אָט דער שוואַכער מענטש קענען באַ־הערשן דעם טויזנט־קעפּיקן עולם, וואָס וואַרט אויף אים?

ב. מיכאַלעוויטש האָט גערעדט אין גרויסן בית־המדרש וועגן „קול־טור און סאָציאַליזם" און אָנגעהויבן האָט ער זיין רעפעראַט מיט אַ מאמר חז״ל און שפּעטער האָט ער שוין אויך ציטירט פילאָזאָפן, דיכטער און זיין וואָרט האָט געקלונגען ווי אַ שיין ליד. ער האָט אָפּגערעדט און קיי־

נער האָט ניט געוואָלט דיסקוטירן. אברהמעלע, דער פירער פון די „ליג־קע" האָט זיך צוריקגעצויגן פון וואָרט...

שבת בייטאָג. אין סאַמע מיטן מאַרק שטייט דר. י. גאָטליב אויף אַ באַלקאָן און רעדט וועגן די פאַרשטייענדיקע סיים־וואַלן. נאָך אים באַ־קומט גלייך דאָס וואָרט „שמיל איצל דער בערשטער". דר. י. גאָטליב ענטפערט און פאַרטשעפּעט זיך שאַרף מיטן „בונד" און עולם לאָזט אים ווייטער ניט ריידן.

— „צים צוריק דאָס וואָרט"!

די גרעסטע רעדנער, אַלע פלעגן זיך סרוב מיט וועמען פאַרטשע־פּען און האָבן געמוזט „צוריקציען דאָס וואָרט". אַנדערש האָט זיך דער רעפערענט ניט גערירט פון אָרט. ווארום, אין די זאַלן, אָדער ביי די מאַסן־מיטינגען, זיינען געזעסן צוהערער, וואָס האָבן גוט געלייענט טראָפּ. פאַר זיי איז דאָס אידישע וואָרט, פּאַרטיי, פּראָגראַם, אידייע, געווען נאָענט און אייגן.

ביי אַ רעפעראַט פון דוב בער מאַלקין למשל „פון די וועלף ביז די צוועלף" האָט זיך געטון חושך. שעהנלאַנג האָט דער עולם דיסקוטירט. אָפּאָנענטן האָבן געזאָגט אויסנווייניק שטיקער פון ראָמען ראָלאַנס „וועלף" און מיט ציטער אין האַרצן פאַרגעטראָגן אַלעקסאַנדער בלאָקס „צוועלף". און מאַלקין מיט דעם שפּיציקן געלן בערדל, דער אויסגעקליגלטער רעד־נער איבער ליטעראַטור, האָט זיך קוים אַרויסגעראַטעוועט פון דעם לי־טעראַרישן דיספּוט. קיין בעסער מזל האָט ער אויך ניט געהאַט אויף צו־מאָרגנס, מיט זיין רעפעראַט „שטעגן־וועגן אין דער אידישער ליטעראַ־טור".

און אָט שטייט אין „ראָגאָזשיקס זאַל" אויפן וואַרשעווער שאָסיי, זרובבל און רעדט וועגן „שלום, רעוואָלוציע, פּאַלעסטינע" און דער זאַל „ברענט". צו קיין דיסקוסיע איז אָבער ניט דערגאַנגען. דער „חבר אַנאַ־טאָל" און יאָסל דער גאַרבער, האָבן אים בלויז פון „זאַל־אַרויס" גע־שטעלט אייניקע פראַגן. אַפילו דער רעפעראַט פון וולאַדימיר מעדעם „דער אידישער אַרבעטער און די אינטעליגענץ", האָט אַרויסגערופן דיסקוסיעס.

אַ רעפּעראַט אָן דיסקוסיעס פלעגט אין שטעטל באַטראַכט ווערן, ווי אַ חתונה אָן קלעזמאָרים. און קומען פלעגן די בעסטע רעדנער, פּאַרטיי־לידערס און שרייבער. עולם האָט זיך געפילט יום־טובדיק און געגרייט אויפצונעמען דעם גאַסט. דר. יאַרבלום האָט אַמאָל אַ האַלבע נאַכט גע־פירט דיסקוסיעס אויף אַ וואַל־מיטינג, וואָס איז פאָרגעקומען אין גרויסן בית־המדרש.

דער קליין געוואוקסיקער ה. ד. נאָמבערג, וואָס האָט זיך קוים אַרויסגעזען ביים הויכן באַלעמער אין דער גרויסער שיל, האָט פאַר פיל טויזנטער אידן גערעדט פאַר וואָס מ׳דאַרף „פאַלקיסטן“ האָבן אין פוי־לישן סיים און אַז נח פּרילוצקי דאַרף געווײילט ווערן אַלס דעפּוטאַט. ה. ד. נאָמבערג האָט גערעדט קלוג און שאַרף און דער עיקר: אַלע האָבן גע־וואַרט אויף פּרילוצקיס וואָרט. די ווערטער פון נח פּרילוצקי: ווער דער „פאַררעדנער“ איז געווען, האָט מער צעוויגט דעם עולם, ווי נאָמבערגס רעדע גופא. פּרילוצקיס אויסזען האָט אלעמען צוגעשמידט. ער איז געווען יונג, הויך און שיין און זיין שטים האָט געקלונגען ווי אַ גלעקל און דערצו איז דער אידיש זיינער געווען אַזוי פעט. נח פּרילוצקי האָט מיט זיין רע־דע, יענעם אָוונט, די ציוניסטן ממש צעביסן...

וועגן „סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן“ האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וויק־טאָר אַלטער. עפּעס מער ווי אַ שעה האָט געדויערט דער רעפעראַט און די דיסקוסיע אַריבער צוויי שעה. וו. אלטער, איז ניט געווען קיין שייך־רעדנער, ער האָט אָבער געבליצט מיט שאַרפקייט און דערצו איז אים די אַרבעטער־באַוועגונג געווען אַזוי נאָענט און ליב.

ב. אייזנראַוויטשעס מעשהלעך פון „אינדיע“ און „דאָס לאַנד פון דער אויפגייענדיקער זון“ האָבן אין שטעטל אָנגעצונדן אַ ווילן צו רייזן און זען די וועלט.

הערשל הימלפאַרב, מיט דער גרויסער טשופּרינע, וואָס איז אים כסדר אַראָפּגעפאַלן אויפן שטערן, האָט גערעדט וועגן „תורה, ציון, לשון־קודש“, און אַ גאַנצן שבת־פאַרנאַכט האָט זיך געצויגן די דיסקוסיע.

יעקב פאַט האָט זיך פאַרקליבן „הינטער די געוועלבן פון אַ האַלבן יאָרהונדערט“ און מיטן עולם דורכשפּאַצירט די הויפּט־ווערק פון דער

אידישער ליטעראַטור און מיט פּאַטעטישן ברי געשילדערט אַ רייע העלדן ביי אונזערע קלאַסיקער.

דר. מיכאל ווייכערט, דער הויכער מאַן מיט דעם שרינט אויף אַ זייט, האָט אַ פּאָר שעה צייט געהאַלטן געשפּאַנט דעם עולם, דערציילנדיק װעגן דעם װעג, װאָס אַ פּיעסע מאַכט דורך „פון שרייב־טיש ביז דער ראַמפּע". ער האָט ברייט געשילדערט די פּאַרביקייט פון דער טעאַטער־װעלט און דערביי האָט ער גערעדט קאַלט און טרוקן. פאַר די אויגן איז אים געלעגן אַ ביכעלע מיט „טעזן" און װען ער האָט „בלינדערהייט" איבערגעמישט דאָס לעצטע בלעטל, איז דער רעפעראַט געװען געענדיקט.

מלך ראַװיטש, אין די יאָרן װען ער האָט זיך נאַרװאָס געהאַט אָפּ־געשאָרן דאָס בערדל און אַלע מאָל אַרויסגעלאָזט בראָשורן און לידער, האָט אין „גימנאַזיע זאַל" גערעדט װעגן „אימפּרעסיאָניזם און עקספּרע־סיאָניזם". זיך געקריגט און דערציילט װיצן. די דאַמען, װעלכע האָבן איינגעאָרדנט דעם רעפעראַט אין „קאַלטן גימנאַזיע זאַל" האָבן געבעטן ענדיקן, װייל זיי האָבן געװאָלט ריידן מיט אַ אידישן דיכטער אויף אַ גע־פליגלטן פּויליש.

אַזש פון קראָקע איז אַראָפּגעקומען האַלטן אַ רעפעראַט דר. איג־נאַצי אַלעקסאַנדראָװיטש. אָבער, װי אַנטױשט איז ער געװאָרן, װען ער האָט זיין רעפעראַט גאָר געמוזט האַלטן אין אידיש. זיין רעפעראַט „די געשיכטע פון פּאַרלאַמענטאַריזם" האָט אַרויסגערופן אַ הייסע דיסקוסיע. די פּאָלעמיק האָט זיך לאַנג, לאַנג געצויגן און דער אידיש פון „רעפע־רענט" מיטן װייכן ליאַמעד און דערצו אויף ליטװישן דיאַלעקט איז גאָר געװען אַ נייעס אין שטעטל. מיט א סך פייער האָט גערעדט דער שױ־שפּילער אברהם מאָרעװסקי. זיין רעפעראַט „טעאַטער און אידן" האָט ער פשוט אויסגעשפּילט.

װאָס עס האָט זיך אָפּגעטון ביי י. כמורנערס רעפעראַט „אידן, אַראַבער און ענגלאַנד". שטייט זיך י. כמורנער אַ בלייכער אויף דער בינע און דער הוסט שטיקט אים. זיין שטים טרוקן און הייזעריקלעך, אָבער דאָס װאָרט פעסט און דער געדאַנק אויסגעשמידט, װי פון שטאָל.

אריבער צוויי שעה האָט געדויערט דער רעפעראַט און נאָך דעם זיינען געקומען צום וואָרט: אַ ציוניסט, צוויי קאָמוניסטן און אַ פועלי־ציוניסט.

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָט ערשט דער רעפערענט באַקומען דאָס שלוס־וואָרט.

פון אַזעלכע רעפעראַטן און דיסקוסיעס פלעגט דאָס שטעטל ריידן אַ פּאָר וואָכן.

געקריגט מיט זיך אַליין, האָט זיך דער שריפטשטעלער אַלטער קאַציזנע. „ווי ווייט דאַרפן מיר מיט פּרצן גיין און ווען דאַרפן מיר פון פּרצן אָוועקגיין?" דעם דאָזיקן רעפעראַט האָט א. קאַציזנע געהאַלטן שביעי של פּסח ביינאַכט און דער טעאַטער־זאַל אין דער „שקאָלאַ פּאָור־שעכנאַ" איז געווען געפּאַקט.

די לאַנגע האָר זיינע זיינען געווען צעקאַשמעט און מיט אַ דינער שטימע האָט ער גערעדט, אַנאַליזירט פּרצס ווערק און העלדן און זיך אַליין באַשאָטן מיט אַ רייע פראַגן און טענות.

נאָך דעם זיינען אַרויף אָפּאָנענטן און האָבן זיך אויפסניי מיט אים געקריגט. נאָך די אַלע דיסקוסיעס, האָט קאַציזנע פאַרגעלייענט, ווי אַ „פאַרגיטיקונג" א פראַגמענט פון זיין „גייסט דער מלך", „א מעשה מיט אַ טערק" און די פאַרוואַלטונג פון דער ביבליאָטעק, האָט אים געגעבן אַ פאַרחתמעטן קאָנווערט, וואו ס'איז געלעגן דער האָנאָראַר.

אַ רעפעראַט וועגן ציוניזם, האָבן געהאַלטן פאַראַמאַל: י. פּאַט און ב. שעפנער. הונדערטער מענטשן האָבן נישט געקענט אַריין אין זאַל. די דיסקוסיע איז טאַקע געווען זייער אַ הייסע, אָבער שעפנערס שלוס־וואָרט האָט די קעגנער „בארואיקט"...

דער שיינער פּרץ מאַרקיש מיטן ברייטן פעלערינע־מאַנטל, האָט זיך אין „ספּאָרט־קלוב" געהיצט און געשילדערט „12 ליטעראַרישע מאַס־קעס" און נאָך דעם זיינען פּרויען אים געגאַנגען אָנקוקן און „פעסט־שטעלן" צי איז ער טאַקע אַזוי שיין.

שלמה גילבערט האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט „צי לעבן מיר נאָכן טויט", האָט פּאָליציי געמוזט פונאַנדערטרייבן דעם גרויסן עולם, וואָס

האָט ניט געקענט באַקומען קיין בילעטן. אַ בלייכער, מיט אַ גאָלע קאָפּ און שפּיציק פּנים, איז ער געשטאַנען און באַהאַנדלט זיין טעמע. צום סוף האָט ער געוואָלט לייענען אַ שטיק פון זיין „שבתי מוח״. איז דער עולם שוין געווען מיד.

ז. סעגאַלאָוויטש, א הויכער, אן אויסגעפּוצטער איז געשטאנען אין שטאָטישן טעאַטער זאַל און גערעדט פאַר פיל הונדערטער מענטשן וועגן דער אַלטער און נייער אידישער פּאָעזיע און נאָך דעם געלייענט זיינע „קרימער נעכט״ און אַ רייע לידער.

וויקטאָר שולמאַן האָט צעגלידערט די „קינדער אין שלום עליכמס ווערק״ און דער עולם איז אַריין אין אַ גאַנץ באַזונדער ווינקל. אַרטור זיגעלבוים האָט דערציילט וועגן אַמעריקע, לעאָ פינקעלשטיין וועגן וויס־פּיאַנסקיס „וועסעלע״ און פּרצס „די גאָלדענע קייט״. דר. גליקסמאַן האָט באַלויכטן דעם פּרווידיאַניזם. דר. קרוק איבער „טראָצקי און לענין״, דר. אַ. בערנשטיין „חלום אוןווירקלעכקייט אין ארץ ישראל״, יעקב לעש־טשינסקי האָט באַהאַנדלט „אידישע פּראָבלעמען״. דר. האַלפּערן האָט רע־פערירט וועגן „געלט, קונסט און אונטערדריקטע מאַסן״. ה. ערליך „אונ־טערן פייער פון דאָלפוסעס האַרמאַטן״. וואָלקאָוויטש „אונזער ענטפער היטלערן״, יואל מאסטבוים „דער ניגון פון 20־טן יאָרהונדערט. פּראָפ. אַ. ליפּמאַן „פּרויעק, ליבע און דיכטער לעבן״, וואָלפגאַנג פאַן ווייזעל „ציר־ניזם״. דר. יצחק שיפּער „געשטאַלטן אין דער אידישער געשיכטע״. מ. מזה „וועגן אידיש טעאַטער״ און דר. י. טאָן האָט רעפערירט איבער „אי־דישער דערציאונג״. און נ. שאפּראַן „רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען אין דער נייער פּוילישער ליטעראַטור״.

ביי די מערסטע פון אָט די רעפעראַטן זיינען פאָרגעקומען הייסע דיסקוסיעס, וואָס האָבן זיך געצויגן פיל שעהן און דער עולם האָט מיט־געלעבט, ווייל די אַלע פראַגן און פּראָבלעמען זיינען אים געווען נאָענט און אייגן.

איין „רעפעראַט מיט דיסקוסיעס״, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א בלוטיק געשלעג איז געווען ביי דר. י. טאָן. ער האָט זיין רעפעראַט געהאַלטן אין גרויסן בית־המדרש. געווען איז ער דאַן דעפּוטאַט אין פּוי־

לישן סיים און חוץ דעם האָט ער גאָר שיין און שאַרף געקאָנט ריידן. (אַביסל האָבן בלויז איבערגעשלאָגן די פּיל דייטשמעריזמען). שטייט ער אַזוי אויפן באַלעמער דער דר. י. טאָן, אַ איד מיט אַ האַלב־גרוילעך בערדל און רעדט וועגן דערציאונג און גרייפט אָן די אידיש־וועלטלעכע שולן און די מאָדערנע אידישע קולטור. פאַלט אַ צווישנרוף פון עולם. צעהיצט זיך דער דר. י. טאָן און שרייט אויס: „אייער קולטור הויבט זיך אָן ביי „מאָטקע גנב״ און אונזער קולטור ביי בראשית ברא אלהים״.

ווייטער האָט דער רעדנער מער שוין ניט געקאָנט ריידן. ס'איז אויסגעבראָכן אַ מוראדיקער סקאַנדאַל און עולם צווישן זיך. האָט זיך בלוטיק געשלאָגן. פּאָליציי האָט געיאָגט, געטריבן און דערמיט האָט זיך דער רעפעראט געענדיקט.

צו גאַסט אין שטעטל זיינען אויך געווען: דוד הערמאַן, ח. ש. קאַז־דאַן, י. ריטאָוו, קאַלטון, י. מערעמינסקי, האַרצפעלד, אורי זאַסלאַווסקי, דניאל פּערסקי, דר. אסתר מאַנגל, ש. גילינסקי, י. טיגער (נמר), ג. זי־בערט, אריה, שאול אמסטערדאַם, י. שורעק, בערל זעליקאָוויטש, אדמוני, דינה, לייב יפה, י. הארט, ש. שוועבער, מ. טורקאָוו, י. ביאַלאָפּאָלסקי, ל. שפּיזמאַן, „לייבעלע״, ה. גוטגעשטאַלט, ש מענדעלסאָן, לייב אליצקי, ברוך אליצקי, י. י. זינגער, שלום אש, אברהם רייזן א. אַ.

..ווער פון די אַלע אויסגערעכנטע שרייבער, רעדנער, פּאַרטיי פירער עס האָט יאָ געהאַלטן אַ רעפעראַט מיט דיסקוסיעס און ווער ניט. קיינער האָט אָבער ניט געדאַרפט קלאַפּן אין קיין פרעמדע טירן, אָדער אויסקוקן אויף צופעליקייטן.

אַלע שרייבער, רעדנער און פּאַרטיי־טוער, וואָס זיינען געקומען צו גאַסט אין שטעטל אַריין, האָבן געהאַט פאַר זיך אַ וואַרימען עולם, אַ יוגנט, וואָס איז געווען אידיש און קעמפעריש דורך און דורך. דאָס שטעטל האָט אין דער פולער מאָס אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון יעדן רעפעראַט און באַזוך, און דער אידישער שרייבער האָט זיך דערוויל אָנ־געוואַרימט ביים שטעטלדיקן עולם. מיט דער צייט, זיינען אויך יונגעלייט פון שטעטל אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד און אויך געהאַלטן „רעפעראַטן מיט דיסקוסיעס״.

ליבעס

די געסלעך אין שטעטל, זיינען פול געוועזן מיט יוגנט. צו שדכנים האָט אָבער כמעט קיינער ניט געדאַרפט אָנקומען. סיידן ס'איז עפּעס געווען אַ „פלעק אין דער משפחה", אָדער אַ מיידל, וואָס האָט אָפּגעלאָזט אַ שידוך, צי גאָר אַ בחור, וואָס איז אין ערגעץ ניט געקומען. הונדערטער פּאָרלעך האָבן חתונה געהאַט פון די שכנישע געסלעך, קלובן און אָרגאַניזאַציעס.

יעדע פּאַרטיי, יעדער קלוב און ביבליאָטעק, האָט זיך געהאַט איר סאָציאַלן שיכט. און אַז עס זאָל וועך אַריבערטרעטן די שוועל פון אַן אַנדער סאָציאַלן שיכט, האָט זיך זייער זעלטן געלאָזט הערן. און אויב פון צייט צו צייט האָט זיך ווער עס איז אַריינגעכאַפּט אין צווייטנס „לאַגער", זיינען דאָס געווען אויסנאַמען. אָבער, אַז דאָס זאָל באַגרענעצן צו „פירן אַ ליבע" דאָס ניט. וועגן „פרייער ליבע" האָט מען זייער אַ סך געשמועסט, אָבער פאַר דער „עכטער" ליבע האָט מען דאָס פּאַרט ניט געהאַלטן.

— גיי לעב מיט א מאן „נאַ וויאַרע" — האָבן פיל געזאָגט מיט חוזק. און קוים האָט אַ בחור, אָדער אַ מיידל „פאַרשוועכט די ליבע" צו ליב געלט, האָט די יוגנט אין שטעטל דאָס באַטראַכט, ווי אַ גרויסע זינד.

ווען, אַן אָרים־אויפגעקלערט מיידל האָט פלוצים איבערגעלאָזט איר געליבטן און געוואָרן אַ כלה פאַר אַ רייכן בחור, אַ „וועלוול בורנעס", האָט מען ביי פיל „קעסטל־אָוונטן" באַהאַנדלט די פראַגע: ליבע. ביי איין „קעסטל־אָוונט" איז עס דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די פאַרזאַמלטע האָבן „איינשטימיק אָנגענומען", אַז זיי האַלטן מיט מאַקס נאָרדויס זאָג: אַז „א פרוי וואָס פאַרקויפט זיך פאַר געלט, איז א ערגערע פּראָסטיטוטקע, ווי אַ פּראָסטיטוטקע".

פירן אַ ליבע האָט געהייסן זיך דערהויבן און דאָס שפּאַצירן, סיי אין שטאָט און סיי אויף די שאָסייען, האָט באַקומען אַ זינען...

אַלע לידער, וואָס מ'האָט געזונגען, זיינען געווען ווייניק און דערצו, ווען מ'האָט זיך נאָך געקענט דערלויבן צו פאָרן מיט אַ „טשילנע" אויפן שטעטלדיקן טייך ביז קיין „קליוויסאקע" און אויפן וועג זינגען „וואָלגאַ, וואָלגאַ", באַגלייט פון אַ מאַנדאָלין, איז אין מיטן וואַסער „באַשאָפן" געוואָרן דער גן־עדן. קאָנצערטן, טאַנץ־פאַרוויילונגען, וואו מ'האָט געטאַנצט: „שימי", „פאָקסטראָט" און „טאַנגאָ"; מ'איז געגאַנגען אין קינאָ, אין טעאַטער, אומעטום איז געווען נאָך וואָס און מיט וועמען צו גיין. אָט, אַזוי האָט מען זיך אין שטעטל געליבט, חתונה געהאַט, געקינדלט און דערווייל איז דאָס שטעטל גרעסער געוואָרן פון יאָר צו יאָר.

ניט אַלע האָבן זיך אָבער געקאָנט דערלויבן דעם „לוקסוס" צו דערפירן די ליבע ביזן גליקלעכן סוף. די אַרבעטער אינגלעך למשל האָבן מער ווייניק געוואוסט, וואָס זיי פאַרדינען און ממילא געקאָנט אויספּלאַנען, ווי אַזוי עס זאָל אויסזען דאָס פאַמיליע־לעבן. די „באַלעבאַטישע" ליידיקגייער איז אָבער געווען מוראדיק ביטער. איינאָרדנען זיך האָבן זיי קיין געלט ניט געהאַט. צוקומען אַפילו צו אַ צימער מיט אַ באַזונדערע קיך, האָבן זיי ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט. פאַרדינען האָבן זיי ניט געהאַט ביי וואָס, ווייל זיי האָבן קיין פאַך ניט געקענט און די עלטערן זייערע, האָבן זיי גאָרניט געקאָנט געבן, ווייל פון אָרימען געוועלבל, איז קוים געווען „אָפּצוטרייבן דאָס מויל".

האָבן טאַקע פיל פון אָט די „פאַרלוירענע" געזוכט אַ וועג קיין אויסלאַנד. מ'האָט זיך אָנגעכאַפּט אין וואָס ס'האָט זיך געלאָזט, אַבי אַוועקפאָרן. קלערנדיק וועגן אַוועקפאָרן האָט קיינער ניט געטראַכט, אַז אויב מ'פאָרט אין אַ ניי לאַנד, וועט מען דאָרטן „שאַרן גאָלד". עולם איז געפאָרן קיין אַרגענטינע, קיין פּאַלעסטינע, קיין פראַנקרייך, אויסטראַליע און די גאָר גליקלעכע — קיין נ. אמעריקע.

:: :: ::

אין די שכינותדיקע שטעטלעך פלעגט מען זאָגן, אַז מעזריטשער יוגנט פירט אויסגערעכנטע און קאַלטע ליבעס, ווייל, מעזריטש האָט ניט

געהאַט קיין סך „קרבנות פון ליבע", ווי עס איז געווען דער פאַל אין די אַנדערע שטעטלעך. און ווירקלעך איז דער ערשטער „קרבן פון ליבע" אין מעזריטש גאַר געווען אַ פרעמדע. דאָס ערשטע „געסמטע מיידל" אין שטעטל איז גאַר געווען אַ וואַרשעווערן, אַ יונגע אידישע אַקטריסע, וואָס איר געליבטער, אַ שווישפילער, האָט איר אָפּגעזאָגט זיין ליבע. ווען די טרופּע האָט זיך געקליבן צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל, האָט זי זיך פאַרסמט. אויף צו מאָרגנס איז פון וואַרשע אַראָפּגעקומען אַ רייכע פאַמיליע, וואָס איז בייגעווען די לוויה. נעבן פאַרקאַן, אין אַ ווינקל אויפן נייעם בית־עולם, האָט מען איר מקבר געווען און ווער ס׳פלעגט אַמאָל דאָרט פאַרבייגיין פלעגט אַרויסזאָגן מיט אַ קרעכץ: „דאָ ליגט דאָס געסמטע מיידל, די אַק־טיאָרקע".

...אַ „קרבן פון ליבע", וואָס דער חתן איז אַוועק קיין אַמעריקע און איבערגעלאָזט זיין געליבטע מיט גרויסע קופערטס אויסשטאַטונג, איז גע־ווען „שיינע פון נעבן דער בריק". געווען איז דאַן זומער, ווען זי, שיינע איז אַרומגעלאָפן צעלאָזט די לאַנגע שוואַרצע האָר און געשריען, אַז זי גייט זיך טרינקען. שיינע איז געווען אַן איידל קינד פון אַ פיינער היים און אַלע האָבן באַדויערט איר וויסטן סוף.

— האָט זי זיך אים ניט געקערט „איבערגעבן" — האָט געשריען רייצע די דאָרפישע.

אַ נייער „קרבן פון ליבע" איז אין די לעצטע יאָרן געווען די „שוואַרצע רבקהלע". די שטאָט האָט זיך געשפיגלט אין איר שיין פנים און באַוואונדערט איר „געטאַקטע" פיגור. גראָד האָט זיך אָבער אין איר פאַרליבט דעם אָרגאַניסטערס זון, דער סעקרעטאַר פון שטאָטישן מאַגיס־טראַט.

נאָר גיי האָב אין שטעטל חתונה מיט אַ שגץ. די טאַטע־מאַמע וואָלטן דאָך פשוט אומגעקומען: פריער וואָלטן זיי אָבער זייער אייגענע טאָכטער אויסגעברענט די אויגן.

אוועקגיין פון שטוב, אָנווערן טאַטע־מאַמע, דערויף האָט די „שוואַר־צע רבקהלע" קיין כּוח נישט געהאַט. פלעגט זי אויסגיין פון „ליבע־ווייַ"

און זייער זעלטן זיך געקאָנט זען מיט איר פּוילישן געליבטן. פון ווייטיק איז זי קראַנק געוואָרן, אָפּגעקרענקט אַ פּאָר יאָר און געשטאָרבן.

..ווען מ׳האָט דער „שוואַרצער רבקהלע" געטראָגן צום נייעם בית־עולם, זיינען הונדערטער איינגלעך און מיידלעך נאָכגעגאַנגען נאָך איר אָרון. געווען איז דאַן נאָך סוכות און דער דרויסן האָט „געוויינט". דאָס שטעטל האָט זיך אויסגעטראַכט, אַז אין זעלבן טאָג פון רבקהלעס לוויה, ווען זיך איר געליבטער דערשיסן. דאָס שטעטל איז אָבער געבליבן ביים חשבון, און געגאַנגען פון דער וועלט, איז בלויז די „שוואַרצע רבקהלע".

אויך אייניקע בחורים זיינען געווען קרבנות פון נישט דערפירטער ליבע...

משה ברוך.

אַ הויכער ברייטער מאַן, וואָס האָט תמיד זיך געחכמהט און גע־זאָגט אַ גלייכווערטל, איז געבליבן אַן אַלטער בחור. ער האָט אויפגעהערט גלויבן אין „פּרוואַישער טרייקייט" און צוריקגעשיקט די תנאים. היות, עס האָט אים גאָרניט געפעלט, זיין האַנדל האָט אים געגליקט, איז ער געווען זיכער, אַז ער וועט קאָנען אָפּלעבן די וועלט אָ ניט חתונה־געהאַ־טער. אין די עלטערע יאָרן, האָט ער איצט איינגעזעען, אַז ער האָט גע־מאַכט אַ טעות, נאָר צוריקכאַפּן האָט ער שוין ניט געקענט.

— וואָס, פלעגט ער טענהן צו זיינע פריינט — איך וועל איצט גיין חתונה האָבן און נעמען אַן אַלטע אלמנה?

אין שטוב, וואו ער האָט געוואוינט, האָט אים זיינס אַ שוועסטער, אַ גרושה געקאָכט און באַדינט און ער האָט זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן מיט באַדינען קראַנקע. וואו אַן עלנטער קראַנקער איז משה ברוך ביי אים גע־ווען און אים געבראַכט צו „דערכאַפּן דאָס האַרץ". שפּעטער, האָט משה ברוך אָנגעפירט מיטן „עזרת החולים" און אַרומגעלאָפן אין די שטובן און וואַרשטאַטן, זאַמלען געלט פאַר אָרעמע קראַנקע.

אַריינקומענדיק אין וואַרשטאַטן פלעגט ער ניט פאַרגעסן צו פרעגן די יונגע מיידלעך — צי זיי האָבן שוין „ליבעס שמערצן".

אין יאָרן אַרום האָט משה ברוך יעדן פרייטיק באַגינען געשוירן די האָר ביי אידישע אינגלעך, וואָס זיינען געשלאָגן געווען מיט פּאַרך און זיי האָבן מיטן אויסגעשאָטענעם קאָפּ קרעץ, זיך געשעמט צו גיין אין אַ „ראַזורע" אַריין.

אַ צווייטער „קרבן פון ליבע" איז געווען „יונה דער בעל־מלאכה". אין יענע יאָרן, ווען ער האָט נאָך געטראָגן אַ פּעלערינע און איז געגאַנגען אָנגעטון ווי אַ „גראַף", האָט זיין געליבטע אויפגעהערט צו „גיין" מיט אים. חדשים לאַנג האָט געדויערט ביז זי, די געליבטע זיינע, האָט וועגן דעם דערציילט אירע עלטערן. שפּעטער, האָט דאָס גאַנצע שטעטל גע־וואוסט, אַז יונה דער בערשטער האָט זיך געפירט מיט זיין געליבטע אויף אַזאַ אופן, אַז זי האָט זיך געשעמט אפילו מיט איר מאַמען וועגן דעם איבערצורעדן.

זיינע גרויסע פּאַרדינסטן, מיט אים צוזאַמען, האָט זי געשיקט צום טייוול און זי איז אַוועק קיין אַמעריקע. פון דעמאָלט אָן, האָט שוין יונה מער ניט געהאַט צו טון מיט קיין מיידלעך.

אין שטעטל האָט מען אָבער באַלד אָנגעהויבן זאָגן, אַז יונה איז עפּעס ניט קיין מענטש... שפּעטער, האָבן שוין אַ סך מאַמעס אָנגעזאָגט זייערע אינגלעך, אַז זיי זאָלן זיך ניט לאָזן פאַרנאַרן פון איינעם אַ מיטל־וואוקסיקן מאַן, וואָס טראָגט אַ גאָלדענע קייט מיט אַ זילבערן „געוויכ־טעלע אויף דער וועסט".

יונה איז אומעטום געקומען, געווען אַ מיטגליד אין פאַריין, ניט געזשאַלעוועט קיין פאַר גראשן פאַר אָרימע פאַמיליעס און קיין זיסוואַרג פון „פריידע מאַליעס געוועלב" אַוודאי נישט.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט אָבער געוואוסט, אַז יונה גייט אַלע פריי־טיק אין דער שטאָטישער מקווה, וואו ער זיצט אָפּ ביז פאַרנאַכט און דאָרט זוכט ער זיך אויס אַ „געליבטע"... די שטאָט האָט אויך געוואוסט צו וועלכע אינגלעך ער גייט צו גאַסט און „שפּאַצירט" מיט זיי.

ווען די אינגלעך, וואָס זיינען געווען יונהס „געליבטע", האָט מען געזאָגט, אַז זיי ווערן בלוט־אָרים און ווען זיי אַליין האָבן חתונה, קאָנען זיי שוין ניט זיין קיין טאַטעס פון קינדער.

שפּעטער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ווי לאַנג זיי זאָלן ניט האָבן געווען יונהס „געליבטע", זיינען זיי פונדעסטוועגן געוואָרן טאַטעס פון קינדער.

אַז יונה „ליבט" זיך מיט אינגלעך שוין זייט אַ פּאָר צענדליק יאָר, האָט דאָס שטעטל זייער גוט געוואוסט און אַלע האָבן די „געליבטע" גוט געקאָנט.

ווען „יונה דער בעל מלאכה" איז אין איינעם אַ פּאַרנאַכט אַוועק־געפאַלן אין סאַמע מיט, אויפן שטאַטישן שפּאַציר און איז גלייך גע־שטאָרבן, האָט דאָס גאַנצע שטעטל אַ קרעכץ געטון. זיפצנדיק האָט יעדער איינער אַן אַנדער „שיינע מעשה" וועגן אים דערציילט, און זיינע נאָענ־טע האָבן דערמאָנט זיין געליבטע, „פּערל די ווייסע", וואָס האָט אים אי־בערגעלאָזט און איז אַוועק קיין אַמעריקע און פון דעמאָלט אָן, איז יונה געוואָרן אויס מענטש...

— 11 —

אייגענע אונטערוועלט

אין אַ זומערדיקן בייטאָג, ווען דער שטאָטישער אַפּטייקער איז אַרויפגעגאַנגען אויף זיין קליין לייטערל אַראָפּנעמען אַ „סלוי מיט סם", כדי צו מאכן א רעצעפּט, האָט דערוויל „זימעלע שוויצער" אַרויסגעכאַפּט דאָס טיש־קעסטל מיט „לייזעכץ". דער אַפּטייקער „העכליאַ" דערזעענדיק, אַז מ'האָט אים אָט, נאַרוואָס צוגענומען דאָס טיש־קעסטל מיט געלט, איז אַרויס אויפן מאַרק און געזוכט. ער האָט געפרעגט די דראָשקאַזשעס, וואָס זיינען האַלב־דרימלענדיק געזעסן אויף זייערע קעלניעס און „גומ־קעס" — צי זיי האָבן ניט באַמערקט אַ גנב. האָבן זיי געצויגן מיט די אַקסלען, אַז זיי ווייסן פון גאָר נישט.

בענדעט דראָשקאַזש, האָט גאַרניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי מ'קאָן אין אַ פּאָר מינוט „באַקלאַפּן" אַ קאַסע. זינדעלע דראָשקאַזש ווידער האָט דאָס באַגנבענען דעם אַפּטייקער, פּשוט פאַרקלעמט ביים האַרץ. „יאַנקל האַניק" האָט זיך געהיצט און „בערל זאַק" האָט גאָר געהאַט אַ טענה צום אַפּ־טייקער:

— סטייטש, געלט פאַרשליסט מען ניט?

אין שטעטל האָבן אָבער כמעט אַלע געוואוסט, אַז דאָס „שטיקל אַר־בעט" האָט געמאַכט: „זימעלע שוויצער".

אייגנטלעך, איז דאָס געווען „זימעלע שוויצערס" ערשטער גנבישער „דעבוט" און פון דאַן אָן, איז ער מער שוין ניט צוריקגעקומען צו זיין טאַטן, דעם חסיד, אין שטוב אַריין. זימעלע איז דעמאָלט סך־הכל אַלט געווען אַ פופצן־זעכצן יאָר; און פון דעמאָלט אָן, האָט ער אָנגעהויבן פירן אַ לעבן פון אַן אונטערוועלטניק. געטאָגט און גענעכטיקט אויף די באַנען

און אויסגעוועז די גרעסטע שטעט אין רוסלאַנד. ווען „זימעלע שוויצער" איז אין יאָרן אַרום צוריקגעקומען אין שטעטל אַריין, איז ער שוין געווען אַ מאַן מיט אַ נאָמען אין דער אונטערוועלט. די חזיר־האָר און פעל־סוחרים פון שטעטל, וועלכע האָבן אים אַמאָל באַגעגנט אין ווייטע רוסישע שטעט, פלעגן זיך וועלן פון אים אָוועקדרייען, ער האָט זיך אָבער צו זיי דערנענטערט, ווי אַן אייגענער און אויסגעפרעגט, וואָס עס הערט זיך אין שטעטל, וואָס עס מאַכט זיין טאַטע, ווי עס גייט אים מיטן פיש־האַנדל.

— זימעלע — האָבן די סוחרים דערציילט, — פלעגט גיין אויסגעפוצט, ווי אַ גראַף און דער פּערפום האָט געזעצט פון אים פון דער ווייטנס.

„זימעלע שוויצער" איז געווען דאָס „וואונדער־קינד" פון דער שטעטלדיקער אונטערוועלט, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ צעשאָטענעם קרייז.

איין עלטערער איד פון שטעטל, איז נאָך „אַפּזיצן" אַ שיינע פּאָר יאָר, צוריקגעקומען און געוואָרן אַ וועגעלע־פירער. צוזאַמען מיט „איצלבייבע" איז ער געשטאַנען הינטערן „ראַד" מיט זיין וועגעלע, אַרומגעבונדן מיט אַ זאַק, ווי אַ פאַרטוך און געוואַרט, אַז ער זאָל עפּעס פאַרדינען.

אידן, אידענעס פלעגן אים נעמען, אַז ער זאָל „איבערפירן" און מ'האָט אים פאַרגעבן אַלע זיינע זינד...

וועגן „גרשון גזלן", אַז ער איז יאָרנלאַנג געווען אין „מילאַסנער וואַלד", נאָענט פון וואַרשע, האָבן אַלע אין שטעטל געוואוסט. די באַלעגאַלעס, די „זאַוועדער", וואָס האָבן יאָרנלאַנג געפירט גרויסע וועגענער מיט סחורה פון און קיין וואַרשע, האָבן אים „גרשון גזלן" אַ סך מאָל באַגעגנט אויף זייערע „יאַזדעס". קיין מעזריטשער פלעגט ער אָבער ניט לאָזן אָנרירן.

שפּעטער, איז „גרשון גזלן" צוריקגעקומען אין שטעטל אַריין און געקויפט אַ „וואָזשעוואָדע", אַ פערד און וואָגן און געפירט סחורה פון און צו דער באַן. אידן סוחרים, האָבן גערשונען געטרויעט ניט בלויז

פראַכטן אַראָפּצונעמען די סחורה. נאָר מ'האָט אים אויך געטרויעט די גרעסטע סומעס געלט. נאָך דעם, ווי גרשון פלעגט פאַרענדיקן זיין אַר־בעט, האָט ער אין די פאַרנאַכטן געזאָגט תהילים און יעדע פרייע שעה איז ער געווען אין בית־המדרש. זיינע קינדער האָט ער פיין חתונה גע־מאַכט און דאָס שטעטל, האָט אים פאַרגעבן אַלע זיינע יוגנט־זינד. נאָך־מער: די לעצטע צוואַנציק יאָר, איז „גרשון גזלן" געוואָרן דער שומר פון אַלע אידישע געוועלבן אין שטעטלדיקן מאַרק און פון דעם פלעגט ער ציען זיין חיונה.

ביינאַכט פלעגט ער אַרומגיין מיט אַ גרויסן שטעקן אין האַנט און כסדר פּרואוון די שלעסער פון די געוועלבן, און פרייטיק ביז צוועלף ביי־טאָג, איז ער אַרומגעגאַנגען אין די געוועלבן נעמען זיין לוין. אַז גרשון איז אַרומגעגאַנגען צווישן די געוועלבן, האָט ער אויסגעזען, ווי אַ ריז. הויך און ברייט איז ער געווען און דערצו פלעגט ער טראָגן ברייטע און שווערע שטיוול, וואָס האָבן אַנגעזאָגט, אַז ער גרשון גייט. די קרעמער פלעגן אים צאָלן מיט גרויס חשיבות. וואָרום אַ חוץ אַלעם, איז זינט ער, גרשון, איז געוואָרן דער „וואָרטאָווניק", האָט מען גאָרניט געהערט, אַז מ'זאָל באַגנבענען די „ראַד־געוועלבן".

היטן יענעמס האָב און גוטס איז ביי גרשונען געוואָרן אַ הייליקער ציל און ער האָט זיך דערהויבן צו אַזאַ מדרגה, אַז די לומדים פון שטאָט, האָבן שטאָלצירט אים צו האָבן פאַר אַ תלמיד.

ווי אַן אונטערוועלטניק איז אומגעקומען הערשעלע „פּיעסיק". גע־רופן האָט מען אים „פּיעסיק", ווייל ער פלעגט לויפן שנעל, ווי אַ הונט. שטעטל פלעגט דערציילן, אַז וויפל מאָל ער איז שוין געווען אין די הענט פון פּאָליציי, איז ער תמיד אַנטלאָפן. און ניט בלויז אַנטלויפן פלעגט ער, נאָר ער פלעגט נאָך דעם פּאָליציי־מאַן גוט אָנברעכן די ביי־נער. אים, הערשעלע „פּיעסיק", פלעגט מען באַשולדיקן אין שווערע פאַרברעכנס.

געווען איז ער אַ נידעריקער, אַ בלייכער, מיט אַ האַלב פאַרמאַכט אויגל, און גיין פלעגט ער זיך גאָר שטיל און געלאַסן און קיינעם אפילו

ניט אָנרירן. ווען ער פלעגט אָבער שוין זיין גאָר שטיל, האָט דאָס שטעטל שוין געוואוסט, אַז דאָס רוט ער זיך אויס פון שווערע דורכגעפירטע „אַר־בעטן". און זאָגן פלעגט מען אויף אים, אַז שלאָגן קאָן ער ביז צום טויט.

אין שטעטל האָט אָבער קיינער פאַר אים קיין מורא ניט געהאַט.

אַז מ'פלעגט פון צייט צו צייט אויפהאַקן די קעלערס און אַרויס־נעמען פאַרטיק חזיר־האָר, פלעגן דערצו קומען גנבים פון דער פרעמד.

פאַרשטייט זיך, אַז הערשעלע „פיעסיק" האָט געוואוסט, וואו אַ טיר עפנט זיך, כדי אָפּצונעמען די אַרויסגעגנבעטע סחורה. און אויב די גנבה איז געמאַכט געוואָרן פון „יונגוואַרג", האָט ער עס גלייך געזאָגט.

הערשעלע „פיעסיק" איז ניט געווען איינגעשטעלט אויפן שטעטל. דאָס שטעטל האָט ער געלאָזט פאַר די „פּראָווינצלער" וועמען ער פלעגט לערנען דאָס „פאַך"... אייניקע שטאָט־גנבים האָבן גאָר שטאַרק געהאַלטן פון זיין לערע און זיי פלעגן שלאָגן מיטן קאָפּ ביז טויט און ווי נאָר זיי פלעגן קומען אין שטוב אריין פון אַ „שטיקל אַרבעט", האָבן זיי קודם צוגעלייגט צו די פיס פלעשער מיט הייסע וואַסער.

קוים קומט פּאָליציי אַרויסנעמען פון בעט, זאָל זי מוזן פאַרצייכענען, אַז די פיס האָבן „געברענט" און דאָס וועט נוצן ביים פּראָצעס...

הערשעלע „פיעסיק", וואָס איז געווען באַרימט אין לאַנד, האָט אָבער געהאַט אַ וויסטן סוף: מ'האָט אים אין שטעטל צעשניטן לעבעדי־קערהייט. הערשעלע פיעסיק האָט זייט אַ רייע יאָרן געהאַט ביי זיך אַ פריילעך הייזל... האָט דער „גראָבער זאַבראַווסקי", וואָס פלעגט זיך אין שטאַטישן צירק לייגן „וואַלקעס" פאַרטשעפּעט מיט „פיעסיקס" ווייב, פעשקע. ווען זי, פעשקע, פלעגט גיין אַן אויסגעפּוצטע, געאָרעמט מיט איר מאַן, האָבן אידענעס איר געשיקט אַלע קללות פאַר אַמאָל און דער־ביי געזאָגט: זי האָט געדאַרפט אויסרינען ביי איר מאַמען אין בויך.

— זי איז שוין געווען אַ כפרה קליינערהייט — פלעגן ווייבער זאָגן און אַז איר ברודער „זימעלע שוויצער", איז אין פאַרגלייך מיט איר אַ

„צדיק". זאַבראַווסקי האָט אַבער פּעשקען גאָרניט געטון, נאָר זיך נוקם געווען אין פּעשקעס מאַן.

איינמאָל אין אַ יריד־טאָג, האָט זאַבראַווסקי געטראָפן הערשעלע „פּיעסיק" אין „קראַטשינסקיס שענק" און ער האָט אים דערשטאָכן. וואָס אין שטעטל האָט זיך דאַן אָפּגעטון. נאָך שבעה, איז פּעשקע אַוועק פון שטעטל און דער גוי זאַבראַווסקי, איז געבליבן זיצן אין דער שטאָטישער „קאָזע", אין צעלע, וואו איבערן פענצטערל מיט די גראַדעס, איז גע־האנגען אַ בלעכענער קעסל. אַלע פּאָר טאָג, ווען צוויי פּאָליציאַנטן האָבן אים, זאַבראַווסקין געפירט צום שטאָטישן אויספאָרשונגס־ריכטער, איז די גאַס פול געווען מיט נייגעריקע אידן. זאַבראַווסקי, אַ געשלאָסענער אין קייטן, פלעגט גיין לאַנגזאַם און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

אַ פּאָר שטאָטישע יונגעלייט, פון אַ פיינער אידישער שטוב, ווע־מעס טאַטע און ברודער עס זיינען געווען פּראָפעסיאָנאַלן, זיינען אַוועק אין דער וועלט אַריין און אויף אייביק פאַרזונקען געוואָרן אין תהום פון דער אונטערוועלט.

אַ גנב אַ שלימזל איז געווען: „בייגעלע". פּאָר גנבענען אַביסל באָס „גרייט" פלעגט ער אָפּזיצן יאָרן. און אַז מ'פלעגט אים, למשל, טרעפן אויפן בוידעם ביים אַראָפּנעמען די וועש און מ'האָט אים „גוטמוטיק" געפרעגט:

— „בייגל גנב", וואָס טוסטו אויפן בוידעם?

האָט ער זיך ניט פאַרלוירן און געענטפערט:

— איך גיי צום באַן...

דאָס פוילן אין תפיסה איז אים סוף כל סוף נימאוס געוואָרן, איז ער, „בייגל גנב" אַוועק צום שטאָט־קאָמיסאַר און געבעטן, אַז ער, דער קאָמיסאַר זאָל אים דערלויבן צו נעכטיקן אין דער שטאָטישער „קאָזע", אַזוי אַז מ'זאָל אים מער ניט קאָנען חושד זיין, אַז ער גנבעט. דער קאָ־מיסאַר איז אַרומגעגאַנגען צו די בערשטער סוחרים, אַז מ'זאָל אים געבן אַרבעט. נאָך מער: דער קאָמיסאַר האָט אַפילו אַוועקגעשריבן אַ בריוו צו

„בייגל גנבס״ אַ שוועסטער קיין אַמעריקע, אַז זי זאָל זיך לאָזן הערן צו איר ברודער און אים שיקן געלט. דער סוף איז געווען, אַז אַ בערשטער סוחר האָט אים אַריינגענומען און ער, „בייגל גנב״, פלעגט היטן דעם וואַרשטאַט מיט סחורה.

אין די פאַרנאַכטן, אין די שעהן פון שפּאַצירן, פלעגט „בייגל גנב״ האָבן דאָס גרעסטע פאַרגעניגן אַוועקצושטעלן זיך אין ראָג נעבן „סקלאַד אַפּטעטשני״ און דאָרט אויספרעגן די שטעטלדיקע אידישע סטודענטן, וואָס האָבן שטודירט אַדוואָקאַטור, וואָס עס קומט אַ שטייגער פאַר האַקן אַ שלאָס, אָדער פאַר ארויסציען א טאַש מיט געלט.

און אַז די יונגע סטודענטן האָבן אַזוי גיך ניט געענטפערט, פלעגט זיך „בייגל גנב״ צעלאַכן און „שיטן״ מיט „פּאַראַגראַפן״, וואָס ער אַלס „פאַכמאַן״ האָט געוואוסט פון אויסנווייניק...

דער יונגסטער פון דער אונטערוועלט אין שטעטל, איז געווען פייוול באַלעגאַלעס אייניקל, דער וואָס האָט געוואוינט נעבן די קהלשע אַפּ־טריטן. נאָך גאָר אַ קינד איז דאָס אייניקל געבליבן א קיילעכדיקער יתום און זיך דערצויגן אין גאַס.

ווען ער איז אלט געוואָרן א 14 יאָר, איז ער אוועק פון שטעטל און מ׳האָט ניט געוואוסט, וואו זיין געביין איז אהינגעקומען. אין א פּאָר יאָר ארום, איז ער צוריקגעקומען — אַ קונצנמאכער. ער האָט געקאָנט „וואַרפן שטריק״, זיך שטעכן מיט נאָדלען און לייגן זיך אויף טשוועקעס.

אז מ׳האָט אים צוריק דערזען אין שטעטל און דערצו אזוי פאַר־שווארצט און צעבראָכן, נאָר מיט בלישטשענדיקע אויגן, האָבן אַלע מיט באַדויערן אַ זיפץ געטון און געזאָגט:

— שוין בעסער, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן דאָס ניט דערלעבט.

אין שטעטל זיינען אויך געווען וואוילע יונגען, וואָס האָבן זיך ליב געהאַט צו שלאָגן און דערביי באַנוצן מעסערס און העק. אָט, אַזוי איז אַלע מאָל אין שטעטל אויך צוגעקומען אַן „אונטערוועלטניק״. קיינער אין שטעטל האָט אָבער פאַר זיי קיין מורא ניט געהאַט.

ערב 1939, איז שוין פון די אלטע אונטערוועלטניקעס, אין שטעטל, כמעט קיין צייכן ניט געבליבן. זיינען אָבער אויפגעשטאַנען אייניקע נייע און יונגע, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן די דייטשע באַנדיטן ראַבעווען אידיש האָב און גוטס און מיט ביקסן אין די הענט, האָבן זיי, די יונגע אידישע אונטערוועלטניקעס מיטגעהאָלפן די נאַציס צונויפטרייבן טויזנטער מעז־ ריטשער אידן מיט זייערע ווייבער און קינדער אויפן שטעטלדיקן מאַרק, פון וואַנען מ'האָט די אידישע פאמיליעס אוועקגעשיקט אין די ברעך אויזוגס קיין טרעבלינקע.

די בלעכענע שיף

זייט מיר געזונט שוועסטער, ברידער,
ווען וועל איך מיר זען מיט אייך ווידער.
זייט מיר געזונט, איך פאר דאך שוין אוועק!
זייט מיר געזונט, איך פאר דאך שוין אוועק!

איך זעץ מיר אויף אויף דער שיף,
דאס וואסער איז גאנץ טיף.
מ'זעט ניט מער, נאר הימל און וואסער!
מ'זעט ניט מער, נאר הימל און וואסער!

(פאלקס מאטיוו)

אז אונזערע מאמעס פלעגן דורכגיין דורך דעם „הויכן אלטערס" באלקאן, דארט וואו ס'איז געהאנגען א בלעכענע בלויע שיף מיט הויכע קוימענס, וואס „פארט" אין טיפן ים, פלעגן זיי פארמאכן די אויגן און שנעל אריבערלויפן. זיי, די מאמעס האבן ניט געקאנט קוקן אויף דער שיף, וואס האט ביי זיי צוגענומען זייערע קינדער.

— א וויסטע אנשיקעניש גאר מיט שיפסקארטן אויף אויסצוצאלן — האבן מאמעס געקרעכצט.

דאס מאמעשע קרעכצן האט אבער ווייניק געהאלפן. אלע פאר יאר, האט די חזיר־האר פראדוקציע איבערגעלעבט א קריזיס און טויזנטער

יונגעלייט, זיינען אַרומגעגאַנגען ליידיק. די צייטן זיינען געוואָרן אַזוי ביטער, אַז אויף שבת האָט מען שוין אַפּילו קיין „לונגל" אויך ניט געקאָנט קויפן. און די קלעזמאָרים אין שטעטל האָבן פּשוט געהונגערט, ווייל קיינער האָט זיך ניט געקאָנט אונטערנעמען חתונה צו האָבן.

האָבן זיך די בערשטער, נאָך סוכות ניט געשטעלט אַרבעטן, האָט זיך באַלד אַ הויב געטון די אימיגראַציע כוואַליע און עולם האָט זיך געלאָזט קיין אַמעריקע. עס איז דעריבער גאָרניט קיין וואונדער, וואָס אין נ. אמעריקע געפינען זיך אַריבער פיר טויזנט מעזריטשער. די צייטן זיינען געוואָרן אַזוי ביטער, אַז אַפּילו ר' שלמה דער בעדער, איז אויך אַוועק קיין אַמעריקע.

ווער איז עס ניט געפאָרן?

עס זיינען געפאָרן בונדיסטן, רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן אין שטעטל געוואָלט באַשאַפן „אַ נייע וועלט"; עס זיינען געפאָרן אָנפירער פון פּועלי־ציון, ציוניסטן, וואָס האָבן אויף אַלע טריבונעס אין שטעטל באַוויזן, אַז דער וועג פירט קיין ארץ ישראל. און דער עיקר: עס זיינען געפאָרן מאַסן. די צאָל מעזריטשער אין נ. אַמעריקע איז אזוי גרויס, אַז ווען מיט 18 יאָר צוריק, איז אויסגעבראָכן אַ שאַרפער קריזיס אין דער בערשטעריי פּראָדוקציע, זיינען פון שטעטל געפאָרן צוויי דעלעגאַטן צו די מעזריטשער אין ניו־יאָרק, כדי צו שאַפן הילף. און ווירקלעך פלעגן די מעזריטשער פון אויסלאַנד אַ סך העלפן.

אין די שווערע יאָרן נאָך דער מלחמה פון 1914־18, איז פון נאָרד אַמעריקע געקומען פיל הילף: געלט און קליידער. מיט געלט געשיקט פון ניו־יאָרק, האָט זיך אין שטעטל געעפנט אַ קרעדיט־קאַסע, וואו מ'האָט אָרימע מענטשן, קליינהענדלער געליען געלט אָן פּראָצענט. שפּעטער, זיינען געקומען דעלעגאַטן פון אַמעריקע, און סתם אַרויפגעאַרבעטע אידן, זיינען אויך געקומען. אַלע זיינען געקומען צו גאַסט אין שטעטל אַריין, און דערווייל האָט מען איבערגעבויט דעם „אידישן שפּיטאָל", איינגעאָרדנט אַ בית־יתומים און אַרויסגענומען אַ גרופּע אידישע יתומים אין דער פאַרם־שול „דזשאָרדזשטאָן" אין קאַנאַדע. עס זיינען אויך געקומען

צו גאַסט: אַלטע, רייכע בחורים און מיידלעך, כדי צו טאָן שידוכים אין זייער געבוירן־שטעטל. עס איז אויך געקומען אַ רייכע אלמנה מיט איר זון, אַ געבוירענעם אין נ. אַמעריקע. דער „בוי" האָט אָבער שטאַרק געליטן, ווייל ער האָט ניט געקענט ריידן קיין אידיש, ממילא האָט ער זיך ניט געקענט צוזאַמענריידן מיט די אידישע מיידלעך פון שטעטל.

די „דעלעגאַטן" וואָס זיינען געקומען האָבן אָפּגעהאַלטן מיטינגען אין שיל און צוגעזאָגט צו „טרייען דאָס בעסט" פאַר זייער היים־שטעטעלע.

פון אַמעריקע זיינען אָבער אויך צוריקגעקומען אַ פּאָר אידן, וואָס האָבן געשאָלטן אַמעריקע: דער דראַזשקאַרזש אַלטער פּאַלערינע און הערשל טרעגער. אַלטער פּאַלערינע למשל, פלעגט דערציילן אין מאַרק, ווי אַזוי עס „זעט אויס" ניו־יאָרק און דער עיקר: אַז מ׳דאַרף דאָרט שווער און ביטער האָרעווען.

וואָלט אים שוין די אַרבעט אויך ניט אויסגעמאַכט — האָט ער געזאָגט, — וואָסי, אין שטעטל איז ער געזעסן אויף דער שטול?

זיין צוגעבונדן צו אַ דראַזשקע — האָט ער געפרעגט — און זאָרגן צו געבן עסן אַ פערד, איז יאָ גוט?

הייבט זיך אָבער אָן אַ מעשה מיט פסח. עס איז געקומען די ערשטע סדר־נאַכט, איז ער געווען אין גרויסן ניו־יאָרק איינער אַליין, עלנט, ווי אַ שטיין. און דאָרטן אין דער היים, איז זיין שכן „יאַנקל באַרשטש" געזעסן ביים סדר, מיט ווייב און קינדער, „מנשה קאַזע" איז געווען אין דער היים און „בערל זאַק" מיט די בנים, איז געווען באַלעבאַס ביי זיך אין שטוב. זעענדיק, וואו ער „איז" אין דער וועלט, איז „אַלטער פּאַלערינע" גלייך אויף צומאָרגנס אַריין אין זיין באַלעבאָס „אָפיס" און ער האָט אָפּגענומען די פּאָר „טאָלער" און איז צוריק אַהיימגעפאָרן. דאָס זעלבע האָט אויך געטון: הערשל טרעגער.

הערשלען האָט אין ניו־יאָרק ניט געפעלט קיין אַרבעט און ער האָט גוט פאַרדינט אויך, נאָר זיין אין דער פרעמד, האָט ער ניט געקאָנט. ער האָט געפילט, אַז ער קומט אום.

„משה כאסדע", „משה זאלצקע" און „קיסעליאַק", וואָס זיינען אויך אַלע יאָרן געווען פלייצע־טרעגער, מעגן זיין אין דער היים, האָט אים כסדר געבאַמבלט אין קאָפּ, און ער נישט?

וואָס איז, ער האָט חלילה אין שטעטל, ביי וועמען עפּעס צוגענר־מען?

אָט, אַזוי טראַכטנדיק, האָט ער זיך צוריקגעשיפּט אין שטעטל אַריין, וואו ער איז צוריק געוואָרן אַ טרעגער. אַמעריקע האָט ער אָבער ניט געקאָנט פאַרגעסן.

וועגן „אַמעריטשקע גנב" האָט ער אָבער שוין ניט אויפגעהערט צו ריידן. און לאַנגע, לאַנגע, יאָרן פלעגט ער, הערשל טרעגער, זיך אָנטון שבת בייטאָג די געלע שיך, מיט די פאַריסענע נעז און גרויסע קנעפּ, אַלס צייכן פון אַמעריקע, וואָס ער קאָן ניט פאַרגעסן.

איין איד ווידער איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע, ווייל ער האָט געוואָלט ווייזן דאָס שטעטל, ווי אַזוי מ׳פאַריכט „אומברעלאָס", און ווי אַזוי מ׳וואַשט וועש און אנצוגער אין אַמעריקע און מ׳מאַכט דערפון פּרנסה אין שטעטל אויך.

:: :: ::

קיין נ. אַמעריקע, זיינען פון שטעטל געפאָרן טויזנטער. און פיל הונדערטער פאַמיליעס האָבן אויך אויסגעוואַנדערט אין אנדערע לענדער. דאָס שטעטל האָט זיך אַ לאַז געטון קיין אַרגענטינע און דאָרט אָנגעהויבן בויען די בערשטער אינדוסטריע. מעזריטשער אידן אין ב. איירעס פירן גרויסע האָר־פאַבריקן און האָבן זיך גאָר פיין אַרויפגעאַרבעט. די נויט האָט געטריבן פון שטעטל און די שטייערן, די רדיפות פון דער פּוילי־שער רעגירונג, האָט מער ניט געלאָזט איינזיצן. און היות די פּערספּעק־טיוון זיינען געווען ביטערע, איז מען אַוועק קיין ארגענטינע און די גאַנ־צע ענערגיע אָפּגעגעבן אויפצובויען זיך אַ פּאָזיציע אין דער נייער היים. אַ גרויסע קאָלאָניע פון מעזריטשער איז דאָ אין ענגלאַנד. קיין ענגלאַנד און נ. אַמעריקע, האָט זיך די אימיגראַציע אָנגעהויבן מיט אַ האַלב יאָר־

הונדערט צוריק. די מאסן־אימיגראציע קיין ארגענטינע, ווען ס'זיינען אלע פאר טעג אוועקגעפארן פון שטעטל אנדערע יונגע מענטשן, האט זיך ערשט אנגעהויבן אין די יארן 1923־24.

אין די ווייטערדיקע יארן, זיינען יונגעלייט פון שטעטל געפארן קיין בראזיל, אורוגוויי, קאנאדע, מעקסיקע און ערב דער מלחמה פון 1939, זיינען א גרופע יונגעלייט פון שטעטל אוועק קיין באליוויע.

א גאנץ אנדערער עלעמענט איז געפארן קיין ארץ ישראל. גאר אמאל זיינען פרומע אידן אהין געפארן שטארבן. שפעטער, זיינען אהין געפארן חלוצים. נאך דעם זיינען געפארן ציוניסטן, פועלי ציוניסטן, וואס זיינען עקאנאמיש צעבראכן געווארן. אייניקע אידעאליסטן האט זיך סתם פארוואלט צו זיין אין „ארץ", האבן זיי אלץ פארקויפט און אוועקגעפארן.

ערב 1939, האט אהין געצויגן א גרויסער טייל פון דער אידיש־שטודירנדיקער יוגנט אין שטעטל. און אין 1945, זיינען געקומען קיין ארץ ישראל אייניקע יונגעלייט, וואס האבן אין שטעטל איבערגעלעבט אלע נאצי־פייניקונגען.

ווי אנדערש די מעזריטשער זיינען עס געפארן אין די אמעריקעס און ווי אנדערש קיין ארץ ישראל. איינמאל בלויז האבן די אידישע פייערלע־שער פון שטעטל, צוזאמען מיט זייער ארקעסטער באגלייט צום באן, זיי־ערס א מיטגרינדער, וואס איז אפגעפארן קיין ארגענטינע. דאס פירן מיט מוזיק צו דער באן א איד, וואס פארט קיין ארגענטינע, האט אין שטעטל ארויסגערופן זכרונות וועגן יענע אימיגראנטן, וואס זיינען מיט א סך יארן צוריק, אנטלאפן פון מעזריטש אין ווייטן ארגענטינע.

אין די שפעטערדיקע יארן, איז אבער אויך ארגענטינע שוין געווארן נאענט און פאמיליאר אין פוילישן שטעטל.

און פונקט, ווי מ'איז אמאל צוריקגעקומען פון ניו־יארק, אזוי איז מען שפעטער צוריקגעקומען פון ב. איירעס און פון תל־אביב. מער, ווי א האלב מעזריטש איז אבער פארט געבליבן אין דער וועלט.

די עקאָנאָמישע נויט, די רעכטלאָזיקייט און רדיפות האָבן געטריבן, ווי מיט בייטשן, האָט מען זיך געלאָזט מיט שיפן איבער ימים.

אידן פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך: שניידער, שוסטער, שטריקער, קאָמאַשנשטעפּער, האָבן זיך געקאָנט אַרויסרייסן פון שטעטל און פאָרן קיין וואַרשע. בערשטער, דער רוב מנין און בנין פון שטאָט, האָט אין גאַנץ פּוילן קיין אַרבעט ניט באַקומען.

יעדער קריזיס און שווערע צייט האָט דעריבער גלייך געטריבן קיין אויסלאַנד. און אָט דאָס איז די סיבה, וואָס מער, ווי אַ האַלב שטעטל איז אין דער „פרעמד". דערביי איז וויכטיק אָט־וואָס: אַז אין אַלע לענדער פון דער וועלט, וואו עס קומען מעזריטשער בערשטער, באַמיען זיי זיך אַריינצובריינגען אין די נייע היימען, זייער באַליבטע פּראָדוקציע: בערשטעריי.

ווי צוגעוואוינט דאָס שטעטל איז ניט געווען צו אימיגראַציע, דאָך פלעגט יעדע פּאַרטיי שטאַרק באַדויערן, וואָס דער ים „נעמט ביי זיי אַלעמאָל צו" אזוי פיל גוטע און נויטיקע מענטשן. יעדער געזעלשאַפטלעכער געזעגענונגס־צוזאַמענקום, איז דעריבער תמיד פול געווען מיט טרויער.

אין 1928, האָבן די בונדיסטן און ציוניסטן געזעגנט אייניקע פון זייערע אַקטיווע מיטגלידער. אין בונדישן לאָקאַל אויף דער „צעבראָכענער גאַס", איז פאָרגעקומען אַ געזעגנונג „ליאַמע" פאַר צוויי חברים. דער פאָרזיצער פון בערשטער פאַריין: שואל, איז געפאָרן קיין אַרגענטינע און דער אַקטיווער יוגנט־טוער: משקה, איז געפאָרן קיין מעקסיקע. און אין דער „תרבות־שול" האָבן זיך געזעגנט צוויי גאָר אַקטיווע ציוניסטן, וואָס זיינען געפאָרן קיין ארץ־ישראל.

צופעליק זיינעןביידע געזעגענונגען פאָרגעקומען אין איין נאַכט. ביידע לאָקאַלן זיינען פול געווען מיט מענטשן. און הגם די געזעגענונגסווערטער זיינען געווען גאַנץ פאַרשידן, דאָך האָט מען אויף צומאָרגנס

אין שטעטל זייער פיל גערעדט וועגן דעם, אַז די געזעגענונגס־אָוונטן האָבן אַלעמען זייער אומעטיק געמאַכט.

:: :: ::

אונזערע מאַמעס האָבן ניט געקאָנט זען די בלעכענע בלויע שיף אויף דעם „הויכן אַלטערס״ באַלקאָן און דאָס שטעטל אַלס גאַנצעס, פלעגט טיף באַדויערן, וואָס אַלע פאָר יאָר ווערט אויפסניי אָפּגעצאַפּט יונג און פריש בלוט.

„דראַמאַטישע קרעפטן"

הונדערטער יונגעלייט און מיידלעך, האָבן זיך געצויגן צו דער בינע און האָבן סוף כל סוף זייער ציל דערגרייכט: זיי האָבן געשפּילט טעאַטער אין שטעטל.

מעזריטש איז געווען אַ שטאָט, וואָס שוישפּילער פלעגן איר האָבן פאַרצייכנט אין זייערע ביכעלעך. אַז אַ אידישע טרופּע פלעגט אַרויספאָרן פון וואַרשע, איז מעזריטש ביי איר שטאַרק אויסגעוואַקסן. טרופּעס פלעגן זיך טאַקע פאַרמעסטן, דאָרט צו שפּילן אַ פּאָר וואָכן. און אַז די בערש־טער האָבן געאַרבעט, האָבן די אַקטיאָרן „געלעבט און געלאַיבט".

וואָס שייך טעאַטער האָט אָבער דאָס שטעטל נים געוואַרט ביז אַק־טיאָרן וועלן קומען שפּילן.

אַליין מיט אייגענע כוחות, האָבן יונגעלייט אין שטעטל געשפּילט „מכירת און גדולת יוסף", „ווי אַזוי יוסף איז פאַרקויפט געוואָרן און ווי אַזוי ער איז געוואָרן שני למלך".

אונזערע מאַמעס פלעגן גאַנץ אָפט דערציילן, ווי אַזוי בערעלע שניידער, פלעגט זיך פאַרבונדן די באָרד מיט אַ נאָז־טיכל און אָוועקפאַלן ביי דער „מוטער רחלס קבר" און פון דאָרט פלעגט זיך הערן אַ געזאַנג:

„יוסף, יוסף, גיי מיט זיי פריילעך,

וועסטו דאָרט ווערן שני למלך".

אין יאָרן אַרום האָבן די זעלבע יונגע לייט אויך „אויסגעשפּילט" גאַנץ „דוד און גלית".

אין יצחק־הערש זייפנזידערס שטאָל אַריין, זיינען זיי אָבער קיין־מאָל, מיט זייער שפּילן ניט אָנגעקומען. דאָרטן האָבן בלויז געשפּילט „ריכטיקע" אַקטיאָרן.

די ערשטע פון אַלעמען אין שטעטל אָנערקענטע, אייגענע „דראַ־מאַטישע קראַפט", איז געווען: שיינדעלע שמחה זרחס. צענדליקער יאָרן איז שיינדעלע, דעם ווינקל אַדוואָקאַטס טאָכטער, געווען די הויפּט־קראַפט. זי האָט אָרגאַניזירט די „טרופּע", זי האָט אַלעמען געוויזן, ווי אַזוי צו שפּילן און דער עיקר: זי אַליין פלעגט שפּילן די הויפּט־ראָל.

זי האָט אויפגעפירט: „שולמית", „חורבן ירושלים", „מיליאָנער אַלס בעטלער", „זשידובקאַ", תכיעת־כף, די שחיטה א. אַ.

די מיטלוואוקסיקע שיינדעלע, וואָס האָט תמיד געטראָגן אַ קאָפּ „לאָקן", האָט ניט בלויז געקאָנט שיין ריידן און „מאַכן", אַז דער עולם זאָל וויינען, נאָר זי האָט אויך געזונגען פון נאָטן אַרויס. און ווען זי פלעגט דאַרפן זינגען אויף דער בינע, האָט זי פריער, מיט די שטאָטישע קלעז־מאָרים געלערנט גאַנצע נעכט. נאָר „איין נס" איז געווען, וואָס מענדל קלעזמער, וואָס איז מיט זיין שפּילן פידל באַרימט געווען אין גאַנץ „פּאָד־ליאַשער געגנט", איז אויך ניט געווען אַבי ווער (ער האָט געשטאַמט פון יאָנטל קלעזמער) און ער האָט מיט זיין פידעלע געקאָנט „מאַכן", וואָס ער האָט געוואָלט.

שפּילן טעאַטער פלעגט שיינדעלע מיט איר „טרופּע" צוויי מאָל אין יאָר. און דאָס געלט אָוועקגעגעבן אויף פאַרשידענע שטאָטישע צוועקן. כדי צו זיין אַן אָרדנער אין טעאַטער־זאַל, האָבן זיך גביריש זינדלעך פּשוט געשלאָגן. און כדי צו זיין דער הויפּט־אָרדנער, וואָס איז געגאַנגען אָנגעטון מיט אַ גרויסן ווייסן שלייף אין לאַץ, האָט אַן אייזן פאַבריקאַנטס אַ זון געגעבן אַ פּאָר היפּשע צענער רובל. יאַנקעלע הערש־לייבס, אַ זון פון אַ רייכן חזיר האָר סוחר, האָט אים אָבער איבערגעיאָגט און ער איז געוואָרן דער הויפּט אָרדנער.

שיינדעלעס געזאַנגען פלעגן מיידלעך אין שטעטל ניט מיד ווערן נאָכצוזינגען, און דערביי אויך ווען נאָכמאַכן, ווי אַזוי שיינדעלע פלעגט אַ „קרעכץ טון״ און פאַרענדיקן.

שיינדעלע שמחה זרחס, איז ניט געווען אַליין. זי האָט זיך אַרומ־גערינגלט מיט אַ סך „מיטהעלפער״. קיין מיידלעך האָט איר טרופּע כמעט ווי ניט געהאַט, דערפאַר האָט אָבער ארויסגעשיינט פון איר טרופּע: „שלמה קומיק״ און „פּראַים קאָק״. ביידע זיינען געווען בערשטער ארבע־טער, שיינדעלע האָט אָבער אויסגעפונען, אַז זיי קאָנען שיין זינגען, ריידן „אַלע מאָל אנדערש״ און אויסנעמען ביים עולם.

ווי נאָר „שלמה קומיק״ פלעגט אַרויפקומען אויף דער בינע, אַזוי האָט מען שוין געלאַכט, דאָס זעלבע „פּראַים קאָק״. די הויפּט „קרעפּטן״ האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן צוגעצויגן נייע כוחות און אַלע צוזאַמען, האָבן זיי געשפּילט טעאַטער, און אויך מיטגעהאָלפן די אידישע טרופּעס, וואָס פלעגן קומען אויף גאַסטשפּילן אין שטעטל אַריין.

אין אַ סך יאָרן אַרום, ווען שיינדעלעס טרופּע איז שוין געווען כמעט, ווי צעפאַלן און עס זיינען אויפגעשטאַנען נייע יונגע „דראַמאַטי־שע קרעפּטן״, האָט מען נאָך אַלץ דערמאָנט ווי אַזוי שיינדעלע פלעגט שפּילן „דאָרא״ אין „מיליאָנער אַלס בעטלער״ און ווי אַזוי איר יונגסטער ברודער, פלעגט אָפּשפּילן די ראָל פון „רודאָלף״ און דערביי אָפּזינגען דעם דועט.

שיינדעלע שמחה זרחס, האָט אייגנטלעך געלייגט דעם יסוד פאַר שפּילן אידיש טעאַטער אין מעזריטש, מיט אייגענע כוחות. די אידישע אַרטיסטן פון יענער צייט, וואָס פלעגן קומען אין שטעטל אריין און צווישן זיי: אסתר רחל קאַמינסקי, זיינען געווען אירע און איר טאַטנס געסט.

:: :: ::

ווען שיינדעלע איז נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע צוריקגעקומען אין שטעטל אריין, איז איר שוין שווער געווען ווייטער צו „קיניגן״ אויף דער שטעטלדיקער בינע. זי האָט אפילו געמאַכט אַ רייע פּרואוון זיך צו

„באַנייען", צו צוציען נייע „קרעפטן", עס איז אָבער פון דעם גאָרניט אַרויסגעקומען. דאָס אידישע שטעטל אין פוילן, האָט דעמאָלט פונקט געהאַלטן ביים „שטורעם און דראַנג פעריאָד" און אומעטום האָבן זיך באַוויזן נייע „דראַמאַטישע קרעפטן", וואָס האָבן געוואָלט שפּילן גאָר אַנדערע טעאַטער שטיק.

אין שטעטל איז באַשאַפן געוואָרן דער „דראַמאַטישער קונסט־קרייז", וואָס האָט אויפגעפירט „הערצעלע מיוחס" און דאָס געלט געגעבן פאַר דער ביליקער קיך. די צווייטע אויפפירונג פונעם „דראַמאַטישן קונסט־קרייז" איז געווען „דער בטלן". און באַלד האָט זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט אַריבערגעטראָגן אויף גבריאל עזרא מוליערס.

דער בלייכער, אַנגעלייענטער יונגערמאַן, וואָס אין „גאַס" האָט ער קיין הויך וואָרט ניט געקאָנט אויסריידן, האָט אויף דער בינע ממש געשטראַלט און דאָס שטעטל האָט באַוואונדערט, ווי שיין און ווי איידל ער קאָן ליב האָבן אויף דער בינע.

דער „קונסט־קרייז" האָט אָנגעהויבן אַריינציען נייע מענטשן, געלערנטע און אָנגעלייענטע יונגלייט. מרדכי דעם „קליינעם יאַנקעלעס" למשל, איז אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע און דאָרט „אויסגעלערנט" ביי דער „ווילנער טרופּע". ווי אַזוי צו שפּילן דעם „דאָרפס־יונג" און חול־המועד פּסח, האָט דער „אַמאַטאָרן קרייז" געשפּילט דעם „דאָרפס־יונג" „לויט דער רעזשי פון מ. שאַפּירא". פון רוסלאַנד איז צוריקגעקומען אין שטעטל אַריין דער סטודענט, „וועוועו קאַזעסעס אייניקל" און ער איז באַלד צוגעשטאַנען צום „קרייז" און אַריינגעבראַכט אַ סך פרישקייט. ער פלעגט זינגען נייע לידער און אַליין זיך „באַגלייטן" ביים קלאַוויר.

די ערשטע „דראַמאַטישע קראַפט" אין „קונסט־קרייז" איז פאַרבליבן: „יענטע דער סמאַליערקעס". זי האָט געשפּילט „נאַטאַשאַ" אין „דאָרפס־יונג" און „ריזל" אין „די נבלה" מיט אַזאַ ברען, אַז דאָס שטעטל האָט אין איר ניט געקענט פאַרגעסן. זי איז אַוועקגעפאָרן צוזאַמען מיט איר מאַן דעם „שוואַרצן יוסף" (אויך אַן אַמאַטאָר) קיין ארץ־ישראל און דאָרט — זאָגט מען — גייען זיי אויס פון בענקשאַפט אַ שפּיל צו טון אידיש טעאַטער.

די מיטגלידער פון „דראמאטישן קונסט־קרייז" פלעגן גיין אין שטעטל פארריסן די קעפ און זיינען געווען זיכער, אז דאס גיבן זיי דעם טאָן, ווי אזוי אידיש טעאטער דארף געשפילט ווערן. דער עיקר: האָט גערעדט וועגן גוט טעאטער דער סופליאר: „אבן טוב". אויך ער האָט איינמאָל א „שפיל געטון" און דאס איז געווען ביים „ליטעראַרישן ראָוט" ווען דער „קרייז" האָט געלייענט ז. סעגאלאָוויטשעס „די וואַנט". אלע אָנטיילנעמער האָבן זיך דאַן אנגעטון אין טונקעלע אנצוגער, מיט שוואַר־צע שלייפלעך ביי די קעלנער און האָבן געלייענט פון די ביכעלעך ארויס.

ווען דער קאָנפעראַנסיע, וואָס איז געגאנגען אין א פראַק, האָט א געשריי געטון: „צווייטער יוד", איז דער סופליאר „אבן־טוב" צעמישט געוואָרן און ער האָט ניט געוואוסט, וואו ער האלט.

דער „דראמאטישער קונסט־קרייז" האָט אָנגעהאלטן אין שטעטל א צוויי צענדליק יאָר און אויפגעפירט „די פוסטע קרעטשמע", „דער שטור־מער", „דער וואָס קריגט די פעטש", „גנבים", „די משפחה", „דער איי־ביקער וואַנדערער", „דער „קאַרגער", „דאָס גרויסע געווינס" א. א.

כדי אויפצופירן אָט די דערמאָנטע טעאַטער שטיק, האָט דער „קרייז" אַראָפּגעבראַכט דעם שוישפילער יעקב ווייסליץ, וואָס פלעגט רעזשיסירן און אין די שבתים רעציטירן פּיעסן, וואָס די „ווילנער טרופּע" האָט געשפילט אין וואַרשע. דער „קרייז" האָט אויך אַראָפּגעבראַכט דעם שוישפילער אברהם מאָרעווסקי און ער האָט אויפגעפירט מיטן „קונסט־קרייז" צוויי אַקטן פון „דיבוק" און ער, מאָרעווסקי, האָט געשפילט דעם „מיראָפּאָלער צדיק".

צום „קרייז" זיינען אלעמאָל צוגעקומען נייע מענטשן, די פאַרשי־דענע אימיגראַציע כוואַליעס האָבן אָבער, ווי אויף צו להכעיס אַלע מאָל ארויסגעריסן די בעסטע „דראמאטישע קרעפטן" און דער „קונסט־קרייז" איז זיך צעפאַלן.

— גיי שפיל נאָך אַמאָל — האָבן אַלע געטענהט — „דער וואָס קריגט די פעטש", אז גבריאל, וואָס פלעגט שפּילן „דער" איז נישטאָ. און גיין פלעגט „דער וואָס קריגט די פעטש" מיט ספּעציעלע קאָסטיומען,

חאָס דער פאַבריקמאַכער גרישא ראַטשיין, האָט געבראַכט פון וואַרשע; און דערביי פלעגט ער גרישא שוין אַלעמען אויך כאַראַקטעריזירן...

פאַרשידענע פאַריינען און אָרגאַניזאַציעס פלעגן פון צייט צו צייט מאַכן באַמיאונגען אויפצושטעלן „דראַמאַטישע קרייזן”, האָט זיי אָבער אַלעמען צוגעפּעלט „קרעפּטן”. די צעירי־ציון האָבן אויפגעפירט „שמע ישראל” מיטן פּאַרטיי־לידער פון שטעטל: חיים מרדכי אַלס „ר׳ אהרן”. דער „בונד” האָט אויפגעפירט „דער אומבאַקאַנטער”, האָט געשפּילט אַ האַלבער פּאַרטיי קאָמיטעט, די וועלכע האָבן געשמט אַלס רעדנער... גרופּן ביי פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן, האָבן געמאַכט פּרואוון צו שפּילן טעאַטער, פון אַט דעם אַלעם איז אָבער גאָרניט געבליבן.

בלויז איין מיידל, וואָס האָט אַ פּאָר מאָל געשפּילט אין „שיינדעלע שמחה זרחס טרופּע”, איז אין אַמעריקע געוואָרן אַ אידישע אַקטריסע. ווייטער איז פון די פילע הונדערטער אינגלעך און מיידלעך, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען דורך דער שטעטלדיקער בינע, קיינער פון זיי צום פּראָפעסיאָנעלן אידישן טעאַטער ניט דערגאַנגען.

די אַלע, וואָס האָבן אָבער נאָר איינמאָל פאַרזוכט דעם טעם פון דער בינע, פלעגן די אידישע טרופּעס, וואָס זיינען געקומען אויף גאַסט־שפּילן אין שטעטל אַריין, אַרומרינגלען מיט אַ סך וואַרימקייט.

מיט גרויס פאַראַד פלעגן אַריינפאָרן אין שטעטל אַריין די ליטעראַרישע אַקטיאָרן.

יעקב ווייסליץ מיט דער טרופּע האָבן אויפגעפירט פּשיבישעווסקיס „צוליב גליק” און סטרינדבערגס „דער פאָטער” און דאָס שטעטל האָט געקוואָלן. אַ טרופּע מיט מאַרעווסקין בראַש, האָט געשפּילט ש. אַשס „רע־ווערענד סילווער”. לידיא פּאָטאָצקאָ מיט איר טרופּע, האָבן געשפּילט „דער הייליקער פלאַם”, „ראָמאַן” און „די גייסטער”. זיגמונט טורקאָוו מיט אידאַ קאַמינסקאַ: „ווען לאַכט דער טייוול”, „דער געדאַנק”. יאָנאָס טורקאָוו מיט אַ גרופּע יונגע שוישפּילער האָבן געשטעלט „די רומענער־רין” און „מאַרפּיום”. רודאָלף זאַסלאַווסקי „פּרנסה” און „טוביה דער מילכיקער”. משה ליפּמאַן „הירש לעקערט”, א. סאַמבערג „פּראַקוראָר

האלערס", „דער קארגער". דינה האלפערין „א ווינקל אין בראזיליען". די נייע און באנייטע „ווילנער טרופע" מיט יוסף קאמען און ש. נאטאן בראש, האבן געשפילט: „דער זינגער פון זיין טרויער", „דער גולם", „הערשעלע אסטראפאליער", „טאג און נאכט" און „גאט פון נקמה". ניט ווייניק פלעגן קומען אפערעטן טרופעס און מאכן גרויס דערפאלג. צו אן אויסגעשריענע מעלאדראמע ווי „א הארץ וואס בענקט" און „איך וויל א קינד" איז דער שטאטישער טעאטער־זאל געווען צו קליין.

עס האט אויך ניט געפעלט קיין עולם, ווען אקטיארן האבן גע־שפילט „א חתונה אין תפיסה" און „ביי דער רויטער לאמטערן".

אז אנא יאקובאוויטש, האט מיט א פאר צענדליק יאר צוריק, גע־שפילט „איציקל וויל חתונה האבן", „אלמא וואו וואוינסטו", „שיר השי־רים", האט מען די לידלעך און ווערטלעך פון „קומיק" גאנץ לאנג נאכ־געזונגען און נאכגעזאגט. די מאדאם גינזבורג האט געשפילט: „כאנטשע אין אמעריקע", „די אמעריקאנערין", „די שווארצע חופה", האט דאס שטעטל חדשים־לאנג נאכגעזונגען די לידלעך. און ווען די „ווילנער אפע־רעטן טרופע" מיט קדיש, כאש, נחמה, ארליוק בראש, האבן אין שטעטל געשפילט: „באיאדערא", „טשארדאש פירשטן" און דער „אמעריקאנער ליטוואק", האט דאס שטעטל די ניגונים לאנג, לאנג, נאכגעזונגען. אבער „א חתונה אין תפיסה" און „די רויטע לאמטערן", דאס האבן די לעצט־פארבליבענע מיטגלידער פון „דראמאטישן קונסט־קרייז" פשוט ניט גע־קאנט פארטראגן. און קעגן דעם, וואס דאס לידל וועגן „מיידלעך וואס פארן קיין בוינע", איז זייער שטארק נאכגעזונגען געווארן, האבן די „דראמאטישע קרייזניקעס" צוזאמען מיט א פאר ליטעראטן פון שטעטל ארגאניזירט אין טעאטער־זאל א משפט איבער „די רויטע לאמטערן".

דער סוף איז געווען: אז צום משפט איז קיינער ניט געקומען א חוץ אן עלטער פאר־פאלק, וואס האט געמיינט, אז מ׳שפילט „די רויטע לאמ־טערן".

:: :: ::

אידישע פראווינץ אין פוילן האט גוט געלייענט די אידישע צייט־

טונגען פון ווארשע, אזוי אז יעדע פיעסע איז שוין אין שטעטל געווען גוט פארנאטירט. האט זיך „אזאזעל", די אידישע רעווי, א לאז געטון איבער די שטעטלעך, האט מען די „אזאזלניקעס" אומעטום אויפגענומען מיט גרויס פאראד.

האט אלעקסאנדער גראנאך אנגעהויבן ארויספארן פון ווארשע מיט „פראפעסאר מאמלאק", אזוי האט מעזריטש גלייך צו אים געשריבן, דאס זעלבע צו קורט קאטש ווען ער איז ארומגעפארן מיט „סערושאנט גרישא".

יוסף ווינאגראדאוו האט אין שטעטל געגעבן זיינע קאנצערטן. משה רודינאוו און רות ליעוויאש האבן געזונגען אין שטעטל. מ. קיפניס און זימרה זעליגפעלד, זיינען געווען אפטע געסט. שפעטער זיינען געקומען: יאסלע קאלאדני, ל. פאלמאן, די בייע זינגער און זינגערינס, רעציטא־טארן און אפילו די יונגע אידישע שוישפילער מיט „טעאטער אן גרים".

דאס שטעטל האט ליב געהאט און געבענקט נאך אידיש טעאטער. פון צייט צו צייט פלעגן אויך קומען פוילישע שוישפילער און אפילו א טרופע, וואס האט געשפילט אפערע און אויפגעפירט: „האלקא", „טרא־וויאטא" און „פאוסט".

מעזריטש איז פאר אידיש טעאטער געווען א גוטע שטאט. עס זיי־נען אבער אויך געווען פאלן, ווען טרופעס, זיינען געבליבן שטעקן און זיך ניט געקאנט רירן פון ארט.

א פראווינץ טרופע איז אמאל ארייננעפארן אין שטעטל אריין מיטן „לינקן פוס" און ניט געהאט מיט וואס אוועקצופארן. די טרופע איז גע־קומען זיך ראטעווען און איז דארט פשוט איינגעבראכן געווארן. האט די טרופע אויסגעפועלט ביים „אקטיארן פאריין" אין ווארשע, אז אסתר־רחל קאמינסקא זאל קומען צוהילף. און אזוי איז טאקע געווען. אין צווייטעג ארום האט די טרופע אויפגעלעבט, שפילנדיק מיט אסתר רחלען „מי־רעלע אפרת".

אסתר רחל קאַמינסקאַ איז שוין דאַן געווען גרוי און קראַנק, אָבער ווען זי האָט אַ זאָג געטון ביים שלוס פון צווייטן אַקט: כי באו מים עד נפש, איז דער גאַנצער עולם ממש געשטאַנען אויף די שפּיץ פינגער. און געווען איז דאָס די לעצטע פאָרשטעלונג, וואָס אסתר רחל קאַמינסקאַ האָט אין איר לעבן געשפּילט.

אין יענעם לעצטן אָוונט אירן, איז אסתר רחל קאַמינסקאַ, די „מאַמע פון אידישן טעאַטער", געווען אַרומגערינגלט פון אַלע „דראַמאַטישע קרעפטן", וואָס האָבן נאָך געלעבט אין שטעטל.

ליטעראַטן אין שטעטל

עפּאָכעס ליגן געאָרעמט איינע אין די אַנדערע. צו ערשט ליגט די עפּאָכע פון דער „שטאָטישער ביבליאָטעק" דאָרט, וואו עס זיינען פאָרגעקומען די קאַמפן צווישן: אידישיסטן און העברעאיסטן און סתם פאַרטיי דיסקוסיעס. ווייטער אַביסל איז דער „לעזע־זאַל" דאָרט, וואו עס האָבן זיך אויסגעשמידט רעדנער און פּאָליטישער טוער, נאָך דעם גייען די „קונסט־קרייזן" און נאָך זיי קומען איצט די „שטאָטישע בלעטלעך".

גאָר גרויס איז געווען די צאָל פון די יונגעלייט אין שטעטל, וואָס האָבן זייערע געפילן „אויסגעגאָסן" אויף פּאַפּיר. אַ חוץ יוגנט־ליבע האָט אויך די סביבה, דאָס דורותדיק איינגעוואָרצלטע אידישע לעבן ממש „אריינגעשטעקט" די פעדער אין האַנט אריין. לעגענדעס, געשיכטעס, קאָנפליקטן, האָבן פשוט געקלאַפּט אין די טירן און געקומען איז עס צום אויסדרוק אינעם ווילן צו זאָגן אַן אייגן וואָרט.

וואַרשע איז פול געווען מיט אידישע טאָג־צייטונגען, לאָדזש האָט געהאַט איר אייגענע אידישע טאָג־צייטונג, ווילנע האָט געהאַט אירע אידישע טאָג־בלעטער, ביאַליסטאָק און לובלין האָבן פאַרמאָגט אידישע טאָג־צייטונגען. פּרוואוון פון אייגענע טאָג־צייטונגען האָבן אויך געמאַכט גראָדנע און בריסק.

די קלענערע שטעט אין דער פּוילישער פּראָווינץ, האָבן דעריבער מיט אַלע כוחות געשטרעבט, ארויסצוגעבן אַן אייגענע וואָכנבלאַט.

דאָס שטעטל האָט זיך מיט קיינעם ניט פאַרמאָסטן. אַרויסגעבן אַ וואָכנבלאַט איז אָבער געווען דער „רונדער טיש" אַרום וועלכן עס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע שעפערישע כּוחות פון שטעטל. ביי וועמען שרייבן איז געווען אַ הייליקע שטרעבונג. פּאַרטייען און געזעלשאַפטן האָבן גע־האָלפן שאַפן די מאַטעריעלע מיטלען און דערפאַר אויסגעפּועלט אַביסל כראָניק אין „וואָכנבלעטל". פון צייט צו צייט האָבן זיך געפירט דיסקו־סיעס. די נשמה פון וואָכנבלאַט איז אָבער געלעגן ביי ליטעראַטור.

פּאָעטן האָבן אין די וואָכנבלעטער געשטעלט זייערע ערשטע טריט. דערציילער האָבן אין די וואָכנבלעטער אין פּראָווינץ, געמאַכט זייערע לי־טעראַרישע אָנהויבן און זשורנאַליסטן האָבן זיך אין די „וואָכנבלעטלעך" אויסגעצייטיקט. די וואָכנבלעטער זיינען פאַר פיל, פּשוט געווען די לי־טעראַרישע אָנפאַנג־שול.

גאַנצע און האַלבע אינטעליגענטן, סטודענטן, אַרבעטער, געוועזענע ישיבה בחורים, לערער, יעדער פון זיי האָט געחלומט אַן אַנדער ליטעראַ־רישן חלום, וואָס האָט זיך שוין געצויגן יאָרן מיט יאָרן.

נאָך אין יאָר 1913, איז דערשינען אַ קליין העפטל פון 46 זייטלעך, מיטן נאָמען „בליהונג".

דאָרט האָט דעם „שמאַטניקס" איידעם, אברהם דער לערער, גע־זונגען:

„יונתי בחגוי הסלע
בסתר המדרגה...

„עס יאָגט זיך אַ שפּאַרגער אַ רוצח,
נאָך אַ שטילע טויב,
און אָט איז נאָענט שוין דער גזלן, —
אָט שוין, אָט איז זיין רויב:
אָט באַלד וועט ער מיט שאַרפע נעגל,
דורשטיק און מיט וואונט,
צעשפּאַלטן גיך איר איידל גופל
און אויסטרינקען איר בלוט".

ר' מאיר תלמוד־תורה מלמדס זון: שלמה, האָט פאַרעפנטלעכט אַ דערציילונג „אָן אַ היים", אַ מעשה וועגן אַ אידישן זעלנער, וואָס איז פסח אין דער פרעמד.

„דאָרטן איז שוין יום־טובדיק אַלץ געגרייט צום סדר צו גיין. די ליכט אין די לייכטער, דער לאָמפּ, וואָס הענגט איבער דעם טיש גע־צונדן, גיסן ליכט און וואַרעמקייט איבער דער שטוב; אויף דעם טיש אַ גרויסע בוטלע רויטן וויין, וועלכע ברענט אָנטקעגן די ליכט; די כוסות פיל קאָלירטע צעשטעלט אַרום דעם טיש; די מצות אויף דעם ווייסן סערוועט מיט אַ געבלומט טישטעכל פאַרדעקט; דער טאַטע — יום־טוב־דיק זיין פנים, נאָך די ערב יום־טובדיקע אַרבעט — פלאַמט, די אויגן קוקן אַזוי גוט און לייכטן; ער איילט די קליינע ברידערלעך, וואָס פאַרען זיך נאָך מיט זייערע גאַרניטערלעך גיך צו מעריב צו גיין; די שוועסטער־לעך אויך יום־טובדיק, די קעפּלעך אויסגעצוואָגן, אין די האָר רויטע סטענגעלעך אַריינגעפלאָכטן; די מאַמע שטייט, קוקט אויף אַלע מיט הרחבה, איר אויג טרערט, אין האַרצן פייניקט איר אַ געפיל: „איין קינד איז פון איר פאַריאָגט, אַ קינד וועט פעלן צום יום־טוב־טיש".

מיט דער דאָזיקער דערציילונג, האָט דער יונגערמאַן אָפּגעחלומט זיין גאַנץ לעבן, ווייל אין וואַרשע האָבן אים אייניקע שרייבער געגעבן „שיינע האָפענונגען".

מאַנדעליכעס זון האָט געשריבן אַ סקיצע „דאָס געוויסן". נפתלי־וועלוול יאַנקל־פּעשע רבקהס, האָט פאַרעפנטלעכט אַ „פסיכאָלאָגישן עטיוד: „דורשט נאָך ליבע".

דעם מצבה־קריצערס זון גרושקע, האָט געשריבן אַ מיניאַטור וועגן „אומדערגרייכבאַר" און דער יונגסטער פּאָעט אין שטעטל: „לייזערל הערצקעלע גאָלדשמידס" האָט געזונגען:

„ווען עס דריקט מיר אָן אומעט גאַנץ טיף אין מיין האַרצן,
אַ נעפּל אַ שוואַרצער מיין לעבן באַדעקט;
ווען עס דוכט זיך מיר צייטנווייז: ס'מוז פון מיין לעבן,
מיין לעבן דעם וויסטן שוין נעמען אַן עק.

דאָן רוקט זיך אַפּער, ווי פון ערגעץ אַ ווינקל
אַ בענקעניש, אַ שטומע גאָר טיף אין מיין האַרץ;
זי פילט אָן אומזיכטבאַר מיין גאַנצע נשמה,
און שענקט איר אויפסניי פון לעבן די לוסט".

לייזערל איז גאָר יונג געשטאָרבן און איבערגעלאָזט אַ העפט מיט לידער, וואָס אייניקע פון זיי האָבן זיך געדרוקט אין דער וואַרשעווער „אַרבעטער צייטונג". לייזערס כתבים, האָבן אידישע פּאָעטן אין וואַרשע שטאַרק געלויבט.

ווען אין שטעטל האָט אָנגעהויבן דערשיינען דאָס „וואָכנבלעטל", איז שוין מיט אַ פּאָר יאָר פאַר דעם דערשינען אָן איינמאָליקע אויסגאַבע „אונזער שול" און שפּעטער „דער רוף", אַ בלעטל צום אָנקום אין שטעטל אַריין פון פּאָעט לייב יפה.

נאָך דעם האָט דאָס שטעטל אויך געהאַט אַ ביילאַגע צו דער „שעד־לעצער וואָכנבלאַט", אָנגעפירט פון „צבי קשת", וואו ס'האָט זיך געפירט אַ זייער הייסע פּאָלעמיק צווישן אַ ציוניסט און אַ יוגנטלעכן פון בונד.

דער ציוניסט האָט געזאָגט: „אויב דער קומענדיקער היסטאָריקער וועט פאַרשן די פּראָטאָקאָלן פון דער (שטעטלדיקער) אידישער גמינע, וואָס זיינען געשריבן אין אידיש, וועט ער קומען צום אויספיר, אַז בראש פון דער קהילה זיינען געשטאַנען עמי הארצים". דערויף האָט אים „יאָסל" דאָס אַרבעט־אינגל שאַרף געענטפערט, און פאַרענדיקט: „אַז ער זידלט אויף אָן איבערגעריסענעם טעלעפאָן".

אָבער אַ וואָכנבלאַט אַ זעלבסטשטענדיקער אָרגאַן, געווידמעט די אינטערעסן פון דער אָרטיקער אידישער באַפעלקערונג און טיילווייז אויך דער נאָענטסטער געגנט און דערצו לויטן אויסלייג פון אידישן וויסנ־שאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע, האָט אָנגעהויבן דערשיינען דעם 25־טן יוני 1926.

אין דעם ערשטן נומער האָט א. ב. געשריבן וועגן „עפנטלעכע קאָנ־טראָל", בן חורין „צו אונזערע צוועלף", וועגן די ערשטע אידישע גימ־

באזיסטן, וואס האבן אויסגעהאלטן די עקזאמענס. דער סטודענט „מוליע״ האט פארלאנגט, אז מ׳זאל פונאנדערלאזן דעם שטאט־ראט. י. ה. „פאר אונזער שול״, מ. מאנדלזאן א פעליעטאן וועגן „קליין אמעריקע און גרויס קאבצאנסק״.

„א קליין פינטעלע אין דער מאפע — שרייבט מ. מאנדלזאן — איז זיך אונזער שטעטל מעזריטש מיט אירע קנאפע פערצן טויזנט איינ־וואוינער און מיט אירע אכציק פראצענט אידעלעך״.

„אנאט״ האט פאלעמיזירט וועגן אידיש און העברעאיש און דער רעדאקטאר־ארויסגעבער „דאן״, ר׳ מענדל איינבינדערס זון פונעם דער־נעבנדיקן שטעטל: ראדזין, האט געשריבן וועגן „געוויסן״ פון דער רע־דאקציע „היינט״.

ווען די מיטארבעטער פון „וואכנבלעטל״ האבן אין די פארנאכטן שפאצירט איבער די שטעטלדיקע טראטוארן, האבן אלע געוואוסט, אז דא גייען „ליטעראטן״. דאס שטעטל האט אבער שוין פון לאנג געהאט אירע שרייבער אין דער וועלט.

ברוך האלצהענדלערס אייניקל: יואל מאסטבוים, האט שוין געהאט ארויסגעגעבן „מאריטאס גליק״ און „דאס רויטע לעבן״. חיים שלמה גארבערס זון: עקיבא, איז אין קאנאדע שוין געווען רעדאקטאר און גע־ארבעט איבער זיינע ביכער „דער איד אין קאנאדע״ און „ארץ ישראל אין דער ליטעראטור״. און פאר זיי נאך, האבן שוין לומדים פון שטעטל און צווישן זיי: ר׳ לייזער חרל״פ (געשטארבן 1849) געהאט פארענדיקט דעם „עטרת צבי״, ר׳ שמואל במוה״ר פסח (געשטארבן 1867) דעם „שמחת ישרים״ און ר׳ ישראל איסר שפירא (געשטארבן 1894) „עזרת ישראל״ א. אנד. דאס שטעטל פלעגט מיט די ספרים און כתבים שטאלצירן.

די ליטעראטן אין שטעטל, שוין פון דער נייער צייט, די וואס האבן ליב געהאט די אידישע ליטעראטור מיטן גאנצן הארצן, האבן אבער ניט איבערגעריסן די פארבינדונג סיי מיט די מחברים פון אמאל און סיי מיט די, וואס זיינען געווארן ליטעראטן אין אויסלאנד.

פּלוצים, איז איינער פון שטעטל, דער „ח' אַנאַטאַל" געוואָרן דער סעקרעטאַר פון אידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין אין וואַרשע. קומענדיק אויף פּסח אין שטעטל אַריין, האָט ער דערציילט, ווי אַזוי מען מאַכט אַ ציי‏טונג.

ר' יחיאל שוחטס זון מאיר, איז „דערוויילל" אַוועק קיין לאָנדאָן און געדרוקט אַרטיקלען אין די דאָרטיקע אידישע ציי‏טונגען. און אין די לעצטע יאָרן, איז אין ניו־יאָרק דערשינען זיינס אַ בוך אין ענגליש „דער וועג צו גערעכטיקייט". ברוך שניידערס זון, בערעלע, האָט אין לאָנדאָן פאַרעפנטלעכט אַ פּאָר ביכער. ר' מאַטל מלמדס יונגסטער זון, איז אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע און געוואָרן אַ זשורנאַליסט און שפּעטער אויך אַרויסגעגעבן ביכער פאַר קינדער. דער דאָרפס־שניידער, וואָס האָט געוואוינט אויף דער „צעבראָכענער גאַס", זיין „איינגל" מאירל, איז אַוועק קיין אַמעריקע און געוואָרן אַ פּאָעט, וואָס ה. לייוויק און י. אָפּאַטאָשו דרוקן אים זיינע לידער אין זייערע „זאַמלביכער". פישל פאַרבערס יונגסטער זון, איז געוואָרן אַ זשורנאַליסט, ברוך דער הויכער פון „די פּעדערן" שרייבט אין די אידישע בלעטער, דער „קליינער פייוועלע" דרוקט לידער אין ארץ ישראל און „אבע קאַוואַלס אייניקל": מייקל איידלשטיין, איז געוואָרן קאָנגרעסמאַן אין וואַשינגטאָן און דאָס האַרץ האָט אים געפּלאַצט אין „קאָנגרעס הויז" נאָך דעם, ווי ער האָט פאַרענדיקט אַ פּאָלעמיק מיט דעם קאָנגרעסמאַן דזשאָן רענקין, וואָס האָט שאַרף אַנגעגריפן די אידן.

די ליטעראַטן אין שטעטל האָבן דאָס אַלץ געוואוסט זייער פּינקטלעך, אַלע האָבן דעריבער געהאָפט אויפן מאָמענט, זיך צו קאָנען אַרויסרייסן פון שטעטל.

דער לערער פון טויב־שטומע, דער פעליעטאָניסט פון „וואָכנבלעטל" האָט אויספאַנטאַזירט, אַז ער זעט אויס, ווי אַנאַטאַל פראַנס. ער פלעגט זיך דעריבער זייער אָפט באַדויערן, וואָס ער קאָן זיך נישט אַרויסרייסן פון שטעטל. ווען ער האָט אָנגעהויבן אָנקומען מיט זיינע פעליעטאָנען אין וואַרשעווער נאַכמיטיק־ציי‏טונג „ראַדיאָ", האָט זיין לעבן איצט באַקומען אַ העכערן זינען.

דער העברעאישער לערער, וואָס פלעגט דרוקן דערציילונגען וועגן שטאָטישע העלדן, האָט פאַר קאָלעגן תמיד דערציילט אַ וויץ און דער עיקר האָט ער זיך געפרייט אויב ער האָט עפּעס אויסגעפונען אַ ניי איד־דיש וואָרט. אַז דער לערער און שרייבער מיטן געלן בערדל, איז אַרייַנ־געקומען אין אַ געוועלב אַריין עפּעס קויפן, פלעגט ער ממש צווינגען, אַז די אָנגעשטעלטע, צוזאַמען מיט די באַלעבאָטים זאָלן ריידן צו אים, ווי מ'רעדט אין „איוואַ" אין ווילנע.

— איר ווילט אַ גראַניטער — האָט אים אַ בחור אין „העניע רחע־לעס" געוועלב געפרעגט.

— ניין.

— איר ווילט אַ פּאַלטאָ, איז שנעל צוגעלאָפן צום לערער, דער „קליינער שיעלע".

— ניין.

— וואָס זשע דען ווילט איר — האָט דער באַלעבאָס האַלב בייז אַ פרעג געטון?

— אַן אַנצוג — האָט דער לערער קאַלט און קלאָר אויסגערעדט יעדע זילבע באַזונדער.

ריידן אידיש מיט אָט דעם שרייבער און לערער, איז געווען זייער שווער.

— איך האָב היינט דערהאַלטן אַן איינלאַדונג צו דער פאַרזאַמלונג אין באַנק — האָט אים זיינס אַ פריינט אַמאָל א זאָג געטון. האָט דער לערער ניט לאַנג געוואַרט און גלייך אויסגעבעסערט:

— אַ פאַרבעט־צעטל מיינט איר.

דאָס וואָרט פערזאַנען, האָט ער לגמרי ניט געטאָרט הערן. פאַרשוי־נען מיינט איר — פלעגט ער זאָגן. ער אַליין האָט קיינמאָל ניט געזאָגט די פערזענלעכקייט, נאָר תמיד די פאַרשוינלעכקייט.

אַ ווינטשעוואַניע אין שטאַטישן „בלעטל״ צו דער חתונה פון זײנס אַ פֿרײַנט, האָט ער, דער העברעאישער לערער אײנמאָל אַזוי פֿאַרענדיקט: „און איך ווינטש אײַך אַ גליקלעכע צוקום״ (אַנשטאָט צוקונפֿט).

אפילו צום דר. ווײַנרײַך, דעם וויסנשאַפֿטלעכן דירעקטאָר פֿון ייוואָ אין ווילנע, פֿלעגט ער זיך טשעפּען. קודם פֿלעגט ער שרײַבן צו אים: חשובער דר. מאַטל ווײַנרײַך און ניט מאַקס. און ווען ער, דער לערער און ליטעראַט אין שטעטל האָט אין אַ ייוואָ־אויסגאַבע באַגעגנט אַ וואָרט, וואָס איז געווען ענלעך צו זײַן אידיש, איז ער יענעם טאָג געווען דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט.

זײַנע סקיצעס און בילדער, וואָס ער פֿלעגט פֿון צײַט צו צײַט פֿאַרעפֿנטלעכן אין „וואָכנבלעטל״ און שפּעטער אין וואַרשעווער „עקספּרעס״, האָט ער אָבער געשריבן גאָר אַנדערש.

אַ סך צרות פֿלעגט פֿאַרשאַפֿן דער „פּאַלעמיקער״, אַ בחור, וואָס איז צוריקגעקומען פֿון אַרגענטינע און האָט געוואָלט ווערן אַ שרײַבער אין „בלעטל״. אויפֿשרײַבן אַ פּאָר ווערטער איז אים אָבער אָנגעקומען מיט גרינע ווערים.

— איך האָב שוין ליים — דאָס איז געווען דעם „פּאַלעמיקערס״ באַליבט וואָרט. און „ליים״ האָט בײַ אים געהייסן, אַז ער האָט שוין וועגן וואָס צו שרײַבן און דערצו אײניקע „געדאַנקען״ אויך. אַ גאַנצע וואָך, האָט דער „פּאַלעמיקער״ געלאָזט ליגן זײַן „ליים״ אויף גרויסע ווײַסע פּאַפּירן און לסוף גאָרניט געקאָנט פֿון דעם מאַכן...

געווען אַ סך יונגע לײַט, וואָס זײַנען געקומען צום „בלעטל״ און האָבן זיך גאָר שנעל אויסגעשריבן די הענט. אָט די דאָזיקע יונגע לײַט פֿלעגן שרײַבן „אַרטיקלען״ מיט פֿאָלגנדע נעמען: „שוין די העכסטע צײַט״, „אַמאָל און הײַנט״, „דער ווינטער קומט אָן״ א. אַ. אידישע סטודענטן פֿון שטעטל פֿלעגן אָפֿט מאַכן אָנשטרענגונגען כדי צו שרײַבן אין „בלעטל״ און ס׳איז ניט געגאַנגען. אידן, לערער אין דער שטאַטישער גימנאַזיע, פֿלעגן מאַכן איבערזעצונגען פֿון ענגליש, פֿראַנצויזיש און דײַטש און אויך שרײַבן וועגן „פּאָליאַר־פֿאָרשונגען״. איין פּראָפֿעסאָר,

וואָס האָט געשטאַמט פון גאַליציע, האָט איבערזעצנדיק אַ דערציילונג געשריבן פאָלגנדיקן אידיש: „דער העלד האָט געטון אַ דומהייט, ער האָט געשטוילט אַ קאַץ״.

די אַלע האָבן זיך ביים „בלעטל״ לאַנג ניט געהאַלטן. דאָס „בלעטל״ האָט געדאַרפט רעאַגירן, ווייל אין שטעטל איז געווען לעבן און קאַמף און מ׳האָט ניט געקאָנט שוויגן. אַריינמישן זיך אין דער קהילה־ווירטשאַפט, אין דער פּאָליטיק פון שטאָט־ראַט, דערציילן עפּעס וועגן לאַנד, מאַכן נאָטיצן איבער לאַנד־נייעס, אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, מאַנען רעכט פאַר אידיש, שרייבן וועגן אידישע שרייבער און ביכער, דערגיין די יאָרן דעם שונד־טעאַטער, גריבלען זיך אין די פּנקסים, שטאָט־אַרכיוון און שרייבן כראָניק וועגן שטאָטישן לעבן — דאָס אַלץ האָט געמוזט געמאַכט ווערן. און דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט קאַמף.

אין דעם נייעם „וואָכנבלעטל״, די „טריבונע״, האָט זיך צעפּלאַקערט אַ קאַמף, וועגן דער פּאָליטיק פון דער אידישער פּראַקטיע אין פּוילישן סיים, איז דער קאַמף אַזוי ווייט אַוועק, אַז אויך דאָס נייע „וואָכנבלעטל״ האָט געדראָעט אויפגעריסן צו ווערן.

צי זאָל די אידישע פּאָליטיק אין פּוילן געפירט ווערן לויט יצחק גרינבוימס ליניע, אָדער לויט דער ליניע פון דר. רייך? אַרום דעם האָבן זיך די שרייבער געהיצט און געקריגט און עס האָבן זיך געשאַפן צדדים.

די און ענלעכע דיסקוסיעס האָבן צעבראָכן דעם „רונדן טיש״ אין שטעטל און יעדע פּאַרטיי, האָט אָנגעהויבן מאַכן שבת פאַר זיך. די אַריגע ליטעראַרישע כוחות זיינען אַזוי אַרום צעטיילט און געשפּאָלטן געוואָרן. אַ טייל האָבן געשריבן אין „פּאָדליאַשער צייטונג״, אַ טייל אין דער „אַרבעטער שטימע״ און אַ טייל זיינען גאָר געשטאַנען אין אַ זייט.

די, וואָס האָבן זיך אָבער געהאַלטן פאַר די עכטע ליטעראַטן, ווייל זייערע נעמען פלעגן זיך פון צייט צו צייט באַווייזן אין די וואַרשעווער אויסגאַבעס, האָבן אָנגעהויבן חלומען פון זאַמלביכער און פון אַרויסגעבן אייגענע ווערק.

איינער האָט געבראַכט בלעטלעך געשיכטע פון שטעטל פון די לעצ־טע צוויי הונדערט יאָר. אַ צווייטער, האָט באַשריבן די גאַסן פון שטאָט, דאָס אַרבעטער לעבן, און אַ דריטער האָט גאָר צונויפגענומען זיינע פּער־ליעטאָנען און זיך געקליבן אַרויסגעבן אַ בוך.

אַרום די ליטעראַטן אין שטעטל האָבן זיך אָנגעהויבן גרופּירן יונגע כוחות, געענדיקטע תלמידים פון דער אידישער פאָלקס־שול, אויפגעהאָ־דעוועטע סרוב אויף דער אידישער ליטעראַטור. און זיי האָבן מער נים געקאָנט פאַרטראָגן ווען אין „בלעטל" איז למשל געווען געדרוקט, אַז „יעדער ערנסטער ענין וועט אָוועקגעשטעלט ווערן אויף דער פּריזמע פון געזעלשאַפטלעכן געדאַנק און פּערספּעקטיוו און אַדורכגעלאָזט ווערן דורכן פילטער".

אָדער אַז „די ווילער זאָלן אַריינקוקן הינטער די קוליסן פון זייער פּרימיטיוון פאַרשטאַנד".

אין דעם מאָמענט האָבן די „וואָכנבלעטלעך" אויפגעהערט צו זיין אַ פּרייער טאַנץ־זאַל. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסשמידן אין שטעטל שרייבערישע כוחות, און פאַר די אַלע, וואָס האָבן צוליב אַ צופאַל פאַר־בלאָנדזשעט אין „בלעטל" אַריין, האָט אָנגעהויבן ווערן ענג.

מ'האָט אויפגעהערט מורא האָבן, אַז מ'וועט באַשרייבן אין „בלעטל" נאָר די באַפעלקערונג האָט דערפילט, אַז די וואָכנבלאַט ברענגט צום אויסדרוק די סביבה. און ווען אין די שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, האָבן די פּוילישע רעאַקציאָנערע פּאַרטייען אָנגעהויבן שאַרף באַקעמפן די אידישע פּאָזיציעס און אויסטראַכטן בלבולים אויף אידן, האָבן די וואָכנ־בלעטער געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָל אינעם פאַרטיידיקונגס־קאַמף.

די יאָרן, ווען די ליטעראַטן אין שטעטל האָבן זיך פאַרנומען מיט זייטיקע ענינים, זיינען אַוועק. יעדער האָט דערפילט, אַז ער מוז, ווי אַ זעלנער זיין אויף דער וואַך.

אויף די אידן אין שטעטל האָבן זיך אַ שאָט געטון ביטערע גזירות און בלוטיקע איבערפאַלן. די עמודים פון די אידישע וואָכנבלעטלעך פון

1937 אָן, זיינען פול מיט כראַניק און אַרטיקלען וועגן פּיקעטן ביי אי־דישע געוועלבן, ליקווידאַציע פון אידישן קליינהאַנדל און בלוטיקע אָנפאַלן אויף אידן.

ווען דאָס שטעטל האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אירע מאָדערנע אי־דישע אויסגאַבעס, זיינען די עמודים פול געווען מיט ליטעראַרישער „בליאונג״, מיט יוגנט פאַרלאַנגען, ליבע און שטרעבונג פאַר נייע צייטן און פאַרענדיקט האָבן די „וואָכנבלעטלעך״: ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין סעפּטעמבער 1939, ווען אויף די גאַסן, אין די שטעטלעך אין פּוילן, האָט זיך געגאָסן אומשולדיק אידיש בלוט.

גאַסן און געסלעך

אין מאַגיסטראַט און אין פּאָסט, האָט דאָס שטעטל געהאַט פיר און פופציק גאַסן. ווען אַ איד פלעגט אָבער דערהערן, אַז מעזוריטש האָט אַזוי פיל גאַסן, האָט ער זיך אַליין ניט געוואָלט גלויבן. די „פּאָלאָווע", די פעלד־גאַס, למשל, האָט מער ניט געהאַט ווי איין שטיבל, וואָס ס'האָט געהערט צום דאָקטאָר שעפּקע אדלער; אַ שילדל, ווי אַזוי די „גאַס" הייסט איז דאָך געווען אָנגעקלאַפּט. פונדעסטוועגן האָבן די אידן אין שטעטל, מיט אַזעלכע גאַסן זיך קנאַפּ וואָס גערעכנט. און איבערהויפּט פלעגן אידן, אַלט און יונג, זיך ניט נעמען אין זינען אַריין, ווי אַזוי די גאַסן הייסן אין מאַגיסטראַט רעגיסטער. די נעמען פון די גאַסן האָבן געמעגט גע־ביטן ווערן, ווי אַזוי דער מאַגיסטראַט האָט געוואָלט — דער נייער נאָ־מען איז אַלץ געבליבן בלויז פאַרן מאַגיסטראַט, געריכט, היפּאָטעק און בריוועטרעגער.

..אידן האָבן געוואוסט פון „די בריקן", לובלינער גאַס, וואַרשעווער גאַס, בריסקער גאַס, צעבראָכענע גאַס, שיל־גאַס, קאַליע גאַס (באַן גאַס), שוויניאַטשער געסל (חזיר־געסל), דאָס נייע ווענגל.

פון אַט די אַלע גאַסן האָבן זיך געצויגן וועגן צו די שאָסייען, וואָס האָבן אַרויסגעפירט פון שטעטל אין דער פרעמד אַריין. אַ טריט נאָך די „וויעטראַקן" (די ווינט־מילן), האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער וועג קיין ראַדזין.

איז מען אויפן וואַרשעווער שאָסיי אַריבערגעגאַנגען די „קאַש־טשאַרנע", די ביינער פאַבריק, איז מען שוין געווען אויסערן שטעטל. און אַז מ'איז אַפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט פונעם נייעם בית־עולם און מ'איז

צוגעקומען צו דער „שוועבעלעך פאַבריק”, האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער וועג קיין ביאַלע. און אַ פּאָר טריט פון שטאָטישן וואָקזאַל, איז מען שוין געווען אין „די בערג”, וואָס האָבן געפירט אין זאַהייקער וואַלד אַריין.

די הויפּט גאַס אין שטעטל איז געווען די „לובלינער גאַס”, וואָס האָט געהאַט אַריבער צוויי הונדערט הויפן. זי איז עס געווען דער „שפּיגל” פון שטאָט. דאָרטן זיינען געשטאַנען די שענסטע און מאָדערנ־סטע הייזער ביז דריי און פיר שטאָק די הויך. צו לובלינער גאַס, פון ביי־דע זייטן „בריק”, האָט זיך געצויגן די גאַנצע שטאָטישע באַפעלקערונג. דאָרטן איז געווען דער שטאָטישער שפּאַציר, די שיינע באַלקאָנען מיט די בלומען — די רייכע געגנט פון שטעטל.

די „לובלינער” איז געווען אַ ברייטע לאַנגע גאַס אויסברוקירט מיט קליינע שטיינדלעך. און אין די זייטן: טראָטואַרן צו דריי שטיי־נער די ברייט און אין דער גאַנצער לענג פון דער גאַס, שיין צעבליטע בוימער. די פאַנטאַזיאָרן פון שטעטל האָבן ניט איינמאָל געחלומט, אַז „לובלינער גאַס” וועט נאָך אַמאָל אויך האָבן אַ טראַמוויי. איבער דער לובלינער גאַס, זיינען די דראָזשקעס צוויי מאָל אין טאָג געפאָרן צו דער באַן, אויף לובלינער גאַס האָבן זיך געצויגן אַלע אַרבעטער דעמאָנסטראַ־ציעס, אויף לובלינער גאַס, האָבן יעדן זונטיק פאַרנאַכט מאַרשירט די אידישע פייערלעשער פון שטעטל, צוזאַמען מיט זייער אייגענעם אָרקעס־טער און הונדערטער קינדער פון אַלע עקן שטאָט, זיינען זיי נאָכגעלאָפן מיט געזאַנג. לובלינער גאַס איז געווען דאָס האַרץ פון שטעטל.

דאָרטן זיינען געווען די גרעסטע און שענסטע געוועלבן: די בענק, די בערזע, די אַפּטייקן, די שטאָטישע פאָטאָגראַפיסטן, די גימנאַ־זיע, די שענקען און די סאָדעוואָסער־געוועלבן. און וואָס בישט? אין אַ ווינקל נעבן אַ שענק, זיינען אויף אַ טרעפּל געזעסן די אידישע פּלייצע־טרעגער און געוואַרט אויף אַ פאַרדינסטל און אין די הייסע פאַרנאַכטן, פלעגן די עלטערע בערשטער־אַרבעטער זיצן אויף די טרעפּלעך פון די געוועלבן און זיך אויסרוען.

אין סאַמע מיט פון לובלינער גאַס, איז געווען דער שטאָטישער

טייך, וואָס פלעגט גלעטן די שפּאַצירנדיקע מיט אַ דין ווינטעלע. פון איין זייט בריק, זיינען געווען: די שטאָטישעביידלעך, די מקווה, די באָד, די גאַרבאַרניעס און דאָס אָרט פון וואַנען די וואַסער־פירער פלעגן שעפּן וואַסער פאַר די רייכע הייזער. און פון דער צווייטער זייט האָבן זיך גע־זען: לאָנקעס, וואַלד און קליינע וויים־געקאַלכטע שטיבלעך פון שכינות־דיקן דאָרף.

.. דורכגייענדיק די בריק, פלעגט פּלוצים אַ יאָג טון מיט אַביסל „פּאָעטישן ווייי״ און אַמאָל האָט גאָר די זון „געהאַלטן אין סאַמע מיט דערטרינקען ווערן אין וואַסער״...

זומער פלעגן אידישע וויבער וואַשן וועש און כלים ביים ברעג פון טייך, אינגלעך פלעגן שווימען און אָראָפּטאַנצן פון די ביידלעך אין וואַסער אַריין, אַנדערע פלעגן שטיין מיט ווענטקעס און כאַפּן פיש, אָדער גאָר געמאַכט קונצן אין וואַסער. דער טייך איז געווען מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, פלעגן קינדער אַרומגיין האַלב נאַקעטע אין טייך און דערווייל האָט זיך דאָס שטעטל אויסגעלערנט שווימען.

ווינטער, ווען דער טייך איז „געשטאַנען״, האָבן זיך אינגלעך פון שטעטל געגליטשט. שפּעטער, האָבן אויך גבירישע מיידלעך, גימנאַזיסט־קעס, צוזאַמען מיט זייערע לערער און לערערינס געמאַכט פאַרשידענע קונצן. שבת בייטאָג איז די „בריק״ פול געווען מיט אידן, וואָס האָבן געזען, ווי אַזוי עס גליטשט זיך דער „ספּאָרט־קלוב״.

צווישן דעם עולם אויף דער בריק, איז תמיד געווען מאָטקע פישער. ער פלעגט מיט זיין שווערן גוף און שפּיציק בערדל ליגן אָנגעשפּאַרט אויפן פּאַרענטש און קוקן אויף די אַלע, וואָס יאָגן זיך אַרום אויף „זיין״ טייך.

.. מאָטקעס ברידער און ברידערס קינדער, אַלע זיינען זיי געווען פי־שערס און געלעבט פון טייך. ווינטער פלעגן זיי גיין מיט גרויסע העק און האַקן פּאָלאָנקעס און כאַפּן לעבעדיקע פיש, פאַר די אידישע גבירים אויף שבת. און אין פרילינג צייט, ווען דער טייך האָט שוין געלאָזט און צו־זאַמען מיט די שטורמישע וואַסערן, פלעגן אָנקומען גרויסע „יאָזשן״,

האָבן די אידישע פישערס פאַרשטעלט די פיש אַלע וועגן און געשפּרייט חייסע בלעכן אויפן גרונט פון טייך, האַרט נעבן דער בריק. און ווי נאָר די „יאַזשן" פלעגן „אַרויפגייען" אויף די ווייסע בלעכן, אַזוי פלעגט מאַט־קע פישער אַ הויב טון די „פּאַרעווקע" און די פיש זיינען געווען גע־פאַנגען.

אין די ווינטער נעכט פלעגן די פישער אויך צוגיין מיט פייער צו די „פּאַלאַנקעס", כדי די פיש זאָלן זיך צוקומען אָנוואַרעמען.

אַרום שטעטלדיקן טייך פלעגן אויך אַרומפליען דעם גלחס טויבן און צווישן זיי איינע אַ „פּאַטשטאָווע", וואָס פלעגט פאַרנאַרן און מיט־נעמען אַ פּאָר פון טוביהלע רימאַרזשס טויבן.

:: :: ::

אויב ס'איז ווער אין שטעטל געגאַנגען שפּאַצירן, אָדער געוואָר ווערן עפּעס נייעס, איז עס געווען אויף לובלינער גאַס. פון מאַרק, פון מאַרק־סעדל, פון אַלע עקן שטאָט, האָט זיך עולם אַהין געצויגן. אין די פאַרנאַכטן און איבערהויפּט: שבת און יום־טוב, איז אויפן טראָטואַר פון לובלינער גאַס געווען מוראדיק ענג.

פון די לאַנגע שמאָלע געסלעך, זיינען געגאַנגען גאַנצע מחנות בחורים און מיידלעך, יונגע „פּאַרפעלקער", און אַלע זיינען טראָט נאָך טראָט, ווי אַ געשלאָסענער קאָלעקטיוו — געגאַנגען אויפן שפּאַציר.

לויפן, יאָגן, איילן זיך, איז ניט געווען צו וואָס. קיינער האָט ניט געשטעלט קיין גיכערן טראָט. אַלע האָבן זיך באַוועגט אין זעלבן טעמ־פּאָ: אַהין און צוריק. איינער דעם אַנדערן האָט גוט געקאַנט, די זייטיקע, וואָס זיינען געשטאַנען ביי די טויערן, צי גאָר אַרויסגעקוקט פון די פענצ־טער, פלעגן אפילו אָפּציילן וויפל מאָל יעדער גייט אַהין און צוריק.

פערטשע די אלמנה, וואָס זינט דער מאַן איז איר געשטאָרבן, איז זי ניט געגאַנגען שפּאַצירן, פלעגט שבת אַ גאַנצן טאָג אַרויסקוקן דורכן פענצטער און אויף צו מאָרגנס מאַכן אַ חשבון: ווער מיט וועמען ס'איז „דעם" שבת פאַרנאַכט געגאַנגען געאָרימט. חנה יענטע די שדכנטע פלעגט שטיין ביים טויער פון געסל, וואו זי האָט געוואוינט און ווי נאָר דאָס שפּאַצירן האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זי אָפּגעקוקט די „פּאָרלעך", כדי

זי זאָל זיך ביי די תנאים קאָנען אַריינמישן און אויך „כאַפּן" אַ פּאָר זלאָטעס.

פון די „הויכע פּענצטער" אויף לובלינער גאַס, פלעגט זיך אין די זומער אָוונטן אָפּט הערן אַ שפּילן אויף פּיאַנאָ און פון איין שטוב אַרויס, האָט אַ מאַמע צוזאַמען מיט אירע טעכטער געשפּילט ווערק פון שאָפּען און מאָניושקאָ.

צווישן די נייע און מאָדערנע הייזער, זיינען אין דער מיט געווען פיל, פיל אַלטע, איינגעבויגענע שטיבלעך, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען בירושה און פון זיי, האָט די אָרימקייט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ.

פּרייטיק פאַרנאַכט פלעגן פון דאָרטן אַרויסשיינען די ליכט אין מעשענע לייכטער, הגם פיל פענצטער, זיינען געווען פאַרהאַנגען מיט קליינע לייוונטענע פאַרהענגלעך. . .

אין די הויפן און געסלעך פון לובלינער גאַס, האָבן געוואוינט איד־דישע בעלי־מלאכות, מענטשן אָרימע, וואָס האָבן שווער און ביטער גע־האָרעוועט, פאַר זייער ביסן ברויט. וואָס אַ יאָר ווייטער, איז דעם אָרי־מען שיכט געוואָרן אַלץ ענגער און ענגער צו וואוינען אין די גבירישע הויפן און געסלעך און די בעלי־מלאכות און אַרבעטער, זיינען אַנטלאָפן באַענטער צו דער „מלוכה פון נויט", אויף און נעבן „שמולעוויזנע".

פאַר דער וועלט־מלחמה פון 1914, האָט אין מעזריטש געוויילט דער שריפטשטעלער א. ליטווין און אָט ווי אַזוי ער האָט געשילדערט שמולעוויזנע:

„שמולעוויזנע איז דער גאַנצער אידישער תחום אין מיניאַטור מיט אַלע זיינע פיטשעווקעס, מיט אַלע זיינע קענטיקסטע סימנים. דער וואָס וויל האָבן אויף איין אָרט דעם תמצית, די קווינט־עסענץ אי פון מינסקער בלאָטע, אי פון ווילנער יאַטקעווער געסל, אי פון וואַרשעווער סמאָטשע גאַס, אי פון ביאַליסטאָקער כאַנאַיקעס, אי פון לאָדזשער באַלוט — קאָן פולקאָם יוצא זיין מיט שמולעוויזנע".

שמולעוויזנע, דאָס איז אַ הויפן אַלטע, האַלב איינגעפאַלענע שטיב־

לעך, וואָס ליגט אַנגעשטעקט אין שורות איינע אויף דאָס אַנדערע און שטעקט איינגאַנצן אין אַ זומפּ.

דער זעלבער זומפּ דינט די גאַרבער פאַר אַ ברונעם צו ווייקן זייערע פעל און שמולעוויזער באַלעבאַטים פאַר אַ מיסט־קאַסטן, ווייל אין שמולעוויזנע איז אַזוי ענג, אַז פאַר אַ מיסט־קאַסטן און אַפּטריט איז קיין פּלאַץ נישטאָ. ס׳איז אַ גליק, וואָס אַנטקעגן איבערן מאַרק שטייט די אַלטע שיל מיט איר קהלישן אַפּטריט, לויפט מחילה גאַנץ שמולעוויזנע אַהין...

אין שמולעוויזנע איז נישטאָ קיין הויפן, קיין טויערן. ס׳איז קוים געווען פּלאַץ פאַר די שטיבלעך. אז מ׳זאָל אויסשטרעקן פון איין שטיבל די האַנט, קאָן מען אריינפאַלן מיט איר אין דאָס אַנטקעגנדיקע איבערן געסל.

ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז מיט אַ שפּרייז קאָן מען פון איין גאַניק זיין אויף דעם אַנדערן. איבעריקנס, איז דער גאַניק אויף שמולעוויזנע אַ פּשוט טרעפּל, וואָס פירט גלייך אין קיך אַריין. און די קיך גופא, איז צו דער זעלבער צייט איז אַן עס־צימער, אי די פאַבריק, אי ביינאַכט אַ שלאָף־צימער. דעם בערשטערס ווייב, אָדער טאָכטער קאָן קראַצנדיק די חזיר־האָר, אַ בויג טון זיך און אָכטונג געבן, ווי עס קאָכט זיך דער וואַרמעס, און צוזאַמען מיט אים און דערביי טאַקע דער קעסל מיט די ניט־גערייניקטע חזיר־האָר.

אין שמולעוויזנע אַזוי ווי אין גאַנץ מעזריטש, איז אַזאַ דאַרעניש און הוילקייט, אַז איר זעט דאָ כמעט אין ערגעץ נישט קיין שפּור פון אַ בוים, פון אַ גראָז, נאָר אין איין געסל, אין אַ ווינקל, שטייען באַהאַלטן, — ווי מורא האָבנדיק פאַרן שיין, פאַר אַן „עין הרע“ — אַ פּאָר ביימלעך.

פון וואַנען און ווי אַזוי קומען זיי אַהער ווייסט מען נישט. שמולעוויזנע איז אָבער אַזוי נתפּעל פון די דאָזיקע פּאָר ביימלעך, אַז זי האָט מיט גאווה אַ נאָמען געגעבן דאָס געסל „סאַדאָווע“ — גאַרטן־גאַס הייסט עס.

ווען איך זאָג אין מעזריטש איז נישטאָ קיין שפּור פון אַ בוים און

אַ גרעזל, מיין איך אין ענגן קרומען שטח פון שטעטל גופא. אָבער וואַרפט נאָר אַ קוק אַריבער דעם תחום פון שטעטל, רעכטס און לינקס, זעט איר פוןביידע זייטן ברייטע לאַנקעס ציען זיך אָן אַ סוף״.

:: :: ::

שמולעוויזנע האָט זיך אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן קנאַפּ וואָס געענדערט. צו די זומפּן אַרום, האָט קיינמאָל קיין סוף נישט געוזומען. די קאַנאַלן האָבן תמיד פול געמאַכט מיט בלאָטעס די געבויגענע שטיבלעך. די נעץ פלעגט אין יענע שטיבלעך גאָר גיך אויפעסן די פּאָלן, אַזוי אַז קליינע קינדער פלעגן זיך ס׳רוב האָדעווען אין הענג־וויגלעך.

לויטן מאַגיסטראַט, איז שמולעוויזנע געווען בלויז אַ פּירקאַנטיקע ברייטע קורצע גאַס. די פּאָר צענדליק שמאָלע און לאַנגע געסלעך אַרום, האָבן זיך אָבער ניט געלאָזט אָפּטיילן פון שמולעוויזנע.

..די גאַנצע געגנט איז געווען פעסט פאַרבונדן און האָט געהאַט דעם זעלבן אויסזען. ס׳רוב זיינען דאָרט געווען ענגע, הילצערנע קליינע שטיבלעך, דירות וואָס זיינען איבערגעגאַנגען בירושה, אָדער וואָס טיילן פון זיי, זיינען געגעבן געוואָרן די טעכטער אַלס נדנען.

שמולעוויזנע מיט אַלע אירע געסלעך, זיינען געווען אָנגעפּראָפּט מיט אידן. די שכנים האָבן זיך דאָרט געפילט היימיש, ווי נאָענטע משפחה. זומער זיינען די טירן פון איין שטוב אין דער אַנדערער געווען אָפן. באַלעבאָסטעס האָבן געבאָרגט איינע ביי די אַנדערע אַביסל זאַלץ, אַ פּאָר ציבלקעס, קאַרטאָפלעס און אַמאָל אַפילו אַ קיגעלע פּאָר דער „פערל־קאשע״ אויך.

האָבן טאַטע־מאַמע עפּעס געהאַט צו שטראָפן זייערס אַ קינד, האָבן אַלע געהערט און געוואוסט. האָט אַ חתן אָנגעהויבן אַריינקומען אין שטוב אַריין, האָט דאָס גאַנצע געסל געוואוסט און טשעקאַווע אידענעס פלעגן גלייך אַריינגיין באָרגן אַ גלאָז, אָדער אַ טעפּל, כדי צו זען דעם חתן. האָט אַ איד פּרייטיק־צונאַכטס געמאַכט קידוש, האָט מען עס גע־הערט אין גאַנצן געסל. מ׳האָט אַפילו געשמעקט פונעם ריח, וואָס האָט

זיך געטראָגן פון יענעמס געקאָכטע און געפּרעגלטע עסנס. און פלעגט קר־מען צו אַ חתונה איז שמולעוויזנע געגאַנגען כאַדראַם. דאָס גאַנצע געסל, אַלע שכנים זיינען געווען מחותנים, און היות די וואוינונג ביי דער כלהס עלטערן איז געווען צו קליין, האָט מען די געסט אויפגענומען אין די שטיבלעך פון גאַנצן געסל. און אויב אידן אין געסל האָבן אַ פּאָר נעכט זיך געדאַרפט צומאַטערן מיט זוכן אַן אָרט, וואו צו שלאָפן, האָט עס אויך ניט געשטערט. דער עיקר: די פרייד איז געווען אַ גאַנצע, אַ געזונטע.

די טאַטעס אין טאַטישע היטעלעך, לאַנגע קאַפּאָטעס און שטיוול, האָבן געטאַנצט פאַר פרייד. די מאַמעס פון געסל, אויסגעפּוצט אין האַלב־זיידענע קליידער און מיט קאַרבירטע שייטלעך אויף די קעפּ, האָבן זיך שטאַרק משמח געווען. פאַרטיילן אַ גאַסט אַ שטיקל לעקעך, אָדער אַ גלעזעלע בראָנפן איז געווען אַ גרויס אומגליק.

פריער מענדל קלעזמער און שפּעטער יאַנטשע מיט „משה צאַרי־צינער" האָבן אָפּגעשפּילט די שטיק און נאָך דעם, האָט מען געפירט די טענץ. פּסח סאָקאָלאָווער און „מאַצעלע" פלעגן אויספירן אַ „שער" דורך גאַסן און געסלעך און לעמל, אָדער דער סאַרווער „משה קלאָפּ" פלעגט פון „זילבערנע" טאַצן טיילן כיבוד די געסט.

פון הכנסת־כלה פלעגן קומען „פאַרשטעלטע" און אויף שטום־לשון זאַמלען געלט אויף יעדער חתונה. די מאַסקעס אויף זייערע פּנימער, פלעגן אָבער אָניאָגן אַ שרעק אויף די קליינע קינדער.

:: :: ::

שמולעוויזנע מיט די אַלע צענדליקער אָרומיקע גאַסן און געסלעך, איז געווען איין קנויל.

אין טעג פון סיים־וואַלן, אָדער וואַלן צום שטאָט־ראַט און קהילה — ווען פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען האָבן אויף שמולעוויזנע דורכגעפירט מי־טינגען אונטערן פרייען הימל, האָבן די רעדנער געמוזט אָרויפקריכן אויף אַ „וואָזשעוואָדע", (ברייטער וואָגן), ווייל גאַנץ שמולעוויזנע, האָט קיין איין באַלקאָן ניט געהאַט. און ווען אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה, האָט ישראל חיים דער בעדנער געמאַכט אַ הילצער־

נעם באַלקאָן צו זיין נייער שטוב, האָט דאָס שטעטל גערעדט און גע־שמייכלט.

אויף די „וואָזשעוואָדעס״ האָבן מאַמעס אויף פאַרשפּילט זייערע קינדער און פּאַר דער טיר פלעגן אידענעס זיצן און שטריקן זאָקן, קלויבן שטריקלעך און אויף אַריינכאַפּן אַביסל וואָרמס. . .

די געסלעך זיינען פול געווען מיט יוגנט און פון אַלע שטובן פלעגט זיך טראָגן אַ געזאַנג, ליבע־לידער, רעוואָלוציאָנערע לידער, פאָלקס־לי־דער. פון די שטובן זיינען אַרויסגעקומען איבערגעגעבענע פּראָלעטאַרי־שע קעמפער. און ווען אין שטעטל פלעגן פאָרקומען פּאָליטישע קאַמפן, האָט די גאַנצע באַפעלקערונג פון יענער געגנט, וואָס איז באַשטאַנען פון בלויז אידן, זיך שטאַרק פאַרמאָסטן.

שמולעוויזנע איז געווען ענג, געדיכט מיט קינדער און מיט עכט אידיש פאָלקס־לעבן.

— גיי אַביסל אַרויס פון שטוב — האָבן זיך אַ סך מאַמעס גע־בעטן ביי זייערע קינדער. און געהייסן האָט מען די קינדער אַוועקגיין, ווייל אין שטוב איז ניט געווען וואו זיך אַ ריר צו טון. אויף שמולעוויזנע איז אייגנטלעך ניט געווען קיין ליידיקע שטוב, און ליידיקע „סאַלעס״ זיינען איבערהויפּט דאָרט ניט געווען. און אויב אייניקע האָבן יאָ גע־האָט „סאַלעס״, איז דאָרט פון צייט צו צייט געשטאַנען אַ פּאָר קעסטלעך פּאַרטיק חזיר־האָר.

ס׳רוב פלעגט מען דאָרט וואוינען אין איין שטוב מיט אַ קליינער קיך. בלויז יחידים האָבן אויך געהאַט אַן „אַלקיר״, וואו די בעטן פון טאַטע־מאַמע פלעגן שטיין אין דער לענג. ביינאַכט פלעגט מען פאַר די גרעסערע קינדער אויפשטעלן אייזערנע בעטלעך, „סאָפקעס״ צי גאָר אויסבעטן אַ כלה־מיידל אויף שטולן.

שמולעוויזנע איז אָבער פול געווען מיט הומאָר און מיט זייער פיל גלייכווערטלעך אין „פריידן און אין ליידן״. מער, ווי אידיש האָט מען דאָרט ניט גערעדט. און אַז עס פלעגט אַמאָל קומען אַ מאַגיסטראַט באַאַמ־

טער, אָדער אַ פּאָליציי־מאַן, האָבן פיל פון עלטערן דור, געבוירענע און דערצויגענע אין שטעטל, לגמרי ניט געוואוסט, וואָס מ׳רעדט צו זיי. דער־פאַר האָבן אָבער די קינדער, שוין געקאָנט ריידן און שרייבן פּויליש, ווייל שיקן די קינדער אין אַ שול אַריין, איז געוואָרן אַ מוז.

שמולעוויזנע, אייז פון אַלע זייטן געווען דורכגענומען מיט אַרבעט. אפילו די הונדערטער מיידלעך, די קלויבערנס פון חזיר־האָר האָבן געזונ־גען פון אַרבעט:

„איך ליב די אַרבעט אָן אַ שיעור,
איך בין אַ פריינט צו איר
און שטענדיק מונטער,
און שטענדיק מונטער,
די אַרבעט מאַכט מיין גייסט געזונטער״.

יעדער אַרבעטערן האָט אָבער געפירט איר אייגן לעבן און געחלומט אירע אייגענע חלומות.

אַן אַלט־פאַרזעסענע וועש־נייטערקע, פלעגט נייען די ציכן פאַר כלות פון שטעטל און זינגען: „ליובטשו דו ליגסט מיר אין זינען״. צינע „באַק״, וואָס האָט געדאַרפט אויסהאַלטן אַ קראַנקע מוטער, פלעגט שטעפן די מאַנטלען און ניט מיד ווערן צו זינגען:

„און מיין לעבן איז געגליכן,
צו אַ לאָמפּ מיט ווייניק גאַפט:
ווערן ווערט ער נישט פאַרלאָשן
ברענען האָט ער נישט קיין קראַפט!...״ ..

ביי די טישן פון די קלויבערנס פלעגן אויסגעזונגען ווערן הונ־דערטער אידישע לידער און פאָלקס־לידער.

אַמאָל פלעגט אַ קלויבערן אָנהויבן איר געזאַנג פון:

„אַ הערבסט נאַכט אַ קילע,
צווישן בוימעלעך פילע

פאַרוואָלקנט דער הימל,
באַדעקט די נאַכט.
דאָרט שטייען צוויי פאַרליבטע,
פאַרטראַכט און באַטריבטע,
די אויגן פאַרחלומט
פון טרערן גאַנץ פייכט.״

אַ צווייטע האָט געזונגען:

„און זאָל ווי ווייט
נאָך זיין די צייט
פון ליבע און פון שלום; ..
דאָך קומען וועט,
צו פרי צו שפּעט
די צייט — עס איז קיין חלום!״

און אַ דריטע, האָט גאָר איבערגעשלאָגן מיט אַ האַרץ־דרייסנדיקן ניגון אויסשרייענדיק:

„מ׳טאָר צו קיין איינעם געהערן,
מ׳האָט מיר געלערנט זיין פריי.
אַזוי ווי די ליליען און ראָזן,
זיינען פאַר אַלעמען אָפן אין מאַי״.

ביי די טישן פלעגט אויך גערעדט ווערן וועגן פּאָליטיק, פון פאַריין, וואָס ס׳הערט זיך אין שטעטל, ווער מיט וועמען ס׳האָט חתונה און וואָס פאַר אַ „פראַלעטאַריש אינגל״ עס גייט אין די רייכע הייזער אריין. כדי צו וויסן דעם סוף פון אַ ראָמאַן, וואָס עס האָט זיך געדרוקט אין אַ וואַר־שעווער צייטונג, איז נעבע דעם בעקערס גרייט געווען צו באַצאָלן מיט אַ האַלבע וואָך אַרבעטס־געלט.

טויזנט און טויזנטער אידן האָבן מיט ווייב און קינדער געלעבט און געאַרבעט און געשאַפן אויף שמולעוויזנע, אָבער אין די פרייע שעהן, אין די שבתים און יום־טובים, האָבן אַלע געצויגן צו די „בריקן״, אויף לובלינער גאַס.

כמעט אין אַלע שטובן, זיינען איבער די טירן געהאנגען שענקלעך מיט ספרים. שפּעטער איז אין אַלע שטובן צוגעקומען אידישע ביכער, בראָשורן און צייטונגען לעגאַלע, ווי אומלעגאַלע. און ווען עס האָט זיך געשאַפן די „גראָסער ביבליאָטעק“, האָט שמולעוויזנע צושטייער געגעבן די גרעסטע צאָל אידישע ביכער. געווען אַפילו אַן אָרימער בערשטעראַרבעטער: משה פּעכנע, וואָס ווען מאָריס ראָזנפעלד איז געשטאָרבן, האָט ער זיך געריסן קריעה און אַ פּאָר צענדליק אידישע ביכער האָט ער אוועקגעגעבן אין דער אַרבעטער ביבליאָטעק אויף מאָריס ראָזנפעלדס נאָמען.

.. היינט זיינען די גאַסן אין שטעטל וויסט און פּוסט און די געזונטע לעבנסלוסטיקע אידן — אויסגעמאָרדעט.

ריידנס־אַרט און צונעמענישן

דער ריידנס־אַרט אין מעזריטש, איז געווען גאַנץ אַנדערש, ווי אין די שכינותדיקע שטעטלעך. שטעטלעך, וואָס זיינען געלעגן אַ פּאָר און צוואַנציק קילאָמעטער פון מעזריטש, ווי צום ביישפּיל: ראַדזין און ליי־קעווע (אויפן לובלינער וועג), האָבן שוין גערעדט אַנדערש.

מעזריטש האָט געזאָגט: איך און ראַדזין יאַך. מעזריטש האָט גע־זאָגט איר און לוקאָוו עטס (איר). מעזריטש האָט געזאָגט וואוס (וואָס) און לוקאָוו און ראַדזין האָבן געזאָגט וואועס. מעזריטש האָט געזאָגט: איאַ אַט (ניט געקאָנט אַרויסברענגען אַ ה) (איר האָט), ראַדזין און לו־קאָוו פלעגן זאָגן: צ׳האָט.

אין מעזריטש פלעגט מען זאָגן מיאַ, דיאַ (מיר, דיר), פּיטאַ (פּו־טער), ציקאַ (צוקער), חאַזאַ הואַ (חזיר־האָר), וואַסאַ (וואַסער), מילאַך (מילך), גיט (גוט), דער בלעכאַ (בלעכער), דער ביידאַ (בעדער), דער מאַלאַ, (מאַליער). אַז אַ מעזריטשער בערשטער איז אַמאָל אַוועקגעפאָרן אויף אַ לענגערער צייט קיין ווילנע, און האָט צוריקקומענדיק אין שטעטל געזאָגט צו דער מאַמען זיינער: — גיב מיר אַ גלאַז מילך, האָט דאָס שטעטל אַט דעם זאָג ניט געקאָנט פאַרגעסן און פון דעם אַרט ריידן, געמאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער. ווייל אין מעזריטש, האָט מען נישט געזאָגט מילך, נאָר מילאַך, מעזריטש האָט נישט געזאָגט גלאָז, נאָר גלוס.

אין שטעטל האָט געוואוינט אַ איד אַ קאַמאַשנשטעפּער, וואָס האָט געשטאַמט פון סואוואַלק, האָט מען אים גערופן דער „לוטוואַק״ און אַלע

האָבן געוואָלט נאָכמאַכן, ווי אַזוי ער רעדט. די „געלע ברײנע" האָט דער־צײלט, אַז זי אַלײן האָט געהערט, אַז דער „לוטוואַק" זאָגט ניט וואַש־שיסל, נאָר „וואַש־שוסל".

דאַקעגן די שטעטלעך, וואָס זײַנען געלעגן אויפן וועג קײן בריסק, ווי למשל, ביאַלע, האָט גערעדט אַזוי ווי מ'רעדט אין מעזריטש, נאָר מיט אײן אונטערשײד: מעזריטש פלעגט זאָגן: דער קאָפּ, דער בויך און ביאַ־לע פלעגט זאָגן: די קאָפּ, די בויך. און אויף קוכן האָט ביאַלע טאַקע גע־זאָגט קוכן און מעזריטש פלעגט זאָגן קיכו (קוכן).

ווען עס פלעגן זיך צוזאַמענטרעפן מעזריטשער מיט ראַדזינער, איז לויט דעם אַרט רײדן פון די אידן, פון אַט די בײדע שטעטלעך, האָט זיך אַ זײטיקן געקאָנט אויסווײזן, אַז דאָס רײדן אידן ניט פון צוויי שטעט־לעך, וואָס ליגן כמעט געאַרעמט אײנס מיט דעם צווײטן, נאָר אַז דאָ האָבן זיך באַגעגנט אידן פון צוויי ווײטע לענדער.

און קומען פלעגן די מעזריטשער קײן ראַדזין מאַסנווײז יעדן נאָך סוכות, ווײל דאַן זײַנען די יונגע לײט געשטאַנען צום פּריזיוו. און אַזוי ווי ראַדזין האָט געהאַט דעם „פּאַוויאַט", האָבן מעזריטשער פּריזיוווניקעס צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע זיך געלאָזט קײן ראַדזין. קומענדיק פון ראַד־זין, האָט זיך קײנער ניט געקאָנט אָפּוואונדערן, ווי אַנדערש מ'רעדט דאָרט — עפּעס אַזוי פאַרצויגן, זינגענדיק. און דערבײ האָט זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן אַרײן דער אונטערשײד אין דער הלבשה.

עלטערע אידענעס פלעגן דאָרטן אַרומגײן אין קאָלירטע „קופּקעס" אויף די קעפּ, און אין ברײטע אַלטמאָדישע קרינאָלינע־קלײדער. די יונגע לײט זײַנען סרוב געגאַנגען לאַנגע קאַפּאָטעס און „טאַטישע היטעלעך".

אין מעזריטש האָט מען זעלטן ווען געזען אידענעס מיט „קופּקעס". און די בחורים זײַנען אַלע געגאַנגען קורץ געקלײדעט. בלויז די חסידישע אינגלעך פלעגן גײן מיט לאַנגע „מעלאַנשענע" קאַפּאָטקעלעך און אַכט־קאַנטיקע טיפּע „קעפּקעס".

מיט אַ פופצן יאָר צוריק, האָט זיך ערשט די הלבשה פון די אַנ־

דערע שטעטלעך אויסגעגלייכט מיט מעזריטש, געוואָרן מאָדערן און גע־נייט מענער־אנצוגן און מאַנטלען לויט מאָדע־זשורנאַלן.

די ערשטע מאָדעס אין שטעטל אַריין האָבן געבראַכט די סוחרישע קינדער, וואָס פלעגן פאָרן קיין וואַרשע און זיך אויפגעניית מלבושים פון „פאַריזער מאָדע זשורנאַלן". יעדן ערב סעזאָן פלעגן דעריבער די פיר באַרימטע דאַמסקע שניידער: „יאָסעלע שניידער", „יאַנקל משה נטעס", „אברהמעלע זאַקעוואַלער" און „אברהם קרופניק" פאָרן קיין וואַרשע נאָך „מאָדעליאַ".

בעת אַ שפּאַציר אין אַ שבת, אָדער יום־טוב בייטאָג אויף די הויפּט־גאסן: פון „וואַרשעווער" ביזן „ראַדזינער שאָסיי", האָט דאָס גאַנצע שטעטל געשעפּט נחת פון דעם „איידעלן געשמאַק", „מאָדעלער" און צו־געקליבענע קאָלירן פון די פרויען און מענער מלבושים. דערביי פלעגט מען אָבער פון די געסלעך אַרויס, וואָס האָבן זיך געצויגן אין דער לענג פון „שפּאַציר" — תמיד, די שפּאַצירנדיקע אָנרופן ניט מיט זייער פאַמי־ליע־נאָמען, נאָר מיטן צונאָמען, וואָס זיי האָבן געירשהט פון זייערע על־טערן, אָדער פון באָבע־זיידע.

— זע נאָר, זע נאָר — פלעגן אייניקע אָנווייזן מיטן פינגער, ווי בערל „קאקס" טאָכטער, האָט זיך עס „פאַרסטרויעט" (פאַרפּוצט).

— משה „שטינקערס" שוועסטער מיינט אוודאי, אַז זי איז כראָביע פּאָטאָצקיס אַן אייניקל.

ניט בלויז די צוויי מיידלעך אַליין האָבן געהאַט צונעמענישן. עס איז כמעט ניט געווען קיין פאַמיליע אין שטעטל, וואָס האָט ניט געהאַט קיין צונאָמען. און קוים האָט דאָס שטעטל וועמען צוגעקלעפּט אַ צונאָ־מען, האָט ער זיך שוין פון אים ניט אַרויסגעדרייט...

אַ גליק האָבן געהאַט די, וואָס מ'האָט זיי גערופן אויפן טאַטנס נאָ־מען, צי לויט דעם טאַטנס פּראָפעסיע: „חיים יאַנקל הערשל בראַקירערס", „ידידיה פישל פאַרבערס", „אברהם לייב באַגרעבערס", „אבא שמער־קעס", „משה דעם הויכנס", „בערל דעם לאַנגנס", צי גאָר „יעקב דער טויטער".

געווען צונעמענישן, וואָס פלעגן פאַרשאַפן אַ סך ווייטיק: „לייביש־קע פישאַ" (פישער), „הערשל דופּע", „לייבל זוד", „העניעלע קאַפּ־טר כעס", „קיילע ציצקע־קנאַבל", „פראַים קוטיע", „פוליע פלאַקן", „חנאַ טרויער", „דוד קאַזולע", „שעפּסל ביק", „דוד האַניק־טייגל", „מנשה קאַזע", „בערל זאַק", „משה קישקע", „הערשל פידעלע", „שלמה ראַצאַ", „שמעון יעקב פלייט", „זיסקינד קיבל", „איצל גאַב", „לייזער לאַכטשע", „מלך קאַבעלע", „חיים קעצעלע", „געדאַליע בייטש", „שמיליע דריאַן", „אַלקעלע שניידער", „מאיר מעקע", „הערצקע דער ילד", „מענדעלע פּאַרצעיאַנער", „סאַנע ברויט", „חנאַ פּלאַכטע", „אסתר די וואַליע", „אברהמעלע קילע", „משה שליאַך", „זלמן כאַנטיק", „אייזיק קראַצדופּע", „דוד נידזשאַטע" און „יצחק זשאַמבע".

געווען אַפילו צונעמענישן, וואָס האָבן געהאַט צו טון מיט פּאָליציי און מיליטער: „ברוך זעלנער", „סנדר סטאַרשע", „משהלע זוואַדנער", „חיים ראַטנער קאָמאַנדיר" און „בערל פּאַלקאָווניק".

אין שטעטל זיינען געווען לצים, וואָס פלעגן פון די צונעמענישן צו־זאַמענשטעלן „גאַנצע וועלטן" און „געריכטסן". די, וואָס פלעגן אויסרע־בענען די צונעמען פון שטעטל, פלעגן פשוט מיד ווערן, ווייל צווישן די קרוב פערצן טויזנט אידן, וואָס האָבן אין 1939, געלעבט אין מעזריטש, האָבן טויזנטער פון זיי, אַ חוץ זייערע נעמען און פאַמיליע נעמען אויך געהאַט צונעמענישן, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען פון דור צו דור.

ערב סעפּטעמבער 1939

אידן אין פּוילן האָט אָנגהויבן זיין זייער ביטער. מ׳האָט פּשוט פון זיי געשינדן די הויט.

— וואָס וועט זיין, וואָס וועט זיין — האָבן אידן געבראָכן די הענט און געקרעכצט: די עקזעקוטאָרן האָבן באַקומען רעכט צו באַזוכן די קעשענעס פון די שטייער־צאָלער. מ׳האָט זיך דעריבער גערעכט, אַז פּאַר מלוכה און מאַגיסטראַט שטייערן, וועט מען בקרוב שוין אָפּירנעמען אַפילו די לעצטע קישן פון צוקאָפּנס.

פריער, מיט יאָרן צוריק, ווען מיניסטער גראַבסקיס שטייערן־שרויף, האָט געפּרעסט, איז נאָך געווען ביי וואָס צו פאַרדינען. נאָך 1937, האָט מען די אידן אין פּוילן געטריבן הן מיט גזירות הן מיט שטעקנס. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז אַפילו חיים זעליק סלאָנימסקיס געשמדט אייניקל, דער „הייליקער אַנטאָני״, דער פּאָעט און רעדאַקטאָר פון דער פּויליש־סטער ליטעראַרישער וואָכנשריפט אין וואַרשע „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקיע״ האָט געשריבן:

„ס׳איז מיר אומעטיק גאָט צו שרייבן אין אַ שפּראַך, אין וועלכער מ׳שעלט מיך״.

דער פּוילישער מיניסטער סקלאַדקאָווסקי, האָט אין סיים געגעבן זיין הסכמה אַרויסצורייסן ביי די אידן דעם ביסן ברויט פון די מיילער.

פוילישע „ענדעקעס" מיט זייערע פרויען, רעאַקציאָנערע סטודענטן, די „גרינע בענדלעך", האָבן געשלאָגן און געהרגעט אידישע דורכגייער און ניט געלאָזט אַריינגיין קיין פוילישע קונים אין אידישע געוועלבן.

שפּעטער איז געקומען דער הויפּט־פירער פון דער רעגירונג און האָט געגעבן זיין צושטימונג צו דעם אַלעם.

— עקאָנאָמישער טעראָר — האָט דער פּרעמיער מיניסטער סקלאַד־קאָווסקי געזאָגט — „אָווש‏עם", מהיכי תיתי, איר מעגט בויקאָטירן אידן. האָט זיך טאַקע באַלד נאָך דעם אָנגעהויבן אַ מוראדיקע בלוטיקע קאַמ־פּאַניע קעגן אידן אין פּוילן.

די נייעס וועגן פּאָגראָם אויף די אידן אין שטעטל: פּשיטיק, האָט אָנגעיאָגט אַ שרעק. נאָך דעם איז געקומען דער פּאָגראָם אין בריסק.

די שטאָט בריסק, וואָס ליגט 41 קילאָמעטער פון מעזריטש, איז פּאָגראָמירט געוואָרן פון די פּאָליאַקן און אין יענע טעג, איז אַ מורא־דיקע פּאַניק באַפאַלן דאָס שטעטל.

עס האָט ניט געדויערט לאַנג און צוויי יונגע אידישע סטודענטן, זיינען צוריקגעקומען פון וואַרשע אין שטעטל אַריין מיט פאַרבונדענע קעפּ, דערציילנדיק, אַז פוילישע סטודענטן פון יורידישן פאַקולטעט, האָבן זיי פאַרוואונדעט.

ווי נאָר די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָבן אידן אין שטעטל מורא גע־האָט זיך צו ווייזן אין גאַס... פונדעסטוועגן, האָט דאָס שטעטל דורכגע־פירט אַ פּראָטעסט־שטרייק קעגן די בריסקער פּאָגראָמשטשיקעס און טויזנ־טער אידן זיינען אַרויס איבער די גאַסן.

אידישע קראָמען האָבן זיך אָבער ביסלעכווייז געשלאָסן, ווייל דאָס לעצטע ביסל פאַרמעג האָט מען צוגענומען פאַר שטייערן און די שטאָ־טישע אידישע יאַטקעס, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בית־עולם.

די קצבים, די העקער און שינדער האָבן זיך אַרומגעדרייט ליידיק און ניט געוואוסט, וואָס זיי זאָלן אָנהויבן טון. די פוילישע רעגירונג האָט

פארבאָטן אידישע שחיטה, איז אַרומגעגאַנגען גיטל די קצבטע און האָט געשאָלטן:

— אַ מכה זיי, וועל איך נאָך פינף און דרייסיק יאָר זיין קצבטע, אָנהויבן האַנדלען מיט „קאָלבאַס״!

די הינט, וואָס פלעגן תמיד היטן די אידישע יאַטקעס, זיינען געלעגן פאַר די טירן און ניט באַקומען צוגעוואָרפן קיין „זשארקע״ פלייש. די פערציק אידישע קצבים פון שטעטל, די צען שעכט־הויז אַרבעטער און 30 אידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט לעבעדיקע רינדער — ביי זיי אַלע האָט די שחיטה־גזירה אינגאַנצן צוגענומען די פרנסה.

פון מאַגיסטראַט האָט מען אָפּגעזאָגט דעם איינציקן אידישן אָנגע־שטעלטן: יאָסל פּיזמאַנטיר, וואָס פלעגט פירן די איינשרייב־ביכער. פון די זיבעצן אידישע און זיבן פוילישע ראַטמענער אין שטאָט־ראַט, זיינען געוואָרן צען אידישע ראַטמענער און פערצן פוילישע.

אין אַ בריוו פון שטעטל פון 19־טן אויגוסט 1938, קיין ב. איירעס, שרייבט לייזער בעקערס זון:

„דער היטלער סם האָט אָנגעיאָגט קיין מעזריטש און די אַטמאָספער איז זייער שטיקנד.

„היינט בייצווזיין אונזערס אַ שטאָט־ראַט זיצונג איז אַ מוראדיקע פיין. פאַר אידישע אינסטיטוציעס האָבן די פוילישע ראַטמענער אויסגע־שטראָכן אַלע פּאָזיציעס. יעדע זיצונג קאָסט בלוט״.

„די פּאָליאַקן שענדן און רויבן אונז אין מיטן העלן טאָג. פאַרן מינ־דעסטן שאַרף וואָרט קעגן זיי, דראָעט מען מיטן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין בערעזע״.

„וועסטעלע שניידערס״ זון, דער סעקרעטאַר פון „בערשטער אַרבע־טער פאַריין״, וואָס האָט פאַרנומען דעם אַמט פון קהילה־פּרעזידענט אין שטעטל, האָט אין נאָמען פון דער בונדישער פראַקציע אַריינגעטראָגן פּראָ־טעסט רעזאָלוציעס קעגן דער פוילישער רעגירונג און דערביי אויך ניט פאַרגעסן אין רעוואָלוציאָנערן שפּאַניע, וואָס האָט אַזוי מוטיק געקעמפט.

פיל, פיל אידן פון שטעטל און דער עיקר: די יוגנט האט געזוכט זיך ארויסצורייסן פון דארטן. מ׳האט געשריבן צו פאמיליע אין אלע עקן וועלט. די מעגלעכקייט צו פארדינען איז אין שטעטל אונטערגעשניטן געווארן און דאס אידישע לעבן האט אנגעהויבן איינפאלן.

די בערשטער זיינען געווארן ארבעטלאז און דאס גאנצע שטעטל האט אנגעהויבן אויסגיין, ווי א ליכט.

אין יאנואר 1939, האט א ספעציעל געשאפענער אידישער הילפס־קאמיטעט פארטיילט הילף פאר מער ווי 100 אידישע פאמיליעס. ווען עס איז אבער פראקלאמירט געווארן א קאמפיין פאר די אידישע פליטים, וואס זיינען ארייגעטריבן געווארן אין לאגער אין זבאנשין, האט דאס שטעטל אנגעהויבן אן אקציע.

קיין סך געלט איז ניט געשאפן געווארן, אבער מלבושים, וועש און שיך האט כמעט יעדע אידישע פאמיליע צוגעשטעלט. און ווען מ׳האט די קאסטנס מיט מלבושים און וועש ארויסגעפירט פון שטעטל, זיינען הונדערטער אידן נאכגעגאנגען, ווי מ׳גייט ביי א לוויה, און ווייבער האבן יאמערלעך געוויינט.

אין א פאר חדשים ארום, האט דאס שטאטישע בלעטל: „פאדליאשער צייטונג״ געשריבן: „אז בלוטיקע הימלען הענגען איבער אונזערע קעפ״.

און ווירקלעך איז די וועלט־מלחמה, וואס האט זיך אנגעהויבן אין סעפטעמבער 1939, שוין געשטאנען אויף דער שוועל פון פוילן.

די ווארשעווער „נייע פאלקס־צייטונג״ פון שבת דעם 26־טן אויגוסט 1939, ברענגט פאלגנדיקן הויפט־קאפ:

„דייטשע אנפאלן אויף דער פוילישער גרענעץ״. נאך דעם קומט א טעלעגראמע פון דער „פוילישער טעלעגראפן אגענטור״ (פאט), וואס זאגט צווישן אנדערס:

„פרייטיק 11 מיט 50 מינוט און האלב 1 בייטאג, האבן אויף דער

פויליש־דייטשער גרענעץ אין שמינע און כוואַלענטשיצע זיך באַוויזן 2 דייטשע באַנדעס אין אַ צאָל פון 50 און הונדערט מאַן. זיי האָבן געדיכם באַשאָסן די בנינים. הינטער זיי זיינען געשטאַנען 2 שווערע מיליטערישע קוילנוואַרפערס, וועלכע זיינען ביז איצט נישט צוגעטרעטן צו דער אַק־ציע״.

ווייטער קומט אַ דעפעשע פון פרעזידענט רוזוועלט צום פוילישן מלוכה־פרעזידענט, וואָס זאָגט: (פאַט) „דער פרעזידענט פון דער פויליר־שער רעפובליק האָט דערהאַלטן פאָלגנדיקע דעפעשע פון פרעזידענט פון די פאַרייניקטע שטאַטן פראַנקלין רוזוועלט:

„זיין עקסעלענץ איגנאַצי מאָשציצקי, פרעזידענט פון דער פוילישער רעפובליק.

„דער באַשיינפערלעכער ערנסט פון עקזיסטירנדיקן קריזיס לייגט אַרויף איילִיק אַ פליכט אויף אַלע צו באַהאַנדלען אַלע מעגלעכע מיטלען, וועלכע וואָלטן געקענט אויסמיידן אַן אויסברוך פון אַן אַלגעמיינער מלחמה.

„האָבנדיק דאָס אַלס ציל, האָלט איך זיך פאַר באַרעכטיקט פאָרצו־שלאָגן געוויסע מעגלעכע מיטלען צו לייזן דעם סיכסוך.

„1) דער סיכסוך צווישן פוילן און דייטשלאַנד קען זיין אַ קעגנ־שטאַנד פון אַ דירעקטער דיסקוסיע צווישןביידע מלוכות.

„2) ווען דאָס זאָל זיך אַרויסווייזן פאַר נישט מעגלעך, אָדער נישט אויספירבאַר, וואָלט געווען אַ צווייט מיטל — איבערצוגעבן די שטרייט־פראַגן צו אַן אַרביטראַזש.

„אַ דריט מיטל וואָלט געקענט זיין — אַ פאַרמיטלונג פון דריטן נישט פאַראינטערעסירטן פאַקטאָר. אין דעם פאַל וואָלט געווען פאַסיק, אַז די צדדים זאָלן געניסן פון איינער פון די טראַדיציאָנעל נייטראַלע מלוכות, אָדער פון אַ נישט פאַראינטערעסירטער רעפובליק פון אַמעריקאַנער קאָנ־טינענט.

„ווען איר וואָלט באַשלאָסן צו פּרואוון לייזן די פראַגע דורך איי־נעם פון די דריי אופנים, קענט איר רעכענען אויף דערווירקלעכער פול־שטענדיקער סימפּאַטיע פון אַמעריקע און פון אַמעריקאַנער פאָלק ביים באַהאַנדלען די פראַגע. איך אַפּעליר צו אייך, פּונקט ווי כ'האָב אַפּעלירט צו דער דייטשער רעגירונג, וועגן אַ הסכם אויף אָפּצוהאַלטן זיך פון יעט־וועדן קאָנקרעטן פיינטלעכן אַקט.

„צוליב דעם וואָס פּוילן, פּונקט ווי דייטשלאַנד, זיינען סואווערענע מלוכות, איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין פאַל פון אויסקלויבן איינעם פון די פאָרגעלייגטע דריי אופנים, וועלן ביידע פעלקער מסכים זיין פול־שטענדיק צו שאַנעווען די אומאָפּהענגיקייט און טעריטאָריעלע גאַנצקייט פון צווייטן צד.

„עס איז אייך גוט באַוואוסט, אַז ריידנדיק אין נאָמען פון די פאַ־רייניקטע שטאַטן, האָב איך אויסגענוצט און וועל אויך ווייטער אויסנוצן יעדן איינפלוס לטובת דעם שלום.

„די ברייטע פאָלקס־מאַסן פון אַלע פעלקער, גרויסע און קליינע ווילן שלום. זיי זוכן ניט קיין מלחמה דערגרייכונגען. זיי אַנערקענען, אַז סיכ־סוכים, פּרעטענזיעס און קאָנטער־פּרעטענזיעס, וועלן תמיד אַנטשטיין פון צייט צו צייט צווישן פעלקער. זיי האַלטן אָבער, אַז אַלע אַזעלכע אָן אויסנאַם קאָנפליקטן קענען געלייזט ווערן דורך אַ שלום פּראָצעדור, אויב ביי ביידע צדדים איז דאָ דער גוטער ווילן.

„אין ענלעכע ווענדונג האָב איך אַרויסגעשיקט צום קאַנצלער היט־לער".

אַביסל ווייטער ברענגט די צייטונג פאָלגנדע ידיעות:

„50 טויזנט איטאַליענער דערקלערן גרייטקייט צו קעמפן ביי דער זייט פון דער פראַנצויזישער אַרמיי".

„פּוילישע באַן־אַרבעטער זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין דאַנציג".

„הייגט וועט אונטערגעשריבן ווערן אין לאָנדאָן דער דויערהאַפטער

אָפּמאַך וועגן פויליש־ענגלישן בונד״ און „אַז די מאָביליזאַציע פון פראַנ־צויזישן פלאַט איז פאַרענדיקט״.

און איצט וואָס דערציילט די „נייע פאָלקס־צייטונג״ פון שבת דעם 26־טן אויגוסט 1939, פון אידישן פראָנט?

„די איינשרייבונגען אין די אידיש־וועלטלעכע שולן קומען פאָר״. אין טעאַטער „נאָוואָשטשי״ אויף ביעלאַנסקי 5 אין וואַרשע, שפּילט דער אידישער קונסט טעאַטער „וויקט״ אונטער דער לייטונג פון זיגמונט טור־קאָוו א. גאָלדפאַדנס „שולמית״.

„וואַרשע גרייט צו גראָבן שוץ־גריבער קעגן לופט אַנגריפן״

„דאָנערשטיק ביינאַכט איז געוואָרן געשלאָסן דער 21־טער ציוניס־טישער קאָנגרעס. דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וועלכע זאָגט זיך אָרויס קעגן דעם „ווייס־בוך״ און פּראָטעסטירט קעגן דער נייער געזעצגעבונג, וואָס פאַרוואַנדלט „די אידישע נאַציאָנאַלע היים״ אין אַ אידישן געטאָ. עס איז געוואָרן באַשלאָסן נישט אויסצוּוויילן קיין נייע לייטונג, נאָר איבערלאָזן דעם עקזעקוטיוו אין זיין ביז אַהעריקן באַ־שטאַנד. מיט אַ רעדע פון דר. ווייצמאַן איז דער קאָנגרעס געשלאָסן גע־וואָרן״.

„זבאָנשינער פּליטים־לאַגער ווערט ליקווידירט״.

„אין שייכות מיט דער איצטיקער פּאָליטישער לאַגע, האָט דער הויפּט פּליטים־קאָמיטעט באַקומען אַ באַפעל תיכף צו ליקווידירן דעם פּליטים־לאַגער אין זבאָנשין. קיין וואַרשע קומען אָן יעדן טאָג גרעסערע גרופּן פּליטים, וועלכע ווערן צעשיקט אין פאַרשידענע שטעט. די אויפ־זיכט איבער די קינדער נעמט איבער דער „צענטאָס״.

מען רעכנט, אַז דער פּליטים־לאַגער אין זבאָנשין וועט שוין מאָרגן אָדער איבערמאָרגן זיין גענצלעך ליקווידירט״.

„דערשינען נומער 16 „יוגנט־וועקער״.

„די קולטור ליגע אין וואַרשע גרייט דעם אַרויספאַר אין דער אָפּרו קאָלאָניע אין בראָק ביים בוג״.

„סוחרים ווערן אַרויסגעשיקט קיין קאַרטוז־בערעזע פאַר הויבן די פרייזן פאַר שפּייז אַרטיקלען״.

„אין „סקאַלאַ־טעאַטער״ אויף דזשעלנע 1 גייט מאָריס שוואַרצס גראַנדיעזער וועלט־ספּעקטאַקל „יאָשע קאַלב״ פון י. י. זינגער״.

אין דעם זעלבן נומער צייטונג געפינט זיך אויך פאָלגנדע נייעס פון מעזריטש:

„דער נייער שטאָט־ראַט ווערט ניט צונויפגערופן״. „שוין עטלעכע חדשים, ווי עס ווערט נישט גערופן קיין זיצונג פון דער קהילה־פאַרוואַל־טונג. די ווירטשאַפט איז פאַרוואַרלאָזט און דעם שפּיטאָל דראָט די גע־פאַר ער זאָל אַ ליאַדע טאָג געשלאָסן ווערן, אָדער אַרויסגענומען ווערן פון אידישע הענט״.

„נאָכן דורכפירן מוסטערהאַפט דעם „צוקונפט־לאַגער״ איז געשאַפן געוואָרן אַ סעמינאַר, וואו עס ווערן געהאַלטן לעקציעס איבער פאַרשידענע פּאָליטישע, פּאַרטייאישע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן. עס ווערט אויך געשאַפן א כאָר און מאַנדאָלין אָרקעסטער. היינט ווערט אַ „צוקונפט״־קרייז איבערגעפירט אין דער פּאַרטיי״.

„200 קינדער האָבן געפייערט מיט אַן אַקאַדעמיע דעם אינטערנאַ־ציאָנאַלן קינדער־טאָג״.

די ביבליאָטעק האָט לעצטנס געקויפט אַ גרעסערן טראַנספּאָרט נייע ביכער״.

פון דער פּראָפעסיאָנעלער קלאַסן־באַוועגונג שרייבט דער קאָרעס־פּאָנדענט פון מעזריטש אַט וואָס:

„לאַנגע מאָנאַטן האָט געדויערט די אַרבעטלאָזיקייט אין דער בער־שטעריי פּראָדוקציע. דער פאַריין האָט געטון אַלץ אויף צו לינדערן די נויט צווישן דער גרויסער בערשטער מאַסע אין שטאָט. פאַרגאַנגענעם

ווינטער איז מיט דער הילף פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון לעדער־פאַריין געשאַפן געוואָרן אַ קיך, וואו די אַרבעטלאָזע און זייערע פאַמי־ליעס האָבן באַקומען פאַר 10 גראָשן אַ גוטן און קרעפטיקן מיטאָג. אין משך פון איר עקזיסטענץ האָט די קיך אַרויסגעגעבן 30 טויזנט מיטאָגן".

„איצט איז מיט דער הילף פון לאַנד־ראַט און צ. ק. פון „בונד" גע־שאַפן געוואָרן אַ פראָדוציר־קאָאָפעראַטיוו, וואו עס ווערן דורך אַ טויש־סיסטעם באַשעפטיקט קנאַפע 50 אַרבעטער.

היות עס איז לעצטנס אַריינגעטרעטן אַ פאַרבעסערונג אין דער חזיר האָר פראָדוקציע, מאַכט די פאַריינס פאַרוואַלטונג באַמיאונגען צו באַ־שעפטיקן כאָטש טיילווייז די העכער 100 אַרבעטלאָזע, וואָס זיינען נאָך פאַראַן אין פאַריין.

ס'ווערט געפירט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע צווישן די יוגנטלעכע בער־שטער אַרבעטער, וועלכע זיינען אין אַ גרויסער צאָל פונאַנדערגעשפרייט אין די קליינע וואַרשטאַטן, וועגן אַריינטרעטן אין דער יוגנט־סעקציע ביים בערשטער פאַריין".

און וועגן באַקלייד־פאַריין אין שטעטל זאָגט זיך צווישן אַנדערס:

„אין דער מעזריטשער באַקלייד־פראָדוקציע, איז באַשעפטיקט די מערהייט יוגנטלעכע. די פאַרוואַלטונג פון דער יוגנט־סעקציע זאָרגט דער־פאַר, אַז עס זאָל געהעכערט ווערן דער אַרבעטס־לוין פון דער יוגנט און מ'זאָל ניט באַנוצן די יוגנטלעכע צו שטוב־אַרבעט".

:: :: ::

סך־הכל אין אַ וואָך אַרום נאָך דעם, ווי די געבראַכטע נאָטיצן וועגן אידישן אַרבעטער־לעבן, זיינען געוועזן פאַרעפנטלעכט אין דער וואַרשע־ווער צייטונג, אין די ערשטע טעג פון סעפטעמבער 1939, האָט די דייַ־טשע „לופט־וואַפע" באָמבאַרדירט מעזריטש און אויף די גאַסן פון שטעטל האָבן זיך געוואַלגערט די ערשטע פאַר צענדליק טויטע.

— 18 —

איין און זיבעציק אידן

מעזריטש איז קיינמאָל ניט געווען קיין שום סטראַטעגישער פונקט און איז אויך קיינמאָל קיין מיליטערישע שוץ־פּאָזיציע ניט געווען. ווען די עסטרייכישע אַפּיצירן האָבן אין דער וועלט־מלחמה פון 1914־18, פאַר־נומען דאָס שטעטל, האָבן זיי זיך שטאַרק געבייזערט, פאַרוואָס אויף זייערע מאַפּעס איז דער טייך „קושנא״ לגמרי ניט פאַרצייכנט און אין סאַמע מיט שטעטל לויפט אַ ברייטער, שטילער טייך.

פונדעסטוועגן האָבן די נאַציס באַלד אין די ערשטע טעג פון דער צווייטער וועלט מלחמה באַמבאַרדירט דאָס שטעטל און דעם 9־טן סעפּ־טעמבער 1939, האָט שוין געברענט דער וואַקזאַל.

אידן האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן אין דער הויכער געמויערטער שיל און אין קעלערס; יונג און אַלט האָבן געשפּירט, אַז פון אָט די דייטשע באָמ־באַרדירונגען, וועט זיין שווער אַרויסצוקומען.

דעם 28־טן סעפּטעמבער איז אָבער דאָס שטעטל פאַרנומען געוואָרן פון דער רויטער אַרמיי.

די פרייד האָט לאַנג ניט געדויערט, ווייל די רוסן האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי זיינען פון שטעטל אוועק אַ סך יונגעלייט. ניט אַלע האָבן אָבער געוואָלט און געקענט אַנטלויפן.

דאָס שטעטל איז לאַנג ניט געבליבן ליידיק, באַלד זיינען אָנגעקומען די דייטשן.

אויף צומאַרגנס, ווי די דייטשן זיינען אַריין אין שטעטל האָבן זיי אָנגעהויבן זייער פייניקונג און לסוף פאַרענדיקט מיטן אוועקשיקן אַלע אידן קיין מיידאַנעק, טרעבלינקע און אָשווענטשים.

געווען אַ פּאָר טעג, ווען אין שטעטל איז געווען ניט מער, ווי זיבעצן אידן, וועלכע האָבן געדינט אַלס שקלאַפן ביי דער דייטשער פּאָליציי.

וואָס אידן אין שטעטל האָבן זיך אַלץ אָנגעליטן פון די דייטשע רוצחים. אייניקע אידן האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן ביי פּאָליאַקן, וואָס האָבן געוואוינט אין פאַרשטאָט, אָדער גאָר אין די נאָענט ליגנדע דערפער. לאַנג האָבן אָבער די אידן דאָרטן זיך ניט געקענט אויפהאַלטן. מעזריטשער אידן זיינען געווען אין די פעלדער און וועלדער. אַריינטרעטנדיק אין פּאַרטיזאַנער־גרופּן האָבן זיי אויך אונטערגעצונדן די מעזריטשער תפיסה און באַפרייט אַ סך אידן.

אַזוי זאָגט זיך אין אַן אונטערערדישער צייטונג פון פוילן.

אויף יעדער פּרוּוו אַנטקעגנצושטעלן זיך דער דייטשער אָקופּאַציע, האָבן די דייטשן פאַרשטאַרקט זייערע גזירות אויף אידן.

אין שטעטל אַריין ווערן מיטאַמאָל אַריינגעשיקט אידן פון 46 שטעט און מ׳שטיקט זיך אין ענגשאַפט. אין שטאָט ברעכן אויס אַלערליי מגפות אין גרויסן אידישן שפּיטאָל, האָבן אָבער די דייטשן אַפילו קיין איין אידן נישט געלאָזט אַריינגעמען.

עס איז געווען אַזוי ענג אין די געטאָ־גאַסן און הייזער אין שטעטל, אַז מ׳האָט פּשוט ניט געהאַט וואו צו שטאַרבן. די מעזריטשער אידן האָבן אָבער אַלץ געטון, כדי צו מאַכן צווישן זיך פּלאַץ פאַר די אידן, וואָס זיינען אַריינגעשיקט געוואָרן פון קראָקע און פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן.

דעם 17־טן יוני 1941, שרייבט דער מעזריטשער „יודענראַט" אַ בריוו קיין אַמעריקע, „אַז פאַר דער קאַווע און טיי, וואָס זיי האָבן דער־

האלטן, קויפן זיי שיך פאר די אָרימע״. אונטער דעם דאזיקן בריוו זיי־נען אונטערגעשריבן: פרעזעס — מאגיסטער מ. גליקסבערג, סעקרעטאר — מ. זובערמאַן״.

עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט און די נאַציס האָבן אָנגעהויבן אומברענגען די אידן.

אין ה. לייוויקס „דער נס אין געטאָ״ זאָגט דער משוגענער אייזיק:

„איך בין אייזיק דאַרפסגייער פון נעבן מעזריטש, וואָס קום זאָגן, אַז ווייב און קינד האָט מען שוין אין אַ פאַרמאַכטן וואַגאָן אַוועקגעשיקט קיין טרעבלינקע״.

יונגע לייט און אייניקע מיידלעך פון שטעטל, וואָס האָבן זיך אַרויס־געראַטעוועט פון גיהנום און זיינען אָנגעקומען קיין ארץ ישראל דער־ציילן, ווי אַזוי מ׳האָט אויסגעשלאַכטעט די אידן אין שטעטל און אַז אַ פּאָר „בליענדע יונגען״ און צווישן זיי שמואל דעם „לאָמען מאליערס אייניקל״ האָבן די דייטשן צעשניטן ביים כאַפּן שמוגלען געווער אין גע־טאָ אַריין.

די שטאָט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שחט־הויז און אַלע האָבן געוואָרט אויף זייער ריי אומצוקומען. אידן האָבן אויף די ווענט פאַר־שריבן די נעמען פון די אומגעקומענע, אַנדערע האָבן אין טונקעלע פּלע־שער אַריינגעלייגט שטיקלעך פּאַפּיר, וואו ס׳איז געווען פאַרצייכנט די נעמען און דער טאָג, ווען מ׳האָט זיי באַשטימט אַוועקצופירן קיין מיי־דאַנעק.

יחידים בלויז, האָבן זיך געראַטעוועט על פּי נס. איינע אַזאַ געראַ־טעוועטע פון שטעטל: „בניומטשעס״ אייניקל שרייבט אין אירע בריוו אַט־וואָס:

„די גאַנצע צייט פון מיין אַרעסט האָב איך נאָר געבעטן: כ׳זאָל נאָך איינמאָל אין מיין לעבן פריי זיין און כאָטש איינמאָל אויפשטיין אָן אַ באַפעל פון די ס. ס. זעקס חדשים בין איך געגאַנגען נאַקעט און באָרוועס

און זיך דערנערט מיט 10 דעקאַ ברויט און 2 שיסלען וואַסער און דערביי שווער געהאַרעוועט און באַקומען קלעפּ".

„גאַנצע דריי יאָר בין איך נישט געווען קיין מענטש, נאָר אַ נומער. דער נומער איז אויסגעברענט ביי מיר אויף דער האַנט 47732. דאָס גייט שוין מער אין לעבן ניט אַוועק. ווען מ'איז אַנטלאָפן האָט מען גלייך גע־מערקט און ווען מ'האָט געכאַפּט, האָט מען גלייך אויפגעהאַנגען פאַר אַלעמען אין די אויגן.

יעדן טאָג האָב איך געזען הענגען אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן זיך געוואָלט רעטן פון טויטן־אינזל און דער וועלט דערציילן די וואָרהייט. פון דעם טויטן־אינזל קומט מען אָבער שוין ניט אַרויס.

ווען עס זיינען געקומען צו אונז אויף אַ באַזוך די שעפער פון די קרעמאַטאָריומס, האָט מען אונז געהייסן מאַרשירן גאַנץ נאַקעט און זיי האָבן אויף אונז געשפּיגן".

אין אַ צווייטן בריוו דערציילט די זעלבע וועגן שטעטל אַט־וואָס:

„אין אַ שיינעם זומער־טאָג באַמערקט איך, ווי אין אידישן פערטל איז פריילעך. די אידישע פּאָליציי מיט געסטאַפּאָ שפּאַצירן צוזאַמען און טרינקען לכבוד מאַרגנדיקער פאַרניכטונג. כ'באַשליס די נאַכט נישט צו שלאָפן אין אידישן קוואַרטאַל.

מיט וועמען דורכצורעדן האָבן איך נישט געהאַט, גיי איך אַוועק צו בעקער שלאָפן, אָבער די נאַכט איז שוין ניט צום שלאָפן. די פּאָליציי שיסט אויף יעדן טריט, מענטשן לויפן ווי ווילדע, יעדער זוכט אַ לאָך, וואו זיך צו פאַרשטעקן. דער זייגער שלאָגט אויס פיר און די אידישע פּאָלציי קומט מעלדן, אַז מ'זאָל זיך גלייך צושטעלן אויפן מאַרק־פּלאַץ. דערביי גיבן זיי נאָך צו פאַרשידענע ליגנס לטובת די מערדער. נאָך זייער אַוועקגיין קאָנטראָלירן די הייזער: געסטאַפּאָ מיט אוקראַינער. צען מינוט דאַרף דאָס דויערן און ווער עס וועט ניט פאַרלאָזן די הייזער, וועט גלייך דערשאָסן ווערן.

כ׳בעט בענען, אז מיר זאָלן זיך פארבאהאלטן — זאָגט ער מיר — כ׳זאָל אים דעם קאָפּ ניט פארדרייען. בין איך אוועק דורך „פישטשאנקע״, װאו די אוקראינער שיסן מיר גלייך נאָך. לויף איך דורך „זארוביע״ ביז איך קום אין דער „שיל־גאס״, באמערק איך, אז אלע אידן האָבן זיך שוין געלאָזט אין גאס אריין מיט זייערע פעק, מיינענדיק, אז דער מערדער גייט זיי אריבערפירן אין א צווייטער שטאָט.

ביים ראָג גאָס שטייט אַ אידישער פּאָליציאנט. בעט איך אים, אז ער זאָל מיר לאָזן גיין נעמען כאפּן א פּעקל, אין דעם קומט ארויס נעבע דעם „ילדס״ טאָכטער און זי ווערט גלייך דערשאָסן פאר וואָס זי איז נאָך ניט אויפן פּלאץ.

מיין בעטן האָט געהאט א ווירקונג און ער האָט מיר דורכגעלאָזט. שפּעטער, האָט מיר דער אידישער פּאָליציאנט געזוכט.

אין א פּאָר טעג ארום האָט מען צוגענומען האלב מעזריטש, פּ ע ר צ ן ט ו י ז נ ט א י ד ן.

איך בין דאן געלעגן אין וואָסער און אָן עסן און געהערט די שאָסן.

כ׳האָב איבערגעלעבט דאָס ערגסטע! אין די טויטן־אקציעס, האָב איך דורכגעמאכט די ערגסטע צרות. די מענטשן, וואָס האָבן מיר גע־האָלפן קען איך אָבער ניט אָפּדאנקען, ווייל זיי לעבן מער נישט.

איך בין געלעגן אויף טיפוס אין אַ קעלער. האָט זיך א אידישער דאָקטאָר איינגעשטעלט זיין לעבן, כדי מיר צו ראטעווען און דריי מאָל אין טאָג, האָט ער מיר געמאכט איינשפּריצונגען.

כ׳בין אזוי לאנג געלעגן פארשטעקט ביז מ׳האָט מיר געכאפּט און אוועקגעפירט קיין מיידאנעק און שפּעטער מיר געשיקט קיין אשוויענטשים.

איך בין געשפּרונגען פון צוג און מ׳האָט מיך נאָכגעשאָסן, אָבער איך בין געבליבן לעבן.

פייגעלע חוה שרהס מיט טויבעס קינד, האָב איך געזען גיין אין קרעמאטאָריום אין מיידאנעק. ארקע מיטן יונגערן זין, זיינען אומגעקומען

אין אָשוויענטשים, „לייבל ציגאַן" זייער איידעם, האָב איך געטראָפן אין לאגער.

פון אונזער בענדעטס פאמיליע, זיינען אלע דערשאָסן געוואָרן, אויסער פייגע איז געגאנגען אין קרעמאטאָריום. איצל איז געגאנגען קיין טרעבלינקע, פריידל דערשאָסן געוואָרן ביים שאָפן אביסל וואסער".

ווי אזוי איך לעב קאָן איך ביזן היינטיקן טאָג ניט פארשטיין?

אומגעקומען פון אונזער מעזריטש זיינען אלע. עס לעבן בלויז איינציקע. צווישן די 150 אידן אין מעזריטש, זיינען אויך דאָ ביאַלער, וואָהינער, ראַדזינער און אנדערע".

⁂ ⁂ ⁂

די מלחמה מיט די נאַציס האָט זיך געענדיקט און פון איטאַליע, פון ארץ־ישראל, פון טשעכאָסלאָוואַקיע א. א. האָבן אָנגעהויבן אָנקומען בריוו פון לעבנגעבליבענע מעזריטשער, וואָס יעדער האָט אויף זיין אופן עפּעס דערציילט, וואָס פון די אידן אין דעם שטעטל איז געוואָרן.

צו אונזער אלעמענס אומגליק, גיבן אלע איבער די זעלבע טרויעריקע פאַקטן:

די אידן אין שטעטל דערמאָרדעט און פארברענט, די אידישע גאַסן און הייזער אין שטעטל וויסט און פוסט. די שיינע אידישע הייזער זיינען באַוואוינט און פארנומען פון פּאָליאַקן און די לעבנגעבליבענע, דאָס בלוטיקע רעשטל, קאָן צו זיך נישט קומען.

יעדער לעבנגעבליבענער ווערט געפּייניקט פון איינזאַמקייט און פון בלוטיקע מחשבות.

און דאָך האָט נאָך ביי די פיל טויזנטער, וואָס שטאַמען פון שטעטל און לעבן אין די אַמעריקעס, ארץ־ישראל און אנדערע לענדער, געלעבט א האָפענונג, אז א פּאָר טויזנט אידן, זיינען דאָך נאָך אין שטעטל געבליבן לעבן.

האָט אָבער די פאַרוואַלטונג פון דער אידישער קהילה אין מעזריטש

ארויסגעשיקט צו די מעזריטשער אין אמעריקע און אין ארץ־ישראל פאַל־גענדיקע מיטטיילונג:

„אלס ענטפער אויף דער אָנפראגע וועגן דעם גורל פון אייערע קרובים, וועלכע וואוינען אין מעזריטש־פּאַדליאסקי, זיינען מיר אייך מודיע, אז די אידן פון דער שטאָט מעזריטש, צוזאמען מיט די אידן, וואָס זיינען צונויפגעטריבן געוואָרן דורך די דייטשן פון 46 אנדערע שטעט קיין מעזריטש, א צאָל פון בערך 34.000 — זיינען אין די יאָרן 1942—1943 מאסנווייז פארשלעפּט געוואָרן דורך די היטלער־באנדיטן אין די טויטן־לאגערן אין טרעבלינקא און מיידאנעק, וואו זיי זיינען אויף א בעסטיאַלישן אופן אויסגעהרגעט געוואָרן. אויסער דעם, זיינען בערך 6.000 מאַן דערשאָסן געוואָרן אין מעזריטש.

זיי זיינען געבראכט געוואָרן צו קבורה אין מאסן־קברים אויף דעם אידישן בית־עולם פון דער שטאָט.

פארוואלטונג פון אידישער קהילה אין מעזריטש־פּאַדליאסקי.
מעזריטש דעם 12־טן אָקטאָבער 1945.

צו אָט דער פינצטערער מודעה פון דער אידישער קהילה אין שטעטל, איז אויך אָנגעקומען א בריוו פון מעזריטש, דאטירט דעם 2־טן אויגוסט 1945, געשריבן פון יחזקאל שטיין.

י. שטיין איז געווען דער לאנג־יאָריקער סעקרעטאר פון „בערשטער־ארבעטער פאריין" און געוו. פּאַרזיצער פון אידישן קהילה־ראט, א צייט פאר סעפּטעמבער 1939. ער שרייבט אין זיין בריוו.

„איך גלויב, אז אין אמעריקע און בכלל אלע אידן, האָבן שוין אין א געוויסער מאָס פון די צייטונגען געהערט וועגן דעם גרויסן אומגליק, וועגן דער גרויזאמער פארניכטונג פון אייראָפּעאישן, און ספּעציעל פון פּוילישן אידנטום, וואָס עס האָבן דורכגעפירט די דייטשע ווילדע בעסטיעס.

פון דער גאנצער שטאָט מעזריטשער אידן זיינען אויף א צופעליקן אופן געראטעוועט געוואָרן קנאַפּע 200 נפשות. צווישן די געראטעוועטע

בין איך איינער פון די, וואָס בין געווען אין מיידאַנעק ביי לובלין און שפּעטער אין אַשוועגטשים.

מעזריטש איז איין גרויסער בית־עולם. עס דרייען זיך אַרום צעבראָ־כענע, עלנדע אידן. אַלץ איז חרוב, פאַרניכטעט. די הייזער, די שיל, דער בית־עולם; מיט איין וואָרט — ניט צו דערקענען.

די מענטשלעכע שפּראַך, די מענטשלעכע פאַנטאַזיע איז צו אָרעם צו געבן אַ בילד פון דער ווירקלעכקייט פון דעם חורבן, פון דעם גרויסן אומגליק אונזערן."

דער יונגער ווייסגלאַז, פון דער „צעבראָכענער גאַס", וואָס האָט זיך נאָר וואָס אומגעקערט פון ראַטן־רוסלאַנד שרייבט אין אַ בריוו, אַז דורכפאָרנדיק דאָס שטעטל, אויפן וועג קיין נידערשלעזיע, האָט ער פּשוט ניט געקאָנט אויסהאַלטן און ער האָט געמוזט „אַראָפּשפּרינגען" קיין מעזריטש. פאַרבייפאָרן זיין שטעטל און ניט זען זיין היים, האָט ער ניט געקאָנט.

מער, ווי איין טאָג, האָט ער זיך אָבער אין שטעטל ניט געקאָנט דערהאַלטן. „מ'זעט ניט קיינעם, די אייגענע זייגן נישטאָ און פון אַלע זייטן יאָגט אַ שרעקלעכער טרויער".

אויך אַנדערע, וואָס קערן זיך צוריק פון סאָוועט־רוסלאַנד, האָפן אין שטעטל צו געפינען פאַמיליע, חברים, ווייל זיי האָבן געהערט, אַז מעז־ריטש האָט שוין אַ קהילה, עס פונקציאָנירט אַ אידישער קאָמיטעט און די ווייניקע צאָל לעבנגעבליבענע הויבן זיך אָן צוזאַמענריידן. דער חורבן טרייבט אָבער שנעל אַרויס, אַנטלויפט מען.

אין אַ בריוו פון 21־טן אַפּריל 1946, פונעם מעזריטשער קאָמיטעט אין ניעמטשאַ, נידערשלעזיע, זאָגט זיך: אַז נאָך זעקס יאָר מלחמה־קאַשמאַר קומען זיי צוריק פון רוסלאַנד און זיי באַזעצן זיך אין נייעם אידישן ישוב: נידערשלעזיע.

צווישן די, וואָס קומען, געפינען זיך אַלמנות, יתומים, קינדער, אַלטע לייט און קראַנקע. אַלע נויטיקן זיך אין הילף.

„די מעזריטשער וואָס באַזעצן זיך אין נידערשלעזיע ווילן צוריק אויפלעבן די פאַר מלחמהדיקע בערשטער־פּראָדוקציע דורך שאַפן אַ גרויסן

בערשטער־קאָאָפּעראַטיוו אין נידערשלעזיע און שאַפן ארבעט־ווארשטאַטן פאר אלע לעבנגעבליבענע ארבעט־פעאיקע מעזריטשער, און נישט זיין אויסגעשטעלט בלויז אויף בעטל ברויט".

און איצט א בריוו פון מעזריטש, פון 19־טן מאי 1946.
דעם „הויכן חיימס" איידעם שרייבט אָט וואָס:

„דער גורל פון אונזער געבורט־שטעטל? מיר זיינען צעבראָכענע יחידים, איינציקע פון א פאמיליע, (וואָס ס'איז א זעלטנהייט), איינציקע פון אַ שטאָט, פון א דור. כ'האָב דורכגעמאכט דעם גיהנום אויף דער וועלט, כ'האָב דורכגעמאכט זעקס יאָר היטלעריסטישע אָקופּאַציע, אין דעם איבער צוויי יאָר אין די בארימטע טויטן־ און קאָנצענטראַציאָנס־לאַגערן פון מיידאַנעק און אָשוויענטשים. על פּי נס בין איך דורך דער רויטער ארמיי געראַטעוועט געוואָרן, אומגעקערט זיך א היים עלנד, צע־בראָכן, אָן נענטערע און ווייטערע פאמיליע, אָן פריינט. נאָך פיר יאָר זיין אליין, האָב איך חתונה געהאט מיט א פרוי, וואָס האָט פונקט ווי איך דורכגעמאכט דעם זעלבן גיהנום, דעם זעלבן לעבן און ליידנס־וועג איבער די פארשידענע לאַגערן.

ווי עס זעט אויס אונזער לעבן?

מיר טרעטן אויף קברים, מיר טרעטן כסדר אויף ערד, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט בלוט, פון אונזערע נאָענטסטע און ליבסטע."

לעצטנס, זיינען פון שטעטל אָנגעקומען נאָך א רייע בריוו און אין זיי אלע ווערט דערציילט וועגן פינצטערן חורבן און אז „אין שטעטל געפינען זיך היינט בסך־הכל 71 מעזריטשער אידן".

:: :: ::

דאָס איז געוואָרן פון א אידיש ארבעט־שטעטל אין פּוילן מיטן נאָמען: מעזריטש, וואָס האָט הונדערטער יאָרן געלעבט א פולבלוטיק, געזונט, עכט, אידיש לעבן.

●

אינהאַלט

זייט

אַ פּאָר ווערטער — 5

1. דורות אידיש לעבן — 9
2. פון וואָס האָבן אידן געלעבט — 17
3. דאָס רעוואָלוציאָנערע מעזריטש — 25
4. אין אויגוסט 1914 — 35
5. די דייטשן זיינען געקומען — 41
6. „שטורעם און דראנג פעריאָד" — 45
7. אַכט טעג מיט די באָלשעוויקעס — 53
8. אַ דור וואָס האָט געקעמפט און געבענקט — 59
9. אַ „רעפעראַט מיט דיסקוסיעס" — 69
10. ליבעס — 77
11. אייגענע אונטערוועלט — 83
12. די בלעכענע שיף — 91
13. „דראמאטישע קרעפטן" — 99
14. ליטעראַטן אין שטעטל — 109
15. גאַסן און געסלעך — 121
16. ריידנסאַרט און צונעמענישן — 133
17. ערב סעפטעמבער 1939 — 137
18. איין און זיבעציק אידן — 147

Este libro se terminó de
imprimir el 5 de Julio
de 1946, en los Tall.
G r á f. CULTURA,
Sarmiento 2157,
Buenos Aires.